STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08087

LETSTE SHRIFTN

L. Chanukoff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. כאַנוקאָוו

*

לעצטע שריפטן

ל. כאַנוקאָוו

לעצטע שריפטן

I. פון דאָס ניי
II. אין די ווענט פון מויערן
III. וואָס איך טראַכט

פארלאג י. ל. פרץ
ישראל
1966

L. KHANUKOV

LETZTE SHRIFTEN

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

ל. כאַנוקאָוו / לעצטע שריפטן

פאַרלאַג י. ל. פרץ, אלנבי 31, תל־אביב

©
נדפס בישראל, תשכ״ו
Printed in Israel 1966

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062



ל. כאַנוקאָוו

ביי זיין סקולפטאר־ארבעט

אַ וואָרט וועגן ל. כאַנוקאָוו

דאָס דאָזיקע בוך — פון די פאַרבליבענע כתבים פון ל. כאַנו־קאָווס ליטעראַרישער ירושה — איז דאָס אַ כ ט ע בוך פונעם פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם דערציילער און עסייאיסט, און דאָס פ ע ר ט ע בוך, וואָס דערשיינט נאָך זיין טויט. פאַרשיידענע גלגו־לים־איבערוואַנדלונגען האָט ל. כאַנוקאָוו אַדורכגעמאַכט אין זיין לעבן, און אַזוי אויך איז באַשערט זיינע שאַפונגען אַדורכצומאַכן כלערליי גלגולים... ל. כאַנוקאָוו איז געבוירן דעם 3טן פעברואַר 1892 אין אַ רוסישן דאָרף, ער איז געוואַקסן און אויסגעוואַקסן אין אַ רוסישער געגנט, אויפגעצויגן אין דער רוסישער שפּראַך. די ערשטע עטלעכע יאָר פון זיין ליטעראַריש־שאַפערישער טעטיקייט איז ער געווען דורכויס פאַרבונדן מיט רוסיש, פאַרעפנטלעכט לידער און דערציילונגען אין דער רוסישער פּרעסע. ערשט ווען ער איז געקומען אין 1914 קיין אַמעריקע, האָט ער זיך דערנענטערט צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור. אויך אין אַמעריקע, אין זיין ערשטער היימשטאָט פילאַדעלפיע, איז ער נישט געגאַנגען אין קיין ספּעציעל־יידישע שאָפּן, נאָר אין נישט־יידישע פאַבריקן פון שיפבוי און לאָקאָמאָטיוון. דערפון — דער אַנדערער נישט־יידישער און נישט־יידישלעכער שטייגער און נוסח פון זיין טעמאַ־טיק און פון זיינע שאַפונגס־מאָטיוון.

עס איז טאַקע אַ ווונדער, ווי אַט דער יונגער־מאַן, מיט אַ נישט־יידישן הינטערגרונט, האָט דערנאָך פאַרנומען אַן אָרט צווישן די יידיש־לערער און יידיש־שרייבער. ל. כאַנוקאָוו האָט דעביוטירט אין יידיש אין 1916, געדרוקט אין צייטונגען און צייטשריפטן דערציילונגען, אָבער ערשט אין 1913, אין עלטער פון 31 יאָר, האָט ער באַוויזן אַרויסצוגעבן זיין ערשט בוך דערציילונ־גען „שווערע הימלען" (ניו־יאָרק, 320 זייטן). די אָפּרופן וועגן דעם בוך — גאַנץ־איינגעהאַלטענע, אַ געוויסער אינטערעס צום „אָנפאַנ־

גער״, און צוזאָגן, האָפענונגען אויף ווייטער. און דערביי אויך טענות, אַז „די שפּראַך פון בוך איז ווי פון ערגעץ איבערגעשריבן אָדער איבערגעזעצט...״ עס קומט אַ צווייט בוך פונעם מחבר: „אין פרומע שעה׳ן״ (ניו־יאָרק, 1925, 192 ז״ז), אַ דריט בוך — „דער מענטש״ (נ״י, 1929, 236 ז״ז), און דאָס פערטע בוך „סובּ־מאַרין״ (1932, 384 ז״ז). דאָס בוך ווערט אויך איבערגעזעצט אין רוסיש (אין מאָסקווע)...

אין לויף פון די ווייטערדיקע 25 יאָר אַנטוויקלט ל. כּאַנוקאָוו אַ גאַנץ־פּראָדוקטיווע שאַפערישע טעטיקייט. אויסער זיין קול־טור־פּעדאַגאָגישע, דערציערישע אַרבעט, — שרייבט ער און פּאַר־עפנטלעכט דערציילונגען, וויכטיקע אָפּהאַנדלונגען־אָפּשאַצונגען וועגן שרייבער און ביכער, דרוקט פּובליציסטישע און באַלערנדיקע אַרטיקלען וועגן יידישע און אַלגעמיינע קולטור־ און קונסט־פּראַגן, איז אויף דער וואַך און רעאַגירט אויף די אַקטועלע געשעע־נישן אין דעם וועלט־שאַפן. די דערציילונגען און די אָפּהאַנדלונ־גען דרוקן זיך אין די צייטונגען און צייטשריפטן פון פאַרשיידענע ריכטונגען און שאַטירונגען. אָבער צוליב די אומנאָרמאַלע באַדינ־גונגען פונעם יידישן פאַרלאַגס־וועזן, און אַ דאַנק די גוט־באַקאַנטע „געווויסע״ סיבות און „איינשטעלונגען״ אין דער יידישער גאַס, איז ער אָפט געצוווּנגען אַ גרויסן טייל פון זיינע פּרעכטיקע אָפּ־האַנדלונגען צו דרוקן אונטער פאַרשיידענע צוגעטראַכטע נעמען, און האָט נישט קיין מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן זיינע ווערטפולע שאַפונגען, — די דערציילונגען, דראַמאַטישע שאַפונגען און עסייען — אין בוכפאָרם.

די לעצטע עטלעכע יאָר, ווען ער איז געווען שווער און ערנסט קראַנק, איז זיין שאַפערישער גייסט געוואָרן טיפער און רייכער. ליגנדיק אויף זיין קראַנקן־בעט, נאָך די עטלעכע אָפּעראַציעס, ביי די מוראדיקסטע ווייטיקן, האָט ער באַוויזן צוצוגרייטן צום דרוק און אויך לייענען די קאָרעקטורן פון זיין בוך דערציילונגען „אין קלעם פון דער צייט״, וואָס איז דערשינען עטלעכע וואָכן נאָך זיין טויט (ער איז געשטאָרבן דעם 25־טן סעפּטעמבער 1958), מיט דער הילף פון זיין פרוי פלאָרענס. אַ דאַנק איר איניציאַטיוו איז אין 1960 אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַנד „ליטעראַרישע עסייען״ (געשריבן אין די יאָרן 1928—1956), וואָס נעמט אַריין איבער פופציק פּרעכטיקע אָפּהאַנדלונגען און אָפּשאַצונגען וועגן עלטערע און יינגערע יידישע און נישט־יידישע שרייבער. און וואָס פאַר

אַ טיפע קענטעניש, וואָס פאַר אַן ערודיציע און וואָס פאַר אַ חוש פאַר ליטעראַטור, פאַר שאַפן, פאַר פאַרשידענע קונסט־ריכטונגען און קונסט־שולעס די עסייען פאַרמאָגן!

נישט איין מאָל האָט ל. כאַנוקאָוו מיט טיפער באַזאָרגטקייט זיך געקלאָגט, וואָס זיינע פאַרשיידענע שאַפונגען ליגן אין די „שופ־לאָדן" און וואַרטן אויף תיקון... באַדאַרפן מיר באַדאַנקען זיין פרוי פלאָרענס, וואָס האָט די אַמביציע און איניציאַטיוו, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין מניעות, אַרויסצוגעבן נאָך ביכער פון ל. כאַנוקאָווס ליטעראַרישער ירושה. אין 1936 איז דערשינען אין היגן פרץ־פאַרלאַג זיין בוך „קריזיס" (אַ ראָמאַן אין 3 טיילן), מיט אַ לענגערן אַריינפיר וועגן ל. כאַנוקאָוו דעם מענטש און קינסט־לער און וועגן דעם גאַנג פון זיין שאַפן, געשריבן פון נחמן מייזיל. עס איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ פּרעכטיקער אַלבאָם פון ל. כאַנוקאָווס סקולפטורן. ווי באַקאַנט, האָט ער די לעצטע יאָרן מיט אַ באַזונדערן אייפער זיך פאַרנומען צו שניצן פון האָלץ און צו קנעטן פון ליים געשטאַלטן און פיגורן. ער האָט פאַרביטן די פ ע ן אויף דער ד ל אָ ט ע. דער אַלבאָם איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט ענגלישן טעקסט, וואָס איז איבערזעצט פון זיין עסיי „קאָס־מאָס און קונסט" דורך פל. כאַנוקאָוו.

און איצט ווערט געבראַכט פאַרן לייענער נאָך אַ בוך פון ל. כאַנוקאָוו — פון זיינע פאַרבליבענע שריפטן, — עס באַשטייט פון דער דראַמע „פון דאָס ניי", די באַלאַדע „אין די ווענט פון מויערן" און פאַרצייכענישן „וואָס איך טראַכט".

נ. מ.

תל־אביב, מערץ 1966

פון דאָס נײַ

פּיעסע פון יידישן לעבן אין אמעריקע

אין פינף אַקטן

פּערזאָנען:

חיים פעלד — אַ חזן, 60 יאָר אַלט.

מלכה — זיין ווייב.

דזשעראָם — דער עלטערער זון, אַ פאַבריקאַנט פון פוטער־מאַנטלען.

דזשעני — זיין ווייב.

זעלדע — אַ טאָכטער, אַרבעט ביי דזשעראָמען אין פאַבריק.

ברוך — דער צווייטער זון, אַ שרייבער, מיסטיש געשטימט.

לאָרע — ברוכס ווייב.

ווילי — דער יינגסטער זון, אַ סטודענט.

מאַקס — אַ פּליט, ערשט אַריבערגעקומען פון אייראָפּע.

חנה — זיין מוטער, אַן עלטערע פרוי.

די האַנדלונג קומט פאָר אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1947.

ערשטער אַקט

אַ זונטיק־פרימאָרגן אין הויז פון די פעלדס.

אַ טיפּיש ניו־יאָרקער „פּאַרלאָר״־צימער. אַן אַפּגענוצטער אַלטער „סעט״ מעבל.

װ י ל י, אַן אַכצן־יאָריק בחורל, ליגט אויף דער סאָפע און לייענט די זונטיק־צייטונגען. אַרום אים, אויפן דיל, בערג מיט צעוואָרפענע בלעטער.

ז ע ל ד ע, אַן עלטער אַרבעטער־מיידל, גייט אַרום מיט אַ שמאַטע אין דער האַנט, דער קאָפּ אַרומגענומען מיט אַ טיכל, און ווישט אַראָפּ דעם שטויב. זי זינגט אונטער אַ לידל.

ל אָ ר ע זיצט אין אַ ווייכן שטול, ביים פענצטער, האַלט אין האַנט אַ שפּיגעלע און צופּט אַרום גערודלדיק, מיט אַ ברעמען־ציערל, די ברעמען. זי איז אַנגעטאָן אין אַ קאָלירטן פרימאָרגן־פּראַק.

זעלדע. דער שטויב ליגט דאָ אויף אַלץ, פּונקט ווי מ׳וואָלט אים קיין מאָל נישט אַראָפּגעווישט.

לאָרע. אַט דאָס זאָג איך דאָך דיר אַלע מאָל: טוסט אַן אומזיסטע אַרבעט... אַ ביסל שטויב האָט נאָך קיינעם נישט אַוועקגעהרגעט... ס׳איז זונטיק — רו זיך אָפּ!

זעלדע. פון דיינעטוועגן קומט אויס, אַז מ׳האָט באַדאַרפט לאָזן וואַקסן דעם שטויב. ביסט געוואָרן אַזוי פויל, מיין שוועגערין, אַז דיך פאַרדריסט אַפילו ווען אַנדערע אַרבעטן.

ווילי. לאָרע איז גערעכט. אַ גאַנצן אינדערפרי גייסטו אַרום און פירסט מלחמה מיט אַ שטויבעלע.

זעלדע. דו אַליין מאַכסט אַן שטויב און צעוואָרפסט זאַכן, ס׳זאָל זיין גענוג אַרבעט פאַר אַ מענטשן אויף אַ גאַנצן טאָג. אַחוץ דיר זענען דאָ אויך אַנדערע.

ווילי. וווינסט אין ניו־יאָרק, טאָ לערן זיך אויס אַריינצואָטעמען שטויב. דאָ, אַז דו עפנסט אַ פענצטער, איז דער ערשטער גאַסט — שטויב און רויך.

זעלדע (גייט צו). זע, סאַראַ באַרג מיט צייטונגען דער בחור האָט עס אָנגעוואָרפן!... שטיי אויף, לאָז אויפראַמען, פוילער!... (לייגט צונויף די צייטונגען).

ווילי. צייטונגען זיינען ניט קיין שטויב. ניטאָ וואָס צו ראַמען. צייטונגען — דאָס איז קולטור. וועסט אויסראַמען וועט גאָרניט בלייבן...

זעלדע. די צייטונגען, וואָס דו לייענסט, זיינען נאָך ערגער פון שטויב. דאָס זיינען בערג מיט שמוץ. קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען...

ווילי. איך לייען די צייטונגען צוליב די נייעס און צוליב אינפאָרמאַציע. אַ מענטש דאַרף זיין אינפאָרמירט — פריער פון אַלץ. די הויפּטזאַך דאָס איז וויסן. וויסן — דאָס איז ליכט!

לאָרע. ביסט געוואָרן אַ גאַנצער פּראָפעסאָר, ווילי, ביסט ערשט פיר חדשים אין קאַלעדזש, און האַלטסט שוין לעקציעס.

ווילי. אַ מענטש דאַרף וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אָט איז ערשט צוויי יאָר נאָך דער מלחמה — און אייראָפּע ציטערט שוין פאַר אַ דריטן חורבן.

זעלדע. אַזאַ בחור ווי דו האָט געמעגט צולייגן אַ האַנט און ניט דערלאָזן, אַז ס׳זאָל קומען צו אַ מלחמה. ביסט שוין נישט קיין קינד.

ווילי. ביי אונדז אין קאַלעדזש זיינען די סטודענטן איינגעטיילט אין אַ סך פראַקציעס. יעדער איינער ציט צו זיך. איינער איז אַ רעכטער — זעט ער די וועלט אַנדערש. דער צווייטער איז אַ לינקער — זעט ער די וועלט פאַרקערט. און אַז איינער איז אַ ציוניסט — זעט ער שוין די וועלט בלויז דורך ציוניסטישע אויגן.

זעלדע. אָבער די געפאַר פון אַ דריטער וועלט־מלחמה זעען דאָך

שוין אַלע פּראַקציעס. און די איינציקע, וואָס קעמפן קעגן דער געפאַר זיינען דאָך פאַרט די קאָמוניסטן... נעם זיך דאָס אַריין אין קאָפּ!

לאָרע (הייבט זיך אויף). נו, אַז דער געשפּרעך אייערער ווערט שוין ערנסט, איז שוין צייט פאַר מיר אַרויסצוגיין... ווילי רעדט שוין אויך פּאָ־ליטיק — ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן...

ווילי. איר, לאָרע, האָט אַלע מאָל אַ טבע אויסצולאַכן... ווי גאָר עפּעס — לאַכט איר אויס!

לאָרע (גייט צו אים צו). נו, זיי ניט אין כעס, ווילי. שטיי אויף און לאָז זעלדען אויפראַמען אַן פּאָליטיק.

ווילי. איך וועל ניט אויפשטיין. זי קאָן ראַמען געזונטערהייט.

לאָרע (זי כאַפּט אים אָן פאַר אַ האַנט, שלעפּט אים אַראָפּ שטיפעריש פון דער סאָפע). וועסט שוין ביי מיר אויפשטיין... האָפּ!...

ווילי (אַ פאַרדרויטלטער). אייערע שפּאַסן...

לאָרע. וואָסי, מ'טאָר מיט דיר ניט אַ שפּאַס טאָן? ביסט געוואָרן צו ערנסט אין קאַלעדזש.

ווילי. איך לייען אַ צייטונג, און איר לאָזט ניט (שטייט אַ ברוגזער).

לאָרע (גיט אים אַ כאַפּ אונטערן אָרעם, ווי צום טאַנץ, און דרייט זיך אום מיט אים עטלעכע מאָל). כאַ־כאַ־כאַ!... אוי, ביסטו אַן אומגעלומ־פּערטער, ווילי!...

ווילי. לאָזט מיך אָפּ... לאָזט מיך אָפּ... איר וועט מיך אומוואַרפן, משוגענע...

זעלדע. זייט פאַרזיכטיק, לאָרע, וועסט אים נאָך צעטרייסלען די ביינער... (לאַכט).

מלכה (לויפט אַריין). וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך? וואָס איז געשען?

לאָרע. גאָרניט, שוויגער. כ'האָב זיך אַ ביסל אַ שטיפ געטאָן מיט אייער מיזיניק — טוט זיך אָפּ חושך!

ווילי (לייגט זיך צוריק אַוועק). נאָר אַז איר שפּאַסט... אַ צייטונג קאָן מען דאָ רואיק ניט איבערלייענען..

זעלדע. נו, אַט ליגט ער שוין ווידער... (נעמט דעם פּאַק צייטונגען און גיט אַ וואָרף אויף אים) נאַ, לייען! איך האָב אַנדערע צימערן צו ראַמען. (גייט אַרויס).

מלכה (זעצט זיך צו). ביסט געקומען זייער שפּעט, לאָרעלע... ברוך האָט מסתמא ניט געוווּסט, וואָס איבערצוטראַכטן.

לאָרע. זאָרגט זיך ניט, שוויגער, ברוכן אַרט זייער ווייניק, ווען איך גיי אַוועק און ווען איך קום צוריק.

מלכה. גאָט איז מיט דיר, לאָרעלע, וואָס הייסט, אים אַרט ניט? ער איז דאָך דיין מאַן. וועלכן מאַן אַרט ניט פאַר זיין ווייב?

לאָרע. ברוך האָט אין זינען איין זאַך — זיין בוך. לאָז איך אים איבער מיט זיין בוך.

מלכה. דיין ברוך האָט אַ נאָמען אויף דער וועלט. האָסט מיט אים באַדאַרפט שטאָלצירן.

לאָרע. וואָס קומט מיר אַרויס פון זיין גרויסן נאָמען? ער ווייסט אפילו ניט, צי איך לעב אויף דער וועלט. ער לעבט אין זיין וועלט, איך — אין מיינער. מיר האָבן באַזונדערע אינטערעסן אין לעבן.

ווילי. יעדער מענטש דאַרף זיין אַ וועלט פאַר זיך.

לאָרע. אַזאַ הויז איז שוין ביי אייך. יעדער האָט דאָ זיין אייגענע וועלט, וואָס מ׳טאָר זי ניט אָנרירן. זעלדע איז אַ קאָמוניסטקע. ברוך — אַ ציונסט. און ווילי, זאָגט מיר זעלדע, איז גאָר אַן אַנאַרכיסט... פאַר אַ געוויינלעכן מענטשן איז דאָ קיין אָרט ניטאָ.

ווילי. ברוך שרייבט איצט אַ גרויס ווערק. איר האָט אים באַדאַרפט פאַרשטיין.

מלכה. אין אַלע צייטונגען שרייבט מען וועגן ברוכן. אַנדערע ווייבער וואָלטן געווען גליקלעך צו האָבן אים פאַר אַ מאַן...

לאָרע. די צייטונגען שרייבן וועגן אים. אָבער קיין קלייד קאָן איך זיך פאַר דעם אַלץ ניט קויפן... אייער דזשעראַמס ווייב האָט נאָך אַלץ שענערע קליידער אָנצוטאָן און וווינט אין אַ רייכערן אַפּאַרטמענט.

מלכה. אַ משל! דזשעראָם איז דאָך אַ מאַנופעקטשורער. אַ ביזנעס־מאַן.

ווילי. ביי אייך, לאַרע, אַז איר האָט ניט קיין פּופּציק קליידלעך און אַ טוץ שיך — האָט איר ניט וואָס אָנצוטאָן.

לאַרע. דער קאַלעדזש־פּראָפעסאָר ציילט שוין מיינע קליידלעך... איך האָב געמיינט, אַז דו לעבסט נאָר אין אַ וועלט פון אידייען, ערשט...

ווילי. איר זענט מקנא דזשעניין אירע קליידער — זאָג איך עס אייך.

מלכה. אוי, לאַרעלע, האָסט ניט באַדאַרפט זינדיקן. טו אַ קוק אויף מיין חיימען. האָסט אַ טראַכט געטאָן, וואָס פון אים איז געוואָרן? געוועזן אַ חזן מיט אַ נאָמען, פון אַלעמען געקראָגן אַ לעבן־לאַנג דרך־ארץ, און אַט איז ער גאָר היינט אַוועק נאָך אַ מאָל בעטן זיך ביי דער „באָרד אָוו דירעקטאָרס", מ׳זאָל אים ניט לאָזן אָן ברויט. (זיפצט). און דאָ דאַרפן דאָך באַלד אָנקומען די פּליטים. מ׳וועט זיי דאַרפן באַזאָרגן מיט אַ היים, ביז זיי וועלן זיך דאָ איינאָרדענען... עפּעס אַ קלייניקייט, וואָס זיי האָבן דאָרטן איבערגעלעבט?... האָבן דאָרטן איבערגעלאָזט אַזוי פיל טייערע קברים... (ווישט די אויגן).

זעלדע (קומט אַריין). נו, איך בין שוין באַלד פאַרטיק מיט דער אַרבעט. כ׳וועל פאַרענדיקן די קיך און וועל זיך קאָנען אויספּוצן, ווי אַ לעדי. (צו מלכהן) און וואָס הערט זיך ביי דיר מיטן זונטיקדיקן מאָל־צייט? די גבירים אונדזערע וועלן דאָך מסתמא באַלד אָנקומען.

מלכה. ס׳וועט זיין וואָס צו עסן. מ׳זאָל נאָר ניט פאַרזינדיקן.

זעלדע. האָסט שטענדיק מורא פאַר זינד. דו ווייסט דען ווי צו זינ־דיקן? (לאַכט).

מלכה. יעדער מענטש איז זינדיק, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד. און דו, זעלדעלע, דאַרפסט זיך ניט אַרומקריגן מיט דזשעראָמען. ער איז דאָך דיין ברודער. האָט דיר געגעבן אַ דזשאָב...

זעלדע. איך קריג מיינע „וועידזשעס" ניט אומזיסט. איך פאַרדין ביי אים גאַנץ כשר מיין שטיקל ברויט. דערצו דאַרף איך אים נאָך אויך זונטיק זען פאַר מיינע אויגן, און נאָך מיט זיין ווייב דזשעניין...

מלכה. וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער אונדז געטאָן, דזשעראָם? האָסט פאַרגעסן, אַז ער האָט אונדז געשיקט אין יוראָפּ די שיפסקאַרטן, האָט אונדז אויסגעהאַלטן ביז מיר האָבן זיך צו עפּעס דערשלאָגן...

זעלדע. מיר האָבן אים פאַר אַלץ באַצאָלט מיט פּראָצענטן... און איך האָב בכלל פיינט אַ ברודער אַ בורזשוק.

מלכה. אַ שוועסטער זאָל רופן אַ ברודער מיט אַזעלכע צונעמען.

זעלדע. אַז ער איז פאַרט אַ בורזשוק און אַן עקספּלואַטאַטאָר...

מלכה. נו, וואָס נאָך וועסטו שוין אויף אים זאָגן?

זעלדע. איך וועל נאָך זאָגן, אַז ער איז סעמפּיק, אַ קמצן, אַ בייזער באַלעבאָס, וואָס טרייבט די אַרבעטער ווי שקלאַפן...

מלכה. נו, הער שוין אויף צו זידלען!... ווײ איז מיר, און דאָס רופט זיך נאָך אַ לייבלעכע שוועסטער!

זעלדע. איך האָב שוין דיר געזאָגט, מאַמע, איך האַלט אים ניט פאַר מיין ברודער. ער איז מיין „באָס".

מלכה. איך בין אַזוי אומרויִק פאַרן טאַטן, ער איז אַוועק צו דער „קאָמיטע" בעטן רחמים... חיימקע פעלד דאַרף בעטן רחמים... צו וואָס מיר האָבן דערלעבט.

ווילי. און איך זאָג נאָך אַלץ, אַז דער טאַטע דאַרף ניט אַרבעטן, גענוג געווען אַ חזן, און אַז ער האָט פאַרלאָרן די שטים — איז אוודאי צייט אָפּצורוען צו דער עלטער.

מלכה. גיי, דו רעדסט ווי אַ קינד! און ווי וועלן מיר לעבן? אויף זעלדעס פאַרדינסטן וועסטו קאָנען אויסהאַלטן אַ הויז? וועסט אַפילו דעם קאַלעדזש ניט קענען פאַרענדיקן.

זעלדע. וועט ער ניט פאַרענדיקן דעם קאַלעדזש! וועט זיין אַן אַ דאָקטער אין דער משפחה... (צו ווילין, מיט אַ חוזק־טאָן) דאָקטאָר וויליאָם פעלד... כאַ־כאַ־כאַ!

ווילי (מיט כעס). כ'האָב פיינט, אַז דו שטעכסט זיך. און פון וויסן דאַרף מען ניט אָפּלאַכן, וויסן איז ליכט.

זעלדע. איך לאַך ניט פון וויסן, איך לאַך אָפּ פון דיר. אָט זאָגסטו, אַז וויסן איז ליכט, איז פאַרוואָס זעסטו ניט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט? לייענסט די צייטונגען, אָבער טראַכטסט ניט וועגן אַ דריטער וועלט־מלחמה, וועגן בלוט־פאַרגיסונגען...

ווילי. וואָס קאָן איך טאָן? וואָס קאָן איין מענטש טאָן? ס׳איז דאָך אַ וועלט־אומגליק, קיינער קען קיין זאַך ניט ענדערן.

זעלדע. דײַנע חברים אין די קאָלעדזשן און אוניווערסיטעטן ווייסן שוין יאָ וואָס צו טאָן, נאָר דו (מיט חוזק): „וואָס קאָן איך טאָן?"

ווילי. איר, קאָמוניסטן, מיינט, אַז נאָר איר קאָנט ראַטעווען די וועלט, און איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל: דאָס וויסן וועט ראַטעווען די וועלט. נאָר דאָס וויסן וועט אַרויספירן די מענטשהייט אויפן ריכטיקן וועג.

זעלדע. אוודאי דאָס וויסן, אָבער דאָס וועט זיין אַ קאָמוניסטיש וויסן.

לאָרע. אַפילו דאָ פאַרגעסטו ניט צו פירן דײַן פּראָפּאַגאַנדע, זעלדע.

מלכה. נו, מ׳האָט זיך שוין ווידער צונויפגעכאַפּט! איך וועל שוין אַוועקגיין אין קיך און ניט הערן אייערע קריגערייען! נאָר אַז מ׳קריגט זיך אַרום. אַ שאַנד און אַ וויטיק (גייט אַרויס).

זעלדע (וואַרט אָפּ ביז מלכה גייט אַרויס). אַפילו דאָ, לאָרע, אומעטום, אַלע מאָל. און דו אַליין האָסט אויך געמעגט אַ מאָל איבערלייענען אַ פּאַמ־פלעט, לייענען אַן אַרבעטער־צייטונג — וואָלסט געוואָרן אַן אַנדער מענטש.

לאָרע. דאָס הויז איז דאָ פול מיט „איזמען" — צום חלשן! איך וועל שוין אייך לאָזן איבערמאַכן די וועלט. אַלע ווילן דאָ ברענגען משיחן, דו — אַ קאָמוניסטישן, מיין ברוך — אַ ציוניסטישן, און ווילי, דאַכט זיך, הייבט שוין אויך אָן אַראָפּצוברענגען זײַנעם אַן אייגענעם משיח...

ברוך (קומט אַרײַן, איז צעשויבערט, בלייך, הויך און דאַר). כ׳האָב געהערט איר פירט דאָ אַ לעבהאַפטן געשפּרעך — בין איך געקומען צולייגן אַן אויער.

לאָרע (מיט בייזלעכער איראָניע). ס׳איז נאָך אַ ווונדער, ווו דו האָסט גענומען דעם כוח אָפּצורייסן זיך פון טיש... אָפּנים, אַז משיח איז שוין געקומען.

ברוך (פּאַרזיכטיק). ניין, דערווייל נאָך ניט, אָבער ער וועט קומען, ער וועט מוזן קומען, מיין ווייב. מיר, יידן, דאַרפן אים שטאַרק האָבן. (פּלוצלונג) דער טאַטע איז נאָך ניט צוריקגעקומען?

זעלדע. דו מיינסט אויך, אַז ער וועט עפּעס אויספירן דאָרטן, ביי די פּרומאַקעס?

ברוך. איך ווייס? קהל דאַרף דאָך פאַרמאָגן יושר. אַ חזן איז אָפּגע־שטאַנען צען יאָר ביים עמוד — נעמט מען ביי אים ניט צו דעם שטיקל ברויט אָט אַזוי אַ...

זעלדע. זוכסט נאָך אַלץ יושר ביי באַלעבאַטים. דיין ברודער דזשע־ראַמען קאָנסטו? האָט ער די טעג גענומען דעם אַלטן ר׳ שלמהן און אים אַרויסגעוואָרפן פון שאַפּ. יענער האָט ביי אים אָפּגעשקלאַפּט נאָך מער ווי אַ צענדליק יאָר.

ברוך. פאַרוואָס?

זעלדע. אָט וועט ער באַלד אָנקומען — וועסטו ביי אים פרעגן. (רייסט זיך אָפּ פון אָרט) איך דאַרף נאָך עפּעס טאָן, איך דאַרף נאָך העלפן דער מאַמען אויך. (אָפּ)

ברוך (גייט צו צו ווילין). וואָס הערט זיך אויף דער וועלט, ווילי?

ווילי. עס וועט זיין אַ דריטע וועלט־מלחמה. דאָס מאָל — צווישן רוסלאַנד און אַמעריקע.

ברוך. און מיר, יידן, וועלן ווידער זיין די ערשטע קרבנות, אַזוי איז עס אַלע מאָל געווען. גלות און מלחמה — איין מלאך־המות מיט צוויי קעפּ. גלות טויט אונדז אָפּ גייסטיק, מלחמה — פאַרניכטעט אונדז פיזיש.

(לאָרע גייט אַרויס דעמאָנסטראַטיוו. ברוך און ווילי קוקן איר נאָך).

ברוך (נאָך אַ קורצן שווייגן). וואָס האָט דאָ פּאַסירט, וואָס לאָרע איז אין אַזאַ שטימונג?

ווילי (אַ ביסל פאַרלאָרן). גאָרניט... לאָרע האָט ניט ליב קיין ערנסטע געשפּרעכן... זי זאָגט, אַז אונדזער הויז איז אַ הויז פון „איזמען“ און נאָך אַזעלכע זאַכן...

(ברוך שווייגט, גייט צו צום פענצטער. שטייט אין אויפגערעגטן שווייגן).

חיים (קומט אַריין פון דער קאָרידאָר־טיר, רייבט די הענט). נו, אַ קעלטעלע! אַ הונט טאָר מען אויף דער גאַס ניט אַרויסלאָזן...

(מלכה און זעלדע קומען אַריין באַלד נאָך אים).

מלכה. נו, חיים, וואָס האָבן זיי דאָרטן באַשלאָסן? זאָג שוין! וואָס שווייגסטו?

חיים. וואָס זאָל איך שרײַען? חײַמקע פּעלד איז אויס חזן!

מלכּה (ברעכט די הענט). ווײ איז מיר! פאַרוואָס? פאַרוואָס ווילן זײ בײַ דיר צונעמען דאָס ביסל פּרנסה?

חיים. דײַן חײַמקע איז שוין אַפּנים ניט מער דער גרויסער חזן פון אַמאָל, זײַן שטים איז צו אַלט. די שול זוכט אַפּערע־זינגער.

מלכּה. סטײַטש? ביסט דאָך בײַ זײ צען יאָר אָפּגעשטאַנען בײַם עמוד מיט כּבוד, געהאָלפן אַרויפאַרבעטן די שול, געווען ווי אַן אײגענער...

זעלדע. איך האָב דיך געוואָרנט נאָך פאַראַיאָרן: טאַטע, בלײַב ניט אָן אַ קאָנטראַקט, האָסט זיך אָבער געוואָלט פאַרלאָזן אויף יושר פון דײַנע פּרומאַקעס.

חיים. אַן עדה ייִדן זאָגן צו — גײ, ווײס... (גײט זיך דורך איבערן צימער). אויס!.. אויס חזן, אָפּגעזונגען דאָס פײגעלע...

ווילי. און איך זאָג — טאַטע, שוין גענוג פאַר דיר צו אַרבעטן, רו זיך אָפּ!

חיים. אַ פײַנעם תּכלית שלאָגסטו פאַר, מײַן זון, זיצן און הונגערן...

זעלדע. מ׳וועט ווי עס איז אויסקומען, איך אַרבעט, און ווילי וועט אויך קאָנען געפינען עפּעס אַן אַרבעט אויף עטלעכע שעה אַ טאָג. זאָרג זיך ניט, טאַטע.

חיים. און אפשר זײַנען זײ גערעכט. אַפילו אַן אָנצוג, וואָס מ׳טראָגט צו לאַנג, ווערט דאָך אויך נמאס. און דאָ בין איך פאַר זײ געשטאַנען צען יאָר און געצויגן דעם זעלביקן נוסח, צען יאָר — אײן נוסח... דער עולם וויל אַ שליח־ציבור מיט אַ קול נגינה. אַ חזן איז דאָך די נשמה פון דער שול. און דאָ איז גאָר אַן אָנגעשפּאַלטענע כּלי, וואָס כריפּעט אונטער... (לאַכט). זײט ניט אַזוי געפאַלן, גאָט איז נאָך אַ שפּײַזער. כ׳וועל זיך אויס־זוכן עפּעס אַ פּרנסה. ניט אַלע זײַנען דאָך חזנים — פון דעסטוועגן לעבן זײ.

מלכּה. אויף די עלטערע יאָרן וועט ער זיך נעמען זוכן נײַע פּרנסות!

זעלדע. אין דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט אַ מענטש צו זעכציק יאָר ניט דאַרפן זאָרגן וועגן פּרנסה, אַלץ וועט זײַן אָנגעגרײט פון דער מלוכה.

חיים. די צרה איז נאָר, טאַכטערל, וואָס מיר לעבן נאָך דערווייל ניט אין דיין סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, און וואַרטן אויף יענער גוטער צייט איז אפנים ניט פאַר מיינע כחות...

ברוך. וואָס קאָן אַ ייד אין דיינע יאָרן טאָן?

חיים. וואָס? וואָס ס'וועט זיך מאַכן. כ'וועל ווערן אַ פעדלער, אַ קויפער פון אַלטוואַרג... מאַלע וואָס אַ מענטש קאָן טאָן? (לאַכט).

מלכה. אַז נאָר, אַז ער שפּאַסט! דאַ גיסט זיך בלוט, און ער מאַכט זיינע שטיק! גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד...

ברוך. וואָלסט אפשר גאָר אַ טראַכט געטאָן אַריבערצופּעקלען זיך מיט דער מאַמען קיין ארץ־ישראל.

חיים. האָסט דאָך מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז ארץ־ישראל איז אַ יונג לאַנד פאַר יונגע.

ברוך. ארץ־ישראל איז אַ לאַנד פאַר אַלע יידן, פאַר יונג און אַלט, אַ היים.

זעלדע. איר, ציוניסטן, האָט שוין אַלע מאָל ליב צו שיקן אַהין אַנדערע, אַליין זיצט איר אין דער היים... (צו חיימען) פאָלג מיך, פּאַלעסטינע איז אַן אייביקער קעסט־קינד פונעם גלות, אויף די אייגענע פיס קאָן עס ניט שטיין, און עלטערע מענטשן לעבן דאָרט פון קיצבה.

חיים. און אפשר איז ברוך פאָרט גערעכט. אַז משיח וועט קומען וועט מען דאָך סיווי דאַרפן זיך קייקלען אונטער דער ערד צום הייליקן לאַנד. ס'איז אפשר גלייכער, פריער פאָרן אַהין, באַהאַלטן די אַלטע ביינער...

מלכה. אָט האָסטו אים, חיימקעו, מיט זיינע חכמות...

זעלדע. ברוך וויל דיך פאַרשיקן קיין פּאַלעסטינע. פאָלג ניט, טאַטע, דערצו ביסטו נאָך ניט אַזוי אַלט, צו פאָרן אַהין שטאַרבן...

ברוך. ארץ־ישראל איז אַ לאַנד פון לעבן און פון אויפלעבונג, ניט פון טויט. און אַפילו שטאַרבן דאַרף אַ מענטש אין דער היים.

זעלדע. ווו אַ מענטש לעבט, דאָרטן דאַרף זיין זיין היים. די גאַנצע וועלט דאַרף ווערן דעם מענטשנס היים.

ברוך. די גאַנצע וועלט — דאָס איז פרעמד־לאַנד, און ארץ־ישראל איז אונדזער שענסטער טרוים, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט. דאָס איז דער סוף פון אונדזער לאַנגן וואַנדער אין דער פרעמד.

זעלדע. די גאַנצע וועלט איז אַ גוטע, וווּנדערלעכע היים, נאָר אַ בייזע מאַכט צעשטערט די היים. דאַרף מען די מאַכט צעשטערן, און די וועלט וועט זיין אַ גוטע היים פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און אויך פאַר יידן.

מלכה. אַט האָסטו דיר, מיינע קינדער האָבן זיך שוין ווידער צונויפ־געכאַפּט... (פון קאָרידאָר דערטראָגט זיך אַ לאַנגער קלונג פון גלעקל).

זעלדע. נו, אַט האָט איר שוין אונדזערע זונטיקדיקע געסט, דזשעראָם מיט דזשעניִן... (גייט עפענען די טיר).

מלכה. אוי, די קינדער זיינען דאָך געקומען. כ׳וועל גיין צוגרייטן ס׳עסן.

זעלדע (קומט צוריק). מאַכט אַ וואָרע, — די גבירים זיינען דאָ!...

חיים. רייכקייט איז ניט קיין שאַנד, טאַכטער... האָסט זיי ניט צו ליב...

זעלדע. איך האָב זיי ניט ליב, ווייל אָרעמקייט איז אַזאַ שאַנד, טאַטע...

חיים. אוי, קינדער, וואָס איר זייט...

(דזשעראָם און דזשעני קומען אַריין, נאָך אַ ביסל פאַררויטלט פון קעלט).

דזשעראָם. גוט מאָרגן, טאַטע, גוט מאָרגן!

דזשעני. גוט מאָרנינג, עווריגאָדי!

חיים. גוט מאָרגן, גוט מאָרגן! וואָס עפּעס היינט אַזוי שפּעט?

דזשעראָם. ס׳איז דאָך עפּעס זונטיק אויף דער וועלט. שבת צונאַכט גייט מען אַרויס צו אַ „שאָ“, יו נאָו, ווייסט דאָך, נאָך דעם גייט מען עפּעס עסן אין אַ רעסטאָראַן, ווייסט דאָך, ווי עס איז... מ׳קומט אַהיים שפּעט, ווילט זיך ליגן אין בעט אַ ביסל שפּעטער... אַ ביזנעסמאַן האָט דען די גאַנצע וואָך רו? זונטיק איז דער איינציקער טאָג, ווען מ׳קאָן כאַפּן אַ דרעמל... כאַ־כאַ־כאַ!...

דזשעני. ס׳קומט זונטיק, האָב איך קיין האַרץ אים צו וועקן... און ער, אַז מ׳לאָזט אים נאָר, וואָלט ער אַריינגעכראָפּעט ביז אין דער נאַכט אַריין.

דזשעראָם. כ׳בין אַריין אין קיך זען די מאַמען. זי איז עפּעס פאַר־זאָרגט, וואָס האָט פּאַסירט?

חיים. מ׳האָט מיך אָפּגעזאָגט אין שול, — נו, אַ יידענע, ווייסט דאָך...

דזשעראָם. סטייטש! פאַרוואָס?

חיים. זיי זאָגן, כ׳בין שוין צו אַלט צו זיין אַ שליח־ציבור.

דזשעראָם. מ׳טאָר עס ניט דערלאָזן! איך וועל זיך דורכריידן מיט מיין לאָיער. ער וועט שוין אַלץ אָפּפיקסן. וואָס הייסט, מ׳נעמט אַ מענטשן און מ׳שיקט אים אַוועק צו דער עלטער?

זעלדע. זיי האָבן מיטן טאַטן געטאָן פּונקט דאָס זעלביקע, וואָס דו האָסט געטאָן מיט ר׳ שלמהן. יענער איז געוואָרן אַלט — האָסטו אים אַוועקגעשיקט...

דזשעראָם. הערסט אַ משל? יענער איז דאָך אַ פּלעינער אַרבעטער. עפּעס אַ נאַגלער ביי די טרימינגס... דער טאַטע איז דאָך אַ שליח ציבור!

זעלדע. ס׳איז די זעלביקע זאַך.

דזשעראָם. ס׳איז שוין גאָר אַ „דיפּערענץ״. אַ חזן — דאָס איז אַ גרויסע זאַך... אין שאָפּ איז גאָר אַנדערש. יעדער פאָרמאַן וועט דיר זאָגן, אַז אַ יונגער אַרבעטער איז אַ יונגער אַרבעטער.

דזשעני. ביי אונדז אין טעמפּל האָט מען אויך באַשלאָסן אָנצושטעלן אַ יונגן קאַנטאָר. די דירעקטאָרס זאָגן, אַזאַ קאַנטאָר איז שענער פאַרן טעמפּל... אַ „קוואַיער״ האָט מען ביי אונדז — זיינען דאָס מיידלעך. יונגע אַמעריקאַנער מיידלעך.

דזשעראָם. נו, אַ טעמפּל איז עפּעס אַנדערש! דאָרטן פאָדערן די וויבער, אַז דער חזן זאָל זיין אַ יונגער... יו נאָו... זיי האָבן אין „קוואַיער״ אַפילו עטלעכע קריסטלעכע מיידלעך... אַ פאַרגלייך אַ ביסל...

דזשעני. איך, אַז איך קום אין טעמפּל ראש השנה אָדער יום כיפור — ענדזשאָיע איך זיך דאָרטן נאָך בעסער, ווי אין טעאַטער, אָדער מוווי. דערצו איז דער טעמפּל ווי אַ סאָרט פאַמילי־רעיוניאָן... מ׳זעט דעם, יענעם, מענער רעדן וועגן ביזנעס. מ׳זעט וואָס מ׳טראָגט ביי לייטן... ס׳איז דאָרטן אַ סאָרט קלאַסי פּיפּל... ס׳איז אַ האָנער צו באַלאַנגען... אַלץ גרויסע מאַנופעקטשורס...

(ס׳הערט זיך אַ קלונג פון גלעקל אין קאָרידאָר. זעלדע גייט עפענען די טיר).

ווילי. ווער קאָן עס איצט קומען צו אונדז?

חיים. די שכנה, דאַרף לייען ביי דער מאַמען אַ ציבעלע...

פון דאָס נײַ

זעלדע (לויפט אַרײַן מיט אַ טעלעגראַמע, זייער אויפגערעגט). זיי קומען!... אַ טעלעגראַמע פון שיף... (לויפט צו דער טיר, רופט) מאַמע, זיי קומען!...

ווילי (שפּרינגט אויף). ווײַז אַ קוק טאָן!

חיים. נו, לייען שוין איבער... לאָמיר הערן.

מלכה (לויפט אַרײַן). געלויבט איז גאָט, ריבונו של עולם!...

זעלדע (לייענט). „מיר קומען אָן מיט דער ,מאַרין פלעטשער' דעם דריטן פעברואַר. באַגעגנט אונדז. מאַקס און חנה".

חיים (אַ געריהרטער). האָבן זיך קוים אַרויסגעריסן פונעם מלאך המות... ווי אָפּגעריסענע בלעטער פון אַ גרויסן בוים, וואָס איז פאַרצערט אין פלאַמען...

מלכה (וויינט). האָבן איבערגעלאָזט אַזוי פיל קברים... גאָט דער־באַרעמדיקער!...

ברוך. אומעטום, איבערן גאַנצן ברייטן גלות־לאַנד — מאַרטירער־קברים, ברידער־קברים אויף פרעמדער, פיינטלעכער ערד (גייט זיך דורך, צו אויפגערעגטער).

חיים (צו דזשעראָמען). נו, מײַן זון, מאַקסן וועסטו שוין מוזן געבן אַרבעט, וועסט עפּעס געפינען פאַר אים אין דײַן שאַפּ. האָסט אַזוי פיל אַרבעטער וועסטו האָבן נאָך איינעם... ער וועט פאַרדינען זיין ברויט און דו וועסט פאַרדינען אַ מצווה.

דזשעראָם. איך האָב געוווּסט, אַז נאָר עפּעס — וועט זיך עס אויס־לאָזן צו מײַן קאָפּ. מילא... אַ הונדערטער האָב איך געגעבן צושטייער אויף זייער קומען, מײַן לאַיער פאַר די פּאַפּירן וועט אויך וועלן אַ פופציקער... אַזוי איז עס שוין... מילא!...

זעלדע. איך האָב אויך געגעבן אַ הונדערטער, און דער טאַטע האָט געגעבן אַ הונדערטער. איך מיין, אַז דו ביסט אַ ביסל רייכער פון אונדז..

דזשעראָם. פון וואַנען ווייסטו, ווי רייך איך בין? האָסט איבערגע־ציילט מיינע קאַפּיטאַלן? צי איך האָב אפשר אויפגעבויט דעם שאַפּ מיט דײַן געטרייער אַרבעט?

זעלדע. דורך דער אַרבעט פון אַלע דיינע אַרבעטער...

חיים. נו, נו, היינט קריגט מען זיך ניט, היינט איז ביי אונדז אַ שמחה, אונדזערע פּליטים קומען שוין אָן... און די מאַמע האָט דאָך פּאַר אונדז אָפּגעקאָכט אַ מאָלצייט... וואָס זאָגסטו, מלכה?

מלכה. מ׳וועט שוין האָבן וואָס אָפּצועסן, מ׳זאָל נאָר ניט פאַרזינדיקן... (גיט זיך אַ כאַפּ) אוי, קינדערלעך, כ׳האָב פאַרגעסן צו פאַרזאָרגן אַ ביסל זעמל!

זעלדע (צו ווילין). ווילי, מירן וואַרפן גורל, ווער ס׳זאָל גיין אין בעקעריי... מאַך אַ קניפּל!

ווילי (כאַפּט אַרויס אַ טיכעלע, מאַכט אַ קניפּל). גוט. נאַ, צי!

זעלדע. האַלט גלייך די האַנט. (טראַכט).

ווילי. ס׳וועט מסתמא אויספאַלן אויף מיר...

זעלדע. אַהאַ!... דו האָסט שוין מורא, פוילער. (ציט אַרויס דאָס קניפּל) אַזאַ מזל האָבן שוין די פוילע — ניט פון אָרט. גיי, לייג זיך אויף דער סאָפע, איך וועל שוין מוזן גיין... (גייט אַרויס).

מלכה. גיי, ברוכקע, זאָג לאַרעלען, זי זאָל מיר צוהעלפן גרייטן צום טיש. (מלכה גייט אַרויס צו דער קיך. ברוך — דורך דער צווייטער טיר).

חיים. ווי גייען עס ביי דיר די געשעפטן, דזשעראָם?

דזשעראָם. ניט שלעכט. גאָר ניט שלעכט. די צרה נאָר איז, וואָס די יוניאָן שטייט איבערן קאָפּ. ערשט מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען מיט זיי געמאַכט אַ קאָנטראַקט, געגעבן זיי אַ רעיז (הוספה), אָבער איצט, אַז דער קאָנטראַקט ענדיקט זיך, בונטעווען זיי זיך... גיב זיי, גיב זיי מער! כאָטש גיב זיי אָוועק דעם שאָפּ און גיי אַרויס פון ביזנעס...

חיים. דאָס לעבן האָט זיך אַ הייב געטאָן, אַלץ איז געוואָרן טייערער...

דזשעראָם. אַ משל, איז דאָך פאַר מיר אויך אַלץ טייערער געוואָרן! וואַרע קאָסט דאָך איצט גאָלד! אַלע מאַטעריאַלן קאָסטן דאָך איצט צוויי מאָל אַזוי פיל... מאַשינען, געצייג... ס׳איז ניט קיין קלייניקייט, אויסצו־האַלטן אַ שאָפּ!

חיים. אָבער דאָס לעבן איז דאָך געוואָרן טייער, אַ שרעק... אַרבעטער דאַרפן דאָך אויך לעבן. וועלן זיי דאָך מסתם סטרייקן.

דזשעראָם. דאָס מאָל װעלן מיר זײ פּײטן. זײ װעלן בײ אונדז שטײן אויף די קני. דעם סטרײק װעלן זײ קײן מאָל ניט געװינען, ס׳זײנען דאָ פּלענטי אַנדערע אַרבעטער, װאָס װילן מאַכן אַ לעבן... יו נאָ!..

דזשעני. אַז ס׳װעט קומען צו אַ סטרײק, װעל איך אַרבעטן. נישקשה, איך קאָן נאָך אויך עפּעס טאָן. און זעלדע, אַן אײגענע שװעסטער, מעג אויך אַרבעטן.

װילי. זעלדע װעט ניט סקעבן און זי װעט זײן גערעכט.

דזשעראָם. די צרה מיט מײן שװעסטער איז, װאָס זי איז אַלע מאָל די ערשטע צו מאַכן טראָבל. װי נאָר עפּעס — זי איז קעגן מיר!

חיים. הײסט עס, אַז דו דערװאַרטסט טראָבל.

דזשעראָם. כע! נאָך ניט אַזױ שנעל. דערװײל קלײב איך זיך אַריבער־צומופן דעם שאָפּ אין אַ גרעסערער געבײדע. ס׳איז געװאָרן צו ענג, יו נאָ... (אויפגעלעבט) אוי, טאַטע, האָב איך געדונגען אַ פלאָר. כ׳װעל דאָרטן קאָנען באַשעפטיקן ביז אַ הונדערט אַרבעטער. אַז ס׳װעט אָנקומען דער סעזאָן, װעל איך קאָנען אַ ביסל פאַנאַנדערנעמען די הענט... קאָנטראַקטן קומען שוין אָן... (רײבט די הענט) װעסט האָבן אַ זון אַ מאַנופעקטשורער... כע־כע!

חיים. פון דײן מויל אין גאָטס אויערן, מײן זון. זאָל דיר גאָט העלפן.

דזשעראָם. אוי, טאַטע, קאָן מען מאַכן ביזנעס אין אַמעריקע! װעסט נאָך זען, װי איך װעל װאַקסן!

חיים. װאַקס, װאַקס, מײן זון, און װער אַ גביר. אפשר װעט אויך דער טאַטע קאָנען אָפּלעקן אַ בײנדל... (לאַכט).

דזשעראָם. אָבער דערװײל פעלט מיר אַ ביסל מזומן... װײסט דאָך, מ׳דאַרף איצט פאַר אַלץ האָבן אַ קאַפּיטאַל.

דזשעני. אַ, װען מײן דזשעראָם האָט גענוג געלט!...

חיים. איך מײן, אַז דו האָסט דאָך מסתם קרעדיט אין די בענק...

דזשעראָם. הלװאי פאַרמאָגן מיר דאָס בײדע, אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט גענוג. איך דאַרף אָבער אויך גרײט געלט, װאָס זאָלן זײן פרײ פון באַוטס (געלט־קאָנטראַקטן), װוּ איך קאָן נאָר כאַפּן אַ מזומן טױזנטער —

איז ווי געפונען. (טראַכט אַ ווײַלע). הער, טאַטע, אפשר וואָלסטו מיר גאָר געליען דײַנע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר טאָלער? זאָל איך עס פּאַרקרענקען, וואָס דו וועסט צו דעם צולייגן. כ׳וועל דיר צאָלן פּראָצענט אַ סך מער, ווי דער באַנק. וואָס זאָגסטו?

חיים (אַ ביסל פאַרלאָרן). בײַ מיר בעטסטו אַ הלוואה?... טאָמער האָב איך פאַרן גאַנצן לעבן אָפּגעשפּאָרט אויף דער עלטער אַ טויזנטער... מ׳וועט דאָך איצט דאַרפן עסן פונעם גרייטן... ווײַסט דאָך מײַן לאַגע.

דזשעראָם. וואָס מיינסטו, טאַטע, איך וועל דיך לאָזן פאַלן אין אַזאַ צײַט? וועסט דאַרפן געלט — וועסטו נעמען. ווי אין דער אייגענער קעשענע...

דזשעני. זאָל איך עס פאַרקרענקען, וואָס איר וועט צולייגן, שווער.

דזשעראָם (צו דזשעני). דו מיש זיך ניט. (צו חיימען) ווײַסטו נאָך וואָס, טאַטע? קום גאָר צו מיר אין שאָפּ אַרבעטן! כ׳וועל שוין געפינען פאַר דיר עפּעס צו טאָן. וועסט זיך בײַ מיר, חלילה, ניט איבעראַרבעטן. אַז איך וועל אַריבערמופן, וועל איך דאַרפן גענוג „הענט". איז וואָס זאָגסטו, טאַטע?

חיים. כ׳ווייס? כ׳וועל דאַרפן איבעררײדן מיט דער מאַמען, מיט די קינדער. מאַכסט מיר פלוצלונג אַזאַ אָנבאָט...

ווילי. טאַטע, אויב דו ווילסט זיך האַלטן אַן עצה מיט מיר, זאָג איך דיר גלײַך אָט דאָ, אַז דו זאָלסט, ערשטנס, ניט אויסלייען דײַן געלט און, צווייטנס, ניט גיין אין שאָפּ אַרבעטן. דאָס איז ניט פאַר חיימקע פעלד.

דזשעראָם. וואָס ווייסטו וועגן די זאַכן — ביסט נאָך אַ קינד. אויך אַן עצה־געבער!...

דזשעני. איך האָב דיר נאָך פריער געזאָגט: די קינדער וועלן ניט דערלאָזן... זיי זײַנען אַלע קעגן דיר.

דזשעראָם (צום ווײַב). וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט: מיש זיך ניט אַרײַן. דער טאַטע וועט אַליין וויסן וואָס צו טאָן.

ווילי. און איך זאָג, אַז דער טאַטע זאָל ניט אַרבעטן. כ׳וועל אויפגעבן

פון דאָס נײ

דעם קאַלעדזש און גיין אַרבעטן... זעלדע וועט העלפן. מיר וועלן ניט לאָזן דעם טאַטן אַרבעטן אין אַ שאַפּ.

חיים. נו, נו... **קאָך זיך ניט אַזוי, מיין מיזיניק.** (לאַכט) **זינט איך האָב פאַרלאָרן מיין שטעל, בין איך געוואָרן אַ וויכטיקע פּערזאָן ביי אייך, קינדער. אַלע רייסן זיך פאַר מיר...**

מלכה (קומט אַריין) **קומט שוין עסן. ווי לאַנג וועלן מיר אויף אייך וואַרטן? חיים, דזשעראָם, דזשעני, ווילי. קומט עסן.**

(אַלע לאָזן זיך לאַנגזאַם גיין פון צימער)

פאָרהאַנג

צווייטער אַקט

אָוונט. די בינע איז איינגעטיילט צווישן דעם פריערדיקן צימער, וואָס פאַרנעמט דעם גרעסטן טייל פון דער בינע און אַ טייל פון ברוכס צימער, דעם ווייטערן. אין הינטערגרונט, ביי אַ שרייבטיש, מיטן רוקן צום צושויער, זיצט ב ר ו ך און שרייבט, אַריבערגעבויגן צווישן בערג ביכער און מאַנוסקריפטן. אויף זיין טיש ברענט אַ לאָמפּ.

לינקס, אינעם גרעסערן טייל, איז טונקל. עס זעט אויס, ווי קיינער וואָלט דאָ ניט געווען. בלויז אַ טונקעלע געשטאַלט פאַר־נעמט אַ ווייטן ווינקל־פאָטעל.

ווילי (קומט אַריין, קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, קערט זיך אום, גיט אַ דריק דעם עלעקטרישן קנעפּל ביי דער טיר, קוקט זיך נאָך אַ מאָל אַרום און דערזעט ח נ ה ן). **אָ, איר זייט דאָ?... מיר זוכן אייך אַרום, און איר זייט גאָר דאָ... איך האָב אייך אַרומגעזוכט אין אַלע צימערן — ערשט איר זייט דאָ...**

חנה (גיט זיך ניט קיין ריר. זי איז אָנגעטאָן אין שוואַרצן. אירע האָר זיינען גרוי). **צו וואָס דאַרף מען מיך זוכן, איר דאַרפט מיך דען?**

ווילי (אַ ביסל פאַרלאָרן). **איך ווייס? פלוצלונג האָט מען זיך געכאַפּט — איר זייט ניטאָ. האָט מען אייך גענומען זוכן.**

חנה. **מ׳דאַרף מיך ניט זוכן. וווּהין קאָן איך דאָ פאַרלאָרן גיין, אַז איך גיי גאָר קיינמאָל ניט אַרויס פון הויז אַליין.**

ווילי. **טאַקע, פאַרוואָס גייט איר אַ מאָל ניט אַרויס זען די שטאָט? ס׳איז פאַראַן וואָס צו זען אַפילו אויף אונדזער גאַס.**

חנה. **כ׳וועל נאָך האָבן צייט צו זען.**

ווילי. איך בין אויך אַ הויז־זיצער... בלויז אין פרילינג און זומער האָב איך ליב צו שפּאַצירן אין פּאַרק. מיר האָבן דאָ ניט ווייט אַ גרויסן פּאַרק.

(חנה שווייגט).

ווילי. אַז ס׳וועט אָנקומען דער פרילינג, וועל איך אײַך ווײַזן אונדזער פּאַרק.

מלכה (קומט). אָ, איר זייט דאָ, חנהלע? און מיר זוכן אײַך אַרום...

חנה. פאַרוואָס דאַרף מען מיך אַרומזוכן? איך בין דאָ געזעסן און גע־וואַרט. די קינדער דאַרפן דאָך באַלד אָנקומען פון דער אַרבעט. מיך דאַרף מען ניט אַרומזוכן. איך וועל אין ערגעץ ניט פאַרלאָרן גיין.

מלכה. מאַלע ווּהין אַ מענטש קאָן אַוועקגיין?...

לאָרע (קומט. איז אויסגעפּוצט אין אַן עלעגאַנטן קלייד און הוט, ווי אויף אַוועקצוגיין). אָט איז זי דאָך, די מומע. איך בין דאָ צוויי מאָל געווען און ניט געזען...

חנה. איך האָב דיך געזען, טאָכטערל.

לאָרע. און איר האָט געשוויגן?

חנה. איך האָב ניט געהאַט וואָס צו זאָגן — האָב איך געשוויגן. צו וואָס גלאַט ריידן?

מלכה. אָט דאָס זאָג איך דאָך. זי זיצט זיך דאָ אַליין אין דער פינצ־טער — און מיר זוכן זי גאָר אַרום.

ווילי. איך האָב צוגעזאָגט דער מומען אַרויסצונעמען זי אין פּאַרק. ווי נאָר עס וועט וואַרעמער ווערן, וועלן מיר גיין שפּאַצירן. (צו חנהן) בײַ אײַך אין שטאָט איז געווען אַ פּאַרק?

חנה. אַוודאי, דער שטאָט־גאָרטן. און לעבן אונדזער הויז איז אויך געווען אַ גערטנדל. אַרום גאַניק זײַנען בײַ אונדז געוואַקסן קאַרשן־ביימער, בעז. און אויך בלימעלעך און גרעזעלעך זײַנען געוואַקסן אַ סך. מײַן מירעלע האָט אַזוי ליב געהאַט אונדזער גערטנדל און די בלימעלעך. זי פלעגט אָפט אַרויסגיין מיט די חברטעס אין פעלד און פלעגט אַרײַנברענגען אין הויז ווייסינקע, רויטינקע, בלאָינקע בלימעלעך, אַוועקשטעלן זיי אין קאַלטינקן וואַסערל אויף די פענצטער. און איצט איז דאָרטן אַלץ פאַרוויסט. די

שטאָט, דער גאָרטן, די פעלדער... און מיין מירעלע איז ניטאָ... מיין מאַן איז ניטאָ... אַ בייזער חלום האָט זיי צוגענומען פון מיר... מאַקס און איך זיינען קוים אַרויס פונעם חלום...

מלכה. די לעבעדיקע דאַרפן לעבן און פאַרגעסן.

ווילי. די לעבעדיקע דאַרפן אָנהייבן פון דאָס ניי.

חנה. ווי קאָן מען פאַרגעסן? מיר האָבן דאָך געזען בלוט. (וויגט זיך אין שטול הין און צוריק) פאַרגעסן, מלכה? אַ מענטש האָט אַ נשמהלע, אַן איידעלע נשמה. אַז עס טרעפט עפּעס, לייגן זיך אויף איר אויס קנייטשעלעך, און די קנייטשעלעך בלייבן שוין אויף אייביקע יאָרן. קיינער קאָן אָט די קנייטשעלעך ניט אויסגלעטן, אַחוץ גאָט, דער אייבערשטער, ווען ער איז זיך מרחם און נעמט אַוועק צו זיך... מיט אַ מענטשן, אַז ס׳טרעפט אַן אומגליק — איז דאָס שוין ביזן טויט אַריק.

ווילי. איך האָב ערגעץ געלייענט, אַז צייט איז דער בעסטער דאָקטאָר, זי פאַרהיילט אַלע ווונדן.

חנה (וויגט זיך נאָך אַלץ). אַ מענטש האָט אויגן, פענצטערלעך צו דער נשמה, זעען די אויגן עפּעס איין מאָל — זעען זיי שוין אויף אַלע מאָל. אונטער צוגעמאַכטע אויגנדעקלעך וועט ער עס זען. און אַז ער וועט זיך אַפילו די אויגן אויסשטעכן — וועט ער עס בלינדערהייט זען... דאָס וואָס מיינע אויגן האָבן צוגעזען וועט נאָר פון מיר צודעקן דער טויט, מיינע טייערע.

מלכה. איך טראַכט אַ מאָל, אפשר פעלט אייך עפּעס דאָ אין הויז... אפשר קאָנען מיר עפּעס טאָן צו מאַכן פאַרגעסן... מ׳איז דאָך לעבעדיקע מענטשן...

חנה. ניין, מלכהלע, מיר פעלט דאָ ביי אייך קיין זאַך ניט. איר זייט צו אונדז אַזוי גוט, אַזוי גוט... מיר זיינען דאָ ביי אייך, ווי אין אייגענער היים. גאָט זאָל אייך אָוועקגעבן. (וויגט זיך) אַ בייזער שטורעם האָט אונדז פאַרטראָגן פון דער אייגענער היים. אַ בייזער שונא האָט אונדזער היים צעשטערט, פאַרוויסט אונדזער האָב און גוטס און פאַרגאָסן אונדזער אומשולדיק בלוט... גאָט דערבאַרעמדיקער, שטראָף מיך ניט פאַר די רייד... (וויינט).

מלכה (ווישט אָפּ אַ טרער). ווײַן ניט, חנה, ווײַן ניט... אָט וועט דאָך באַלד מאַקס אַרײַנקומען פון דער אַרבעט, — ווועסט אים מצער זײַן...

חנה (ווישט אָפּ די טרערן). נו, אָט ווײַן איך שוין ניט... און פאַרוואָס דאַרף איך נאָך ווײַנען, אַז גאָט האָט אונדז, נאָך אַזוי פיל וואָגלעניש, געבראַכט צו אַ ברעג? גאָט און גוטע מענטשן האָבן זיך איבער אונדז דערבאַרעמט און געגעבן אַ מקום־מנוחה... מײַן מאַקס זאָל נאָר לעבן און געזונט זײַן.

מלכה. הלוואי זאָל נאָר דער אייבערשטער העלפן. אונדזער היים איז אײַער היים, חנהלע.

חנה. אַ דאַנק גאָט און נאָכדעם — אײַך. איר פאַרלאָזט ניט קיין ביטערע אלמנה מיט איר יתום... זאָלן נאָר מײַן מאַן מיט מײַן מרימל זײַן גוטע בעטער פאַר אונדז... אַ ליכטיקן גן־עדן זאָלן זיי האָבן פאַר זייערע מאַטערנישן אויף דער וועלט... (פּלוצלונג) איז וואָס זאָגט איר, טײַערע, מאַקס וועט באַלד אָנקומען פון דער אַרבעט? און בײַ מיר גייט אויס דאָס האַרץ. ווען ווועט ער שוין קומען.

ווילי. איר דאַרפט זיך ניט זאָרגן, מומע, ער וועט באַלד קומען. ווי אַלע מאָל, מיט זעלדען. גלײַך נאָך דער אַרבעט קומען זיי אַהיים.

חנה (הייבט זיך אויף). נו, וועל איך גיין אין מײַן חדרל. איך וועל דאָרטן אויף אים וואַרטן. (גייט אַרויס).

ווילי (וואַרט ביז זי פאַרשווינדט). האָט איר געהערט, ווי די מומע רעדט? אַזאַ קול האָט זי... און רעדט אַזוינע רייד... אירע אויגן זײַנען אָפן, אָבער מיר דוכט זיך אַלע מאָל, אַז זי איז בלינד... מ'רעדט צו איר — און זי קוקט ערגעץ פאַרבײַ, אין אַ ווײַטקייט אַרײַן...

לאָרע. דיר דוכט זיך עפּעס אַלע מאָל אויס, ווילי. אין אַלץ טייטשסטו אַרײַן מיסטיק און נאָך אַזעלכע זאַכן.

מלכה. אַ קלייניקייט צו זאָגן, וואָס זיי האָבן דאָרטן איבערגעלעבט? מאַקס דערציילט, אַז זי האָט מיט אירע אייגענע אויגן געזען, ווי זיי האָבן איר מאַן, משהן, פאַר אירע אויגן דערהרגעט... און מרימען האָט מען פון איר אַוועקגעריסן אויף אייביק. אַ געראָטן מיידל געווען. (זיפצט אַ ווײַלע און גייט אַרויס צו דער קיך־טיר).

לאַרע (גייט צו צום שפּיגל, קוקט זיך אָן פון אַלע זייטן). דו ווייסט, ווילי, זינט זיי זיינען אָנגעקומען, איז אונדזער הויז געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. ס׳איז שווער געוואָרן צו זיין אין דער היים. זיי זענען אין צענטער פון אַלץ. עס ווילט זיך ניט זיין אין הויז. ס׳איז ניט קיין הויז — ס׳איז אַ באַזאַר. לאַנדסלייט קומען, קרובים קומען... די זעלביקע רייד. טויט, אומגליק, היטלער...

ווילי. אָבער מאַקס רעדט זייער ווייניק וועגן די זאַכן. עפּעס ווי ער וואָלט וועלן אויסמיידן. ער האָט מיר די טעג געזאָגט: „איך וויל אָנהייבן פון ס׳ניי...״ ער וועט זיך אויסלערנען ענגליש — וועט ווערן אַן אַמעריקאַנער, ווי איך, ווי איר... (פּלוצלונג) איך זע, לאַרע, אַז איר האָט זיך פאַרפּוצט. איר גייט ערגעץ פאַר וועטשערע?

לאַרע. מיר איז זייער אומעטיק דאָ ביי אייך. אַלע קוקן אויף מיר ווי אויף אַ פרעמדער. עפּעס האָב איך זיך דאָ קיין מאָל ניט אַריינגעפּאַסט... אַפילו ברוך איז מיר ווי אַ פרעמדער. איך האָב ליב צו זיין שיין — אַרט עס אים. וועמען טו איך שלעכטס, אַז איך וויל זיין שיין?

ווילי. איך טראַכט אויך וועגן אייך זייער אָפט.

לאַרע. וואָס טראַכסטו וועגן מיר? מסתם דאָס, וואָס אַלע.

ווילי. איך טראַכט... אַז זייט איר אַ שיינע... זייער אַ שיינע... און...

לאַרע. אָבער ברוך זעט עס ניט. ער האָט נאָך מיר קיין מאָל קיין קאָמפּלימענט ניט געגעבן. אַנדערע — יאָ. אַפילו דו זאָגסט — איך בין אַ שיינע. (דרייט זיך אויס עטלעכע מאָל קעגן שפּיגל).

ווילי (אַ ביסל פאַרלאָרן). איך מיין, איר זייט זייער שיין...

לאַרע קאָקעטיש). ביסט אַ דאַרלינג, ווילי... און איך האָב דיך דערפאַר ליב. (גייט צו אומגעריכט און גיט אים אַ קוש אויפן באַק).

ווילי (נאָך מער פאַרלאָרן). נו, אָט... הערט אויף מיט אייערע שפּאַסן...

לאַרע (לאַכט). ביסט נאָך אַלץ אַ שעמעוודיקער... איך בין דאָך ניט קיין פרעמדע... (גייט אַרויס דורך דער טיר — גלייך אין ברוכס צימער).

ווילי נעמט אַ בוך און לייגט זיך אויף דער סאָפע לייענען. ברוך רייסט זיך אָפּ פון שרייבן, גיט אַ קער דעם קאָפּ צו לאַרען. קוקט זי אָן עטלעכע רגעס. זי גייט צו צו אַ שאַפּלאַד, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט.

ברוך. דו גייסט ערגעץ אַוועק, לאָרע? איך האָב דיך הײַנט כמעט ניט געזען. האָסט מיר ניט געוואָלט שטערן?

לאָרע. (איראָניש) האָסט זיך פֿלוצלונג פֿאַרבענקט נאָך מיר?

ברוך. פֿאַרוואָס ניט? איך וויל דיך אַלע מאָל זען, ריידן מיט דיר... איך וויל דיך זען אַפֿילו בײַ מײַן אַרבעט.

לאָרע. דו וועסט זיצן אײַנגעבויגן טאָג און נאַכט איבערן שרײַב־טיש, און איך זאָל זיצן אָן אַ זײַט און צוקוקן? ניין, אַ דאַנק פֿאַר דער אײַנלאַדונג.

ברוך. דו דערציילסט מיר ניט וווּהין דו גייסט, מיט וועמען דו טרעפֿסט זיך... פֿאַרוואָס? איך בין דאָך דײַן מאַן.

לאָרע. וואָסי, דו ביסט אפשר אײַפֿערזיכטיק?

ברוך. אַז מ׳האָט ליב אַ ווײַב — מאַכט ניט אויס, אַז מ׳איז אַ ביסל אײַפֿערזיכטיק. (הייבט זיך אויף צו איר. פֿלוצלונג צאַרט). איך האָב אַזוי פֿיל מאָל געוואָרט, אַז דו זאָלסט אַרײַנקומען, ווען איך אַרבעט, ווי אַ גוטער חבר, ווי אַ פֿרײַנט... איך זאָל דיך פֿילן לעבן זיך... זאָלסט פֿאַרשטיין מײַן אַרבעט, מײַן געראַנגל מיט זיך, מיט דער וועלט... וועסט ניט גלויבן, איך האָב אַפֿילו עטלעכע מאָל געמאַכט אַ צייכן אויף מײַן מאַנוסקריפּט, איך זאָל וויסן, אַז דו קוקסט אַ מאָל אין אים אַרײַן... (לאַכט ביטערלעך). ס׳איז קינדיש... אָבער אַזאַ מענטשלעכע שוואַכקייט ליגט נאָך בײַ מיר אין האַרצן...

לאָרע (בייז). איך האָב פֿײַנט דײַנע מאַנוסקריפּטן!

ברוך. אָט דאָס זאָג איך דאָך. מײַן וועלט איז דיר פֿרעמד. און אַ שרײַבער דאַרף זיך טיילן מיט זײַן אַרבעט, נאָך איידער די וועלט דערזעט זי... יעדער מענטש דאַרף האָבן עמיצן לעבן זיך, וועמען ער זאָל קאָנען פֿאַרטרויען זײַן גלויבן און זײַן צווייפֿל... כדי ער זאָל קאָנען באַזעלט ווערן מיט אַ נײַעם כּח.

לאָרע. נאָר אַז דו טראַכסט וועגן זיך, וועגן דײַן אַרבעט... און ווו בין איך? איך בין אויך אַ מענטש, איך וויל אויך לעבן! פֿאַרשטייסט, איך וויל לעבן!

ברוך. איך לאָז דיך ניט לעבן? דו טוסט, וואָס דו ווילסט, גייסט, וווּהין דו ווילסט. טרעפֿסט זיך אַפֿילו מיט מענטשן, וואָס זײַנען מיר ניט צום האַרצן...

לאַרע. אַהאַ!... אַט ביסטו שוין ווידער אײפּערזיכטיק! איך ווייס שוין וווּהין דו צילסט. (מיט העכערן טאָן). אוודאי! דײַנע קלאָגן זײַנען אין מיר מער פֿאַראינטערעסירט, ווי דו, מײַן מאַן. זיי פֿאַרשטייען מיך, און נאָך מער: זיי לאָכן דיך אויס... מאַכן חוזק פֿון דיר... און...

ברוך. די נביאים האָט מען אויך אויסגעלאַכט. אומגלויביקע לאַכן אויס דעם גלויביקן, אומערלעכע — דעם ערלעכן...

לאַרע. אוודאי! נאָר דו ביסט דער הייליקער! דו ביסט דער גערעכ־טער! פֿאַר מיר מעגסטו דאָך זײַן אויפֿריכטיק: איך בין דײַן ווײַב, פֿאַזיר ניט! אַז דו ביסט אײפּערזיכטיק — זאָג אַז דו ביסט אײפּערזיכטיק! אַז עס קרענקט דיר, וואָס אַן אַנדער מאַן זאָגט מיר אַ גוט וואָרט...

ברוך (ווערט בלייך, אויפֿגערעגט). שווייג, דו!... (גיט זיך אַ לאָז צו איר, בלייבט שטיין). שווייג!

לאַרע (מיט אַן אויסרוף). נו, זאָג שוין דאָס וואָרט. זאָג: איך בין אַן אויסגעלאַסענע, אַן אויסוווּרף, אַ... האָסט דאָך עס מיר אַזוי פֿיל מאָל געזאָגט!

ברוך (גיט זיך ווידער אַ לאָז צו איר). שווייג! שווייג!...

לאַרע (גיט זיך אַ שטעל אַנטקעגן, טראָציק). און אַז איך וויל ניט! און אַז איך וויל ניט?!... וואָס וועסטו טאָן?

(ביידע שטייען אַ רגע איינער קעגן אַנדערן. ברוך גיט זיך אַ קער, זעצט זיך צום טיש, לייגט אַרויף די הענט אויף די אויגן. לאַרע גייט אַרויס דעמאָנסטראַטיוו פֿון צימער. זי גייט שנעל פֿאַרביי ווילין און גייט אַרויס. ווילי קוקט איר נאָך מיט פֿאַרוווּנדערונג. אויף דער בינע איז אַ מינוט שטיל).

חיים (קומט אַרײַן. נאָך אים קומט אויך אַרײַן מלכּה). די קינדער זײַנען נאָך ניט געקומען פֿון דער אַרבעט?

מלכּה. ביז מ׳דערלעבט זייער קומען פֿון דער אַרבעט!.. און חנה איז אַזוי אומרויִק... ווי ס׳קומט דער אָוונט, ווערט זי אומרויִק... האָט מורא ס׳זאָל עפּעס ניט פּאַסירן מיט מאַקסן... זי איז אַזוי איבערגעשראָקן.

חיים. אַן אומגליקלעכע אלמנה, נעבעך. ס׳וועט געדויערן ביז זי וועט זיך דאָ ביי אונדז איינלעבן. מאַקס אָבער, זע איך, האָט זיך אין אַמעריקע שוין אײַנגעבירגערט. רעדט שוין ענגליש באַלד בעסער פֿון מיר...

מלכה. יונג בלוט, פּאַסט זיך צו.

ווילי. האָט איר באַמערקט? ווען מאַקס איז אין דער היים, איז די מומע חנה כמעט ווי באַרויִקט, זי האַלט זיך אַנדערש, זי רעדט אַנדערש, אָבער ווי נאָר מאַקס גייט אַרויס פון הויז — ווערט זי אומרויִק, איבערגעשראָקן, ווי זי וואָלט מורא האָבן, אַז עפּעס זאָל מיט אים ניט פּאַסירן.

מלכה. אַ קלייניקייט — איין אויג אין קאָפּ... ער איז דאָך דער איינציקער, וואָס איז איר געבליבן ביז די לעצטע טעג פון איר לעבן.

(חיים זיצט אין אַ געפּאַלענער שטימונג. הייבט זיך אויף, גייט זיך דורך נערוועז איבערן צימער, קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען).

מלכה. דער זייגער איז שוין האַלב נאָך פינף, און די קינדער זיינען נאָך אַלץ ניטאָ. ביז מ׳דערוואַרט זיי, פּאַלט אַרויס דאָס האַרץ...

ווילי. מאַמע, דו הייבסט שוין אָן ריידן באַלד, ווי די מומע... עס וועט קומען די צייט — וועלן זיי אָנקומען.

חיים (צו ווילין). אפשר וואָלטן מיר גאָר געמאַכט אַ שאָך, מיין זון? כ׳מיין — ביז זיי קומען.

ווילי. אַ שאָך, איז אַ שאָך... איך בין גרייט.

מלכה. טאַטע און זון, ווי צוויי קליינע קינדער... נאָר זיי שפּילן זיך. (גייט אַרויס).

ווילי. שאָך איז די שפּיל פון דערוואַקסענע, מאַמע. (ברענגט דאָס שאָך־ברעטל, די פיגורן). דו נעמסט, דאַכט זיך, אַלע מאָל די ווייסע.

חיים. ווייסט דאָך, אַ מענטש איז דאָך אַ ביסל אַבערגלויבעריש... איך גלייב אין ווייסע. מיטן קאָפּ קאָן איך עס ניט באַנעמען, אָבער מיטן האַרצן וויל איך דווקא די ווייסע...

ווילי (צעשטעלט די פיגורן פאַר זיך און פאַרן פאָטער). נו, פּאַרטיק. מיר וועלן שפּילן, ווי די גריכן פלעגן זאָגן, — ווי געטער...

חיים (פאַרטיפט זיך, מאַכט אַ גאַנג). געטער שפּילן זיך גאָר? און איך האָב געמיינט, אַז זיי גיבן נאָר אַכטונג אויף זייער וועלטל. אי, איז דאָס אַ וועלטל, מיין זון! (מאַכט אַ גאַנג).

ווילי. האָסט באַדאַרפט הערן, וואָס די מומע חנה זאָגט וועגן דער וועלט.

חיים. וואָס זאָגט זי?

ווילי. זי זאָגט, אַז ס׳קומט אַ סוף און אַן עק צו דער וועלט. אַלע שטעט וועלן איינגעזונקען ווערן. אַלע ימען און טייכן וועלן אַרויס פון די ברעגן און פאַרפלייצן די ערד... ווייל ס׳איז אָנגעקומען גאָטס צאָרן...

חיים. אַ ווערטעלע צו זאָגן, למשל, אונדזער ניו יאָרק זאָל פּלוצלונג איינזינקען...

ווילי. מיט יאָרן צוריק האָט טאַקע עפּעס אַ אינזשיניער פאָרויסגע־זאָגט, אַז דער באָדן פון מאַנהעטן וועט ניט אויסהאַלטן די שווערקייט פון די הימל־קראַצערס און וועט איינפאַלן... אָבער אַנדערע האָבן אים אויס־געלאַכט.

חיים. איך זע שוין, אַז דו האָסט זיך גענומען יאָגן אויף דיינע פערד־לעך, — נישקשה, איך האָב נאָך אויך פערדלעך... און די סאָלדאַטלעך קאָנען נאָך ביי מיר אויך עפּעס אויפטאָן... (נעמט אַראָפּ אַ פיגור). וואָס וועסטו איצט זאָגן?

ווילי. דאָס איז ערשט אַן אָנהייב. די אמתע מלחמה וועט זיך ערשט אָנהייבן, מיט אַטאָמישער קראַפט... מיט עראָפּלאַנען...

חיים (ווי צו זיך אַליין). מלחמה איז מלחמה. מיר האָבן ניט קיין מורא... דו, בעסער, פאַרהיט דיין טורעם, אַז ניט וועט ער דיר איינפאַלן...

ווילי. נאָך ניט אַזוי שנעל, טאַטע.

חיים (אויפגעלעבט). זע, ווי ער איילט זיך דאָס מיט זיין אָפיצירל! אָט וועל איך דיין העלד אונטערשטעלן אַ פיסל — און ער ליגט שוין... (נעמט אַראָפּ אַ פיגור).

ווילי. אָ, דאָס האָב איך טאַקע פאַרזען... שפּילסט דאָך טאַקע גאָר ווי אַ גאָט...

חיים. אָט וועל איך אַ ביסל דערשרעקן דיין קעניגין און נאָך דעם אַ גיי־טאָן אויף דיין קעניג — בכבודו ובעצמו...

ווילי. דייך קעניג איז נאָך אויך ניט צו גוט באַשיצט...

חיים (אויפגעלעבט). איך וועל מיין קעניג פאַרטיידיקן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט... ביזן לעצטן סאָלדאַטל מיינעם...

ווילי. היינט גייט עס צו ביי אונדז אַ ביסל צו שנעל... (נעמט אַראָפּ אַ פיגור).

חיים. אי־אי־אי!.. אַן אייגענער זון זאָל זיין אַזאַ גזלן!... הײַסט דאָך מיך געגומען און אָוועקגעקוילעט. ווו איך גיב זיך אַ קער — איז אַ סכנה. מיין גאַנץ קעניגרייך שאָקלט זיך... צעפאַלט... (פאַרטיפט זיך). אָבער מירן נאָך קעמפן... ביזן לעצטן ביסל בלוט... ביזן לעצטן סאָלדאַטל...

זעלדע (שטייט ביי דער טיר פון קאָרידאָר. שיסט אויס אײן אַ גע־לעכטער). טאַטע, ביסט מיר געוואָרן אַ גאַנצער מיליטאַריסט!..

ווילי. דער טאַטע פירט די מלחמה, ווי אַן אמתער גענעראַל, אָבער ער וועט פאַרלירן...

חיים (אַ ביסל פאַרשעמט). ווייסט דאָך, מיין טאָכטער, אַן אַלטער איז ווי אַ קינד. ער האָט ליב צו שפילן... שפילט מען זיך (פאַרטיפט זיך). יונגע שפילן, ווייל זיי האָבן ליב דאָס לעבן, און אַלטע — ווייל זיי ווילן פאַרגעסן דעם טויט... נו, ווי לאַנג וועסטו נאָך טראַכטן, מיין זון?

זעלדע (זעצט זיך אַריין אין אַ שטול). אוי, איך בין מיד!..

ווילי. אַ לעבן שפּילט מען ניט. אַ לעבן טראַכט מען. אַ גרויסער פילאָסאָף האָט אַמאָל געזאָגט: „איך טראַכט — הייסט עס, — איך לעב..." אָבער די שאָך־ברעט צווינגט צו טראַכטן נאָר וועגן די פיגורן, וועגן די פּאָזיציעס. דער געדאַנק איז צוגעשמידט צו איין פונקט.

חיים. אַ געדאַנק דאַרף מען אַלע מאָל שמידן. לאָזסטו אים פריי — וועט ער דיך פאַרטראָגן, ווייס איך ווו...

ווילי. זאָל ער זיך טראָגן, זאָל ער אַרומפליען פריי. אַ מענטש דאַרף האָבן אַ פרייע פאַנטאַזיע, אַ מענטש דאַרף האָבן פליגלען.

חיים. פליגלען גאָר? אַ מענטש איז דאָך ניט קיין פייגל און ניט קיין מלאך אַרומצופליען אין די הימלען. אַ מענטש איז געבאָרן צו שטיין מיט די פיס אויף דער ערד. ערשט נאָכן טויט גייט מען אין די הימלען...

מאַקס (קומט אַריין). גוטן אָוונט. איך זע, אַז דאָ איז מען פאַרטיפט אין אַ שאָך (קומט צו). איז ווי האַלט עס ביי אייך?

חיים. ביי מיר — ניט אַזוי גוט, אָבער ווילי שוועבט אין די הימלען — העלפט אים גאָט, אפנים...

מאַקס. טאַקע ניט אַזוי גוט ביי אייך, פעטער.

חיים. מיר האָבן זיך דאָ אַביסל דורכגערעדט וועגן תכלית. איך זאָג, אַז תכלית דאַרף מען זוכן נאָר אויף דער ערד, — כל זמן מיר לעבן. מיין

זוז דענקט, אַז אַ מענטש דאַרף אַרומפליען, ווי אַ פויגל און ווי אַ מלאך, צווישן הימל און ערד.

ווילי. די ערד אָן דעם הימל האָט ניט קיין זין. אין אַזאַ וועלט וואָלט איך ניט געוואָלט לעבן.

מאַקס. יאָ, די הימלען זיינען גאָרניט קיין שלעכטע דעקאָראַציע פאַר אונדזער וועלט, זיי גיבן צו אַ היפּש ביסל קאָליר און שיינקייט... אַ רייכער קוואַל פאַר פּאָעטן און טרוימער... אָבער די ערד איז פאַרט דער עיקר. דאָ לעבן מיר און דאָ לעבן מיר זיך אויס און... שטאַרבן.

זעלדע. אונדזער טרוימער מיינט נאָך אַלץ, אַז אַלץ וואָס ס'איז דאָ אויף דער ערד, איז אים אַראָפּגעפאַלן פון הימל אין אַ פאַרטיקן צושטאַנד, ווי מן.

ווילי (פאַרטרוימט). וואָס דאַרף דען אַ מענטש? אַלץ, וואָס ס'איז דאָ איז איבערגענוג. ס'איז דאָ אַלץ אָנגעגרייט פון דער נאַטור פאַרן מענטשן. די נאַטור איז רייך. און וואָס דאַרף אַ מענטש? זיין אויג דאַרף נאָר זיין זאַט. אַ מענטש דאַרף נאָר וויסן, אַז ס'איז דאָ, איז שוין גענוג, פון דעם אַליין איז מען שוין רייך און מ'דאַרף קיין זאַך ניט... איך גיי אַרויס אין דרויסן און גיב אַ קוק: אַ בלויער הימל און פּרעכטיקע ווייט־קייטן, וואָס האָבן ניט קיין סוף... מיליאָנען מענטשן מיט פאַרשיידענע פּנימער... גאַסן מיט פּרעכטיקע געביידעס... איך דערזע דאָס — און איך בין שוין רייך.

זעלדע. אַנדערע וועלן פאַר דיר בויען געביידעס מיט בלוט און מיט שווייס, אויסלייגן גאַסן און וועגן, פלאַנצן גערטנער, כדי דו אַליין זאָלסט זיין רייך.

ווילי (אַ ביסל פאַרלאָרן). די, וואָס האָבן הנאה פון אַרבעט — זאָלן הנאה האָבן. די נאַטור האָט פאַרן מענטשן אָנגעגרייט פון אַלדאָס גוטס. אָבער אַז אַ מענטש וויל מער — זאָל ער זיך אַרבעטן און האָבן מער... אַ מענטש דאַרף האָבן די פולע פרייהייט פון אויסוואַל. אַ פויגל איז פריי. אַ חיה איז פריי, דאַרף דער מענטש אויך זיין פריי.

זעלדע. אָט איז איך אַ ביסל צעפוילטער אַנאַרכיזם! ווי לאַנג צוריק האָסטו איבערגעלייענט שטירנערן, ווילי?

מאַקס. אַ פויגל און אַ חיה זײַנען גאָר ניט אַזוי פרײַ, ווי מ׳שטעלט זיך פאָר. זיי קעמפן זייער פאַר זייער עקזיסטענץ און פאַרן לעבן. זיי זײַנען אונטערגעוואָרפן אַלערלײַ געפאַרן, צו געווינען אַפילו זייער ביסל שפּײַז.

ווילי. דער זין פון מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט איז — גליק. פרײַהייט — דאָס איז גליק. פרײַהייט פון מענטשלעכער פּערזענלעכקייט — דאָס איז גליק.

מאַקס. אוודאי, אוודאי! אָבער פרײַהייט און גליק דאַרף מען ערשט דערוואָרבן. מ׳דאַרף די פרײַהייט און דאָס גליק אויסקעמפן! — פאַר זיך און פאַר אַנדערע. און געדענקט, ווילי, ניט נאָר פאַר זיך — אויך פאַר אַנדערע. מ׳דאַרף ערשט איבעראַנדערשן די אָרדענונג פון לעבן דורך קאַמף און בלוט. מיר, אין אייראָפּע, האָבן ערשט געהאַט אַ לעקציע, וועלכע קיינער טאָר ניט פאַרגעסן אַזוי שנעל.

מלכה (קומט). עס זעט אויס, אַז קיינער איז הײַנט ניט הונגעריק. קומט שוין עסן.

חיים. מיר עסן דאָ גייסטיקע שפּײַז, ווי ווילי האָט ליב צו זאָגן... (צו ווילין). נו, מײַן זון, דער שאָך אונדזערער וועט אויף אונדז דאַרפן וואַרטן. נאָך וועטשערע וועלן מיר ווידער אָנהייבן די מלחמה. ווי האָט אַ מאָל נאַפּאָלעאָן געזאָגט: „מלחמה ווערט געפירט מיטן פולן מאָגן!...״

מלכה (צו זעלדען). גיי, טאָכטערל, רוף ברוכן, לאָרע איז דאָך ניטאָ... פאַר וועטשערע איז זי אַוועק...

ווילי. שוין טאָקע צײַט צו עסן, כ׳בין אַזוי הונגעריק... אָבער דער שאָך איז סײַ־ווי ווי געווונען...

חיים. גאָט איז אַ גוטער... ער וועט ניט לאָזן פאַלן זײַנעם אַ געוויזענעם שליח־ציבור... (לאַכט).

(אַלע לאָזן זיך גיין פון צימער. זעלדע גייט אַרײַן דורך דער טיר צו ברוכן. ברוך איז די גאַנצע צײַט געזעסן איבערגעבויגן איבער זײַנע מאַנוסקריפּטן, דערהערט אירע טריט, קערט ער זיך אָפּ צו איר).

זעלדע (לעבהאַפט). ברוך, אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַמען: קום עסן!...

ברוך. איך בין עפּעס נישט הונגעריק... כ׳וועל שוין איבערבײַסן עפּעס שפּעטער...

זעלדע. די מאַמע זאָגט, לאָרע איז אַוועק פאַר וועטשערע. וואָס עפּעס אין מיטן דערינען?

ברוך. פרעג ניט. אָט אַזוי גייט זי לעצטנס אַוועק... פּוצט זיך אויס און גייט אַוועק...

זעלדע. און זי זאָגט גאָר ניט, וווהין זי גייט?

ברוך (נאָך מער געפאַלן). זי זאָגט ניט. הייבט זיך אויף און גייט... טרעפט זיך מיט מענטשן, וועלכע איך האָב ניט ליב...

זעלדע. וועסט ניט ברוגז זיין, ברוך? מיר דוכט, אַז דו האָסט זי זייער פאַרנאַכלעסיקט... האָסט זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דיין אַרבעט, און זי האָסטו איבערגעלאָזט אַליין. דערצו האָט זי ניט וואָס צו טאָן. זי איז אין קיין זאַך ניט פאַראינטערעסירט — בונטעוועט זי זיך...

ברוך. איך האָב אַ סך מאָל פּרובירט פאַראינטערעסירן זי אין מיין אַרבעט, אָבער — אומזיסט. פאַרשטייסט, זעלדע? איך האָב זי גענומען פון אַן אַמעריקאַניזירטער פאַמיליע, אָן יידישער דערציִונג. איך האָב מורא, מיין קאַמף איז אַן אומזיסטער...

זעלדע. דו האָסט זי ליב — דאָס ווייס איך. ניט אמת?

ברוך. יאָ, כ׳האָב זי ליב. אָבער איך האָב מורא, אַז איך וועל זי פאַרלירן.

זעלדע. בלויז אַרבעט וואָלט זי איצט געקאָנט באַרויקן און ברענגען צום שכל... ביסטו אָבער זיכער, אַז אויך זי האָט דיך ליב?

ברוך (פאַרלאָרן פון דער פראַגע). איך... איך ווייס ניט. אַ מאָל דוכט זיך מיר, אַז יאָ... אָבער איך בין מיט איר קיין מאָל ניט זיכער.

זעלדע. וואָס הייסט, ניט זיכער? וועגן די זאַכן קאָנען דאָך קיין צוויי מיינונגען ניט זיין... ביסט דאָך ניט קיין קינד.

ברוך. אַז איך האָב זי ליב, ווילט זיך מיר גלייבן, אַז זי האָט מיך אויך ליב... דערווייל ווער איך פאַרצערט פון צווייפל... איך ווער געשטערט אין דער אַרבעט.

זעלדע. איך וואָלט געזאָגט, אַז פריער וואָלסטו באַדאַרפט ברענגען אין אָרדענונג דיין לעבן — און נאָכדעם ערשט זאָרגן וועגן דיין אַרבעט.

פון דאָס נײַ

ברוך. אַז אַ מענטש איז פֿאַרטאָן אין דער אַרבעט — איז זי זײַן רעטונג. און איך אַרבעט ניט — איך ראַטעווע זיך, שוועסטער...

זעלדע. טו אַ קוק אויף מאַקסן, ברוך, ער איז אַהער געקומען נאָך לאַנגע יאָרן מאַטערן זיך. ער איז אַזוי פֿיל מאָל געשטאַנען פֿאַרן טויט. און דאָך — מיט וואָס פֿאַר אַ קלאָרע אויגן ער קוקט אויף דער וועלט! מיט וואָס פֿאַר אַן אָפּטימיזם! און דו האָסט מורא צו שליכטן אַ מאַן און ווײַב־קאָנפֿליקט.

ברוך (קוקט איר אין די אויגן). מיינסט, איך זאָל זיך שיידן מיט לאָרען? אויף אַלע מאָל?

זעלדע. איך בין אַ זייטיקע. אָבער מיר דוכט, אַז זי האָט דיך ניט ליב. דײַן וועלט איז איר פֿרעמד. און די שײנקייט אירע האָט זי פֿאַרפֿירט אָן אַ זײַט, טאָ וואָס קאָן שוין אַרויסקומען פֿון אַזאַ הייראַט?

ברוך (דערשראָקן). מיינסט אויך, אַז זי איז אַזוי ווײַט?...

זעלדע. איך האָב דיר ערשט געזאָגט, אַז איך זע זאַכן בלויז פֿון דער זײַט (ברוך שווײַגט). זײַ אויף מיר ניט ברוגז, ברוך. האָסט אויף מיר אַרויפֿגעצוווּנגען די רייד.

ברוך. ניין... ניין... פֿאַרקערט. כ׳האָב אַלע מאָל געוואָלט ריידן מיט אַ מענטשן.

זעלדע (גייט צו דער טיר). איך וועל שוין גיין... ה׳סט עס, אַז דו גייסט ניט עסן?

ברוך. ניין. דו גיי, דו גיי... (זעצט זיך אַרײַן אין שטול, האַלט דעם קאָפּ אין די הענט).

פֿאַרהאַנג

דריטער אַקט

אוונט. דער זעלביקער צימער. מלכה זיצט און שטריקט אַ סוועדער. חיים זיצט איבער אַ ספר,ביים טישל. אין ברוכס חדר איז פינצטער, אַ ווײַלע איז שטיל אויף דער בינע.

מלכה. אַז די קינדער גייען אַוועק פון הויז, איז אונדזער הויז אַ פוסטע. עפּעס זיינען אונדז היינט אַלע אַוועק, אַפילו ברוך איז אויך היינט ניטאָ.

חיים. שבת אַוונט ווילסטו, אַז יונגע מענטשן זאָלן דיר זיצן אין דער היים. אַז מ׳אַרבעט אָפּ אַ וואָך אין שאַפּ, — ווילט זיך אַ ביסל פאַרברענגען. זינט איך בין אַליין געוואָרן אַ פאַר־אַרבעטער ביי מיין זון — ווייס איך דעם טעם פון אַרבעט.

מלכה. האָסט אפשר באַדאַרפט בעטן אַ לייכטערע אַרבעט. דזשעראָם איז דאָך ניט קיין פרעמדער.

חיים. ס׳איז צום לאַכן, וואָס דו רעדסט... אין שאַפּ איז ניטאָ קיין קרובהשאַפט. ניטאָ קיין טאַטע, ניטאָ קיין שוועסטער... פרעג דזשעראָמען בחרם, צי איך בין דאָ אין שאַפּ.

מלכה. ער איז דאָך פאַרט דער באַלעבאָס.

חיים. עס זיינען פאַראַן גענוג געדונגענע באַלעבאַטים, וואָס אַרודעווען. אַז מ׳דאַרף אַ שטיקל אַרבעט, שטעלט מען זיך ניט אָפּ צו טראַכטן, צי דער אַרבעטער איז אַ טאַטע, צי ניט...

מלכה. איבער אַן אַלטן טאַטן אַרודעוועט מען?

חיים. אין דער היים איז מען אַ טאַטע. אין שאַפּ בין איך אַן אַרבעטער.

מלכה. דערפאַר קוקסטו מיר אויס אַזוי שיין... ווײַ איז מיר, אַ שענערן לייגט מען דאָך אין קבר...

חיים (שפּאָסט). וואָס? ס׳געפעלט שוין דיר ניט מײַן שיינקייט צו דער עלטער?

מלכה. אַז אַך און ווײַ צו אונדז, אַז חיימקע פעלד דאַרף דיר צו דער עלטער ווערן אַ פּראָסטער אַרבעטער, אַז אין דער גאַנצער משפּחה איז בײַ אונדז ניט געווען קיין באַלמעלאָכע.

חיים. זינט איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן, רעדסטו די זעלביקע נאַרישקייטן. אַן אַרבעטער פאַרדינט דען ניט כשר זײַן שטיקל ברויט?

מלכה. אַז איך און די קינדער האָבן צו דיר געטענהט: גיי ניט אַרבעטן... אַרבעט איז ניט פאַר דיר, האָסטו אונדז ניט געפאָלגט. דער זעלביקער עקשן, חיימקע פעלד... גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד...

חיים. איך בין אָפּגעזעסן אין דער היים גאַנצע צוויי חדשים, געלעבט אויף אַלעם פאַרטיקן. אַז איך האָב דערזען, אַז איך קאָן נאָך אָט אַזוי אָפּזיצן אויף קעסט בײַ מײַנע קינדער ביזן טויט אַריין, — האָב איך אײַנגעזען, אַז ס׳טויג ניט.

מלכה. וואָסי? דײַנע קינדער וואָלטן דיך, חלילה, געלאָזט פאַלן?

חיים. אַ מענטש טאָר ניט, זיך און זײַנע קינדער, ברענגען צו אַ נסיון... האָב איך אָנגענומען דזשעראָמס פאָרשלאָג...

חנה (קומט אַרײַן). איר זיצט נאָך. און איך האָב זיך צוגעלייגט, געמיינט, כ׳וועל קאָנען אײַנשלאָפן... איך האָב אַלץ געטראַכט... ניטאָ קיין פרומקייט אין אייער אַמעריקע... שבת זײַנען אָפן די געשעפטן... מ׳אַרבעט, מ׳איז מחלל שבת... נאָך גוט, וואָס ס׳איז דאָ אַ שול, קאָן מען זיך דאָרטן באַהאַלטן פון דער זינדיקייט אַרום...

מלכה. פאַר אײַך, חנהלע, איז דאָס שווער אַריבערצוטראָגן. מיר האָבן זיך צו דעם צוגעוווינט דורך די יאָרן.

חיים. מיר האָבן זיך ניט צוגעוווינט. מיר האָבן עס געמוזט אָננעמען... אָט זײַנען דאָך אונדזערע קינדער אויך ניט פרום... זיי האָבן זייער אייגענעם גאָט, אָדער, ווי זאָגן זיי, געטער... די שולן אין אַמעריקע זײַנען ליידיק. מיר, די עלטערע, קומען נאָך אָפּדאַווענען, אָבער אַז מיר וועלן מער ניט זײַן — איז אויס.

חנה. דערפאַר איז געקומען אויף אונדז גאָטס שטראָף... דערפאַר ווערן מיר פאַרטיליקט און אומגעבראַכט... גאָטס צאָרן גיסט זיך אויס אויף אונדזער לייב און לעבן...

חיים. נו, מיין שוועגערין, דו מאָלסט שוין אויס אונדזער גאָט אַ ביסל אין צו שוואַרצע פאַרבן... אונדזער גאָט איז אַן „אל מלא רחמים‟, ניט נאָר אַ נקמה־נעמער... ער האָט אונדז דורכגעפירט דורך בלוט און פייער טויזנטער יאָרן און וועט אונדז ווייטער פירן.

(ווילי קומט אַריין).

חיים. אָט איז ווילי. ער האָט זיין אייגענעם גאָט. פון אונדזער גאָט וויל ער ניט וויסן...

ווילי. וואָס איז דאָ? איר פירט דען אַ טעאָלאָגישע דיסקוסיע? איך האָב קיין מאָל ניט געזאָגט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין גאָט. אוודאי איז דאָ אַ גאָט. איך ווייס נאָר ניט, ווו אים צו געפינען.

חיים. האָסט דען ניט געלערנט, אַז גאָט איז אומעטום און אין אַלץ, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט?

חנה. איך האָב דאָ נאָך קיינעם פון די יינגערע ניט געזען דאַווענען, אַז מיין אייגענער זון האָט אויפגעהערט צו דאַווענען — האָב איך זיך געוואָלט אַ מעשה אָפּטאָן... ווער ווייס, אפשר האָט זיך דערפאַר גאָטס צאָרן אויף אונדז אויסגעגאָסן...

ווילי. איינער איז פרום מיט דאַווענען און אַ צווייטער קאָן זיין פרום אין האַרצן. איינער טוט מצוות מיטן מויל און דער צווייטער — מיט גוטע מעשים. אייער זון איז פרומער פון אַ סך פרומאַקעס...

חיים. אַנומלט גיי איך אַזוי מיט מיין וועלוולען פאַרביי דער שול מעריב־צייט, זאָג איך צו אים: „קום, ווילי, וועלן מיר אַריינכאַפּן אַ מעריב‟... מיר זיינען אַריין... אַ פאָר מינוט שפּעטער. קוק איך זיך אַרום — ניטאָ דער דאַווענער מיינער! (לאַכט).

ווילי (פאַרשעמט). אין שול איז געווען טונקל, ביים עמוד האָבן גע־ברענט אַ פאָר ליכט, אַ מנין אַלטע יידן האָבן זיך געשאָקלט... אַלץ עלטערע יידן... און איך אַליין נאָר אַ יונגער... כ׳האָב זיך געפילט פרעמדלעך...

ברוך (קומט). גוטן אָוונט... (קוקט זיך ניט אַרום, גייט גלייך, אַריין צו

זיך אין צימער. מ׳זעט, ווי ער צינדט אָן דעם לאָמפּ בײַ זיך אויפֿן טישל און הייבט אָן מישן אין אַ בוך. ער בלײַבט זיצן פֿאַרטיפֿט).

מלכה (נאָך אַ שטילשווײַגן). אָט אַזוי קומט ער לעצטנס אַרײַן און גייט באַלד אַרײַן צו זיך, פֿאַרשפּאַרט זיך איינער אַליין... מײַן האַרץ גייט מיר אויס פֿאַר אים... אַלע מאָל אַליין...

ווילי. שוין צוויי וואָכן, אַז זײַן בוך איז דערשינען — און די וועלט שווײַגט. און ס׳איז דאָך אַזאַ וויכטיק בוך! יאָרן אַרבעט האָט ער אין אים אַרײַנגעלייגט.

חיים. כ׳האָב דאָס בוך איבערגעלייענט. איך מוז זיך מודה זײַן — ניט אַלץ האָב איך פֿאַרשטאַנען... דער לשון איז ניט פֿאַר מיר, ניט מײַן שפּראַך, אָבער זײַן קוק אויף ארץ־ישראל — דאָס איז גרויס... ער רעדט דאָרטן ווי אַ נביא... אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז זײַן לאַרע... ניטאָ קיין שלום־בית בײַ זיי.

מלכה. האָסטו געזען אַ ווײַב? — זי איז קיין מאָל ניטאָ אין דער היים, קומט אַהיים מיטן טאָג צו גלײַך... גאָט זאָל ניט שטראָפֿן.

חיים. כ׳האָב מורא, אַז ס׳האַלט זיך שוין בײַ זיי אויף אַ האָר... ס׳וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן...

ווילי. מיר אַלע זעען נאָר איין צד — ברוכס צד. פֿאַר לאַרען שטעלט זיך קיינער ניט אײַן... מ׳דאַרף זי אויך פֿאַרשטיין... ברוך האָט זי פֿאַרנאַכ־לעסיקט, קיינער איז דאָ ניט פֿרײַנטלעך צו איר, זי איז דאָ ווי אַ פֿרעמדע.

מלכה. גיי, דו רעדסט, ווי אַ קינד... ווער האָט דען עפּעס צו איר? ס׳פֿעלט דען איר עפּעס בײַ אונדז?

זעלדע און מאַקס (קומען אַרײַן, אויפֿגעלייגטע). גוטן אָוונט!

חיים. אָט זײַנען שוין אויך אָנגעקומען די פֿאַרשפּעטיקטע פֿייגל... (צו חנהן) נו, מײַן שוועגערין, האָסטו זיך באַדאַרפֿט זאָרגן?

מאַקס. וואָסי, מאַמע, דו זאָרגסט זיך נאָך אַלץ, אַז איך וועל אין אַמעריקע פֿאַרלאָרן גיין? כ׳בין שוין אויס גרינער...

זעלדע. טאַטע, איך האָב פֿאַר דיר נײַס. אין צוויי וואָכן אַרום גייט דער שאָפּ אַרויס אין סטרײַק.

מלכה (גיט אַ פּאַטש מיט די הענט). ווײַ איז מיר, זיי וועלן דזשעראָמען אומגליקלעך מאַכן!...

זעלדע. זאָרג זיך ניט, מאַמע. אַפּילו נאָכן סטרייק וועט דיין זון נאָך אַלץ זיין אַ רייכער מאַנופעקטשורער, און מיר — אַרבעטער.

מלכה. וואָס הייסט, אין מיטן סעזאָן גייט איר אַרויס אין סטרייק?

חיים. אוי, מלכה, ביסט דאָך מיר עפּעס גאָר אַ גרינע אין הילכות סטרייק־פירונג... סטייטש, דאָס איז דאָך די סאַמע בעסטע צייט.

זעלדע. טאַטע, דו רעדסט דאָך שוין ווי אַ באַוווּסטזיניקער אַרבעטער...

מלכה. געדענק, חיים, וואָס איך זאָג דיר: מ'וועט אומגליקלעך מאַכן דזשעראַמען און אַליין וועט מען בלייבן אָן אַ שטיקל ברויט.

חיים. אַלע אַרבעטער וועלן הונגערן... זיינען מיר ניט בעסער פון אַנדערע.

זעלדע. בראַוואָ, טאַטע! דאָס איז אמתע אַרבעטער־סאָלידאַריטעט!...

מלכה. טאָמער מאַכט מען שוין אַ לעבן, — וועט מען עס אויך פאַרלירן.

חיים. אוי, קינדערלעך, אַלעמען האָט איר שוין אָרגאַניזירט, אָבער די מאַמען נאָך אַלץ ניט...

חנה (דערשראָקן). וואָס? עפּעס נאָך אַן אומגליק? (צו מאַקסן). זאָל דיך גאָט באַהיטן און באַשיצן, מיין זון, זאָלסט, חלילה, ניט פאַרפירט ווערן...

זעלדע (לאַכט). אייער זון לאָזט זיך ניט פאַרפירן. פאַרקערט, ער זוכט גאָר אַליין צו זיין דער פירער.

מאַקס. די מאַמע קוקט נאָך אַלץ אויף מיר, ווי אויף אַ קינד.

חנה. דאַרפסט ניט פאַרגעסן — מיר זיינען דאָ פרעמדע... מאַלע וואָס עס קען טרעפן... וווּהין קאָנען מיר ווייטער גיין? אַלע וועגן זיינען דאָך שוין פאַר אונדז פאַרשלאָסן... מיר האָבן ערשט געפונען אַ מקום־מנוחה... דזשעראַם האָט דיר געגעבן אַרבעט, באַזאָרגט מיט אַ שטיקל ברויט... מ'דאַרף זיין דאַנקבאַר.

מאַקס. באַרויק זיך, מאַמע, ניט איך פיר דעם סטרייק, אַנדערע פירן אים, און צו דזשעראַמען האָב איך פּערזענלעך גאָרניט.

חיים (באַרויקנדיק). און ביזן סטרייק איז נאָך פאַראַן גאַנצע צוויי וואָכן. אפשר וועט דזשעראַם נאָכגעבן... עקשנות האַלט דאָך ניט אָן אייביק... די לאַגע קאָן זיך בייטן — און אַלץ וועט זיין ווי געוועזן. (גיט אַ קוק אויפן זייגער). מיר האָבן זיך היינט פאַרזעסן, שוין צייט צו גיין שלאָפן (הייבט זיך אויף).

מלכה. קינדערלעך, איר וואָלט באַדאַרפט אפשר אַריינגיין צו ברוכן... לאָזט אים ניט אַלע מאָל אַליין...

מאַקס. גוט, איך וועל צו אים אַריינגיין, מיר האָבן נאָך ניט פאַרענדיקט אַ לאַנגן געשפּרעך, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן... (צו חנהן). מאַמע, דו האָסט זיך אויך היינט פאַרזעסן... גיי שלאָפן... און זאָרג ניט.

חנה. אַ מענטש דאַרף אַלע מאָל זאָרגן, מיין זון. איר זייט יונג — זאָרגט איר ניט... (הייבט זיך אויף). אַ גוטע נאַכט איך אַלעמען. (גייט אַרויס).

זעלדע (פּלוצלונג). לאַרע איז מסתם ניט אין דער היים.

מלכה (מיט אַ זיפץ). ניין, נאָך ניטאָ.

חיים. די קינדער וועלן נאָך מסתם פאַרברענגען. מאָרגן איז דאָך זונטיק, אָבער מיר, עלטערע, מעגן זיך שוין פון דאַנען אָפּטראָגן... קום, מלכה. (גייט צו דער קיך־טיר). אַ גוטע נאַכט, קינדער!

מלכה (גייט אים נאָך). אַ גוטע נאַכט. אָבער זיצט ניט ביז אין טאָג אַריין.

ווילי. איך האָב נאָך היינט אַזוי פיל צו לייענען! מאָנטיק דאַרף איך צושטעלן מיין שריפטלעכן באַריכט... נאָכדעם וועלן קומען די לעצטע עקזאַמענס פונעם פרילינג־סעמעסטער — און איך וועל זיין אַ פרייער פויגל (נעמט צונויף ביכער און פּאַפּירן און זעצט זיך צום טיש אַרבעטן).

זעלדע (צו מאַקסן). איר וועט טאַקע אַריינגיין צו ברוכן?

מאַקס. איך וועל אַריינגיין. אפשר וואָלט איר אויך מיטגעגאַנגען.

זעלדע. זינט איך האָב מיט אים גערעדט וועגן לאַרען, קאָן איך אים פריי אין די אויגן ניט אַריינקוקן... אַזאַ טראַגיש לעבן, ברוכס!

מאַקס. איר מיינט צוליב לאַרען?

זעלדע. צוליב איר און איצט אויך — צוליבן בוך... אָבער כ׳וועל אַריינגיין. קומט (ביידע גייען צו ברוכס טיר. מאַקס קלאַפּט אָן).

ברוך (גיט זיך נערוועז אַ הייב אויף. גייט צו דער טיר. עפנט). אַ, דאָס זענט איר? קומט אַריין, קומט אַריין...

זעלדע. איך האָף, אַז מיר וועלן נישט שטערן... ס׳איז אַזאַ שפּעטע שעה.

ברוך. ווער קאָן מיר איצט שטערן? מיין אַרבעט איז דערווײַל פֿאַר־ענדיקט. זעצט זיך צו (גיט זיי שטולן).

מאַקס. כ׳האָב אַ מאָל געהערט זאָגן, אַז פֿאַר אַ שרייבער איז דאָס אַרויסגעבן פֿון אַ בוך אַ גרויסע באַפֿרייונג... ווי פֿילט זיך עפּעס אַ פֿרייער מענטש?...

ברוך. און מיר איז שווערער געוואָרן... איך האָב טאַקע די גאַנצע צייט געטראַכט, אַז איך וועל זיך באַפֿרייען. אָבער... ביי אונדז איז ניטאָ ווער ס׳זאָל אויפֿנעמען אַ בוך פֿון דעם מין... אַ יידיש בוך איז אַ טויט־געבוירן קינד... אַ געשריי אין מדבר. דו שרייסט, און קיינער הערט ניט...

מאַקס. ניין, פֿאַר וואָס?... כ׳האָב שוין, דאַכט זיך, געזען אָפּ־רופֿן... אייניקע האָבן אַפֿילו געלויבט... איך אַליין האָב מיט אינטערעס איבער־געלייענט אייער בוך. כאָטש איך בין ניט מיט אַלץ איינשטימיק.

ברוך. איר האָט שוין מיר געזאָגט... אָבער פֿאַרוואָס כ׳האָב געמיינט, אַז גראָד איר, וואָס איר האָט מער פֿון אונדז אַלעמען געליטן פֿונעם גלות, וועט מיך פֿאַרשטיין.

מאַקס. דערפֿאַר, וואָס איר שרייבט אַזוי אויפֿריכטיק, וועל איך אויך מיט אייך זיין אויפֿריכטיק... (וואַרט אָפּ אַ רגע). אָט האָט מען דאָ ביי אייך געשריבן וועגן אונדז, די געליטענע, אַ סך פּראָזע און אַ סך לידער, און גאַנצע ביכער... מ׳האָט אונדז באַוויינט און באַקלאָגט און אויפֿגעשטעלט גאַנצע מיסטישע פֿילאָזאָפֿיעס. מיר האָבן דאָס אַלץ געלייענט, און אָנ־שטאָט אייך צו זיין דאַנקבאַר — האָט עס אונדז זייער ווי געטאָן... מיר, אין אונדזער פּיין, האָבן זיך אויסגעלערנט צו זען די וועלט דורך רעאַ־ליסטישע ווערטן... מיר האָבן עפּעס געלערנט פֿון אונדזער דערפֿאַרונג. מיר ווייסן שוין, ווער ס׳איז אונדזער פֿריינט און ווער — דער שונא. און איר אַלע דאָ גלייבט נאָך אַלץ, אַז משיח וועט קומען. ס׳איז אַבסטראַקטער אידעאַליזם, אַזאַ בלינדקייט, וואָס האָט געבראַכט צו דער קאַטאַסטראָפֿע...

ברוך. אונדזער שונא — דאָס איז דער גלות. ער אַליין האָט אונדז געבראַכט צו דער קאַטאַסטראָפֿע. דאַרפֿן מיר אים איצט אָפּשאַפֿן. דאָס איז דער עיקר אין מיין בוך.

זעלדע. אין אונדזער וועלט זיינען אַלע פֿעלקער אין גלות. זייערע קאַטאַסטראָפֿעס ווערן אויך אונדזערע.

ברוך. אָבער מײַנע װוּנדן טוען מיר טאַקע שטאַרקער װײ. און אונ־דזערע קברים זײַנען מיר נענטער. אַז מײַן פֿאָלק גײט אויס אין בלוט — גײ איך אויך אויס אין בלוט... דערפֿאַר איז אַזוי פֿיל געװײן און קלאָג אין אונדזער ליטעראַטור. ס'איז אַלע מאָל געװען אַזוי.

זעלדע. אָבער אַז מ'װײנט זיך אויס, דאַרף מען דאָך אויך עפּעס אָנהייבן צו טאָן. אײביק װײנען װעט קײן זאַך ניט לייזן.

מאַקס. די געשיכטע האָט אונדז געלערנט און געלערנט: — דאָס ייִדישע פֿאָלק קאָן ניט באַפֿרײט װערן כּל זמן די מענטשהייט איז פֿאַר־שקלאַפֿט. װוּ עס װערן אונטערדריקט די מאַסן — װערט אויך געדריקט און אומגעבראַכט דאָס ייִדישע פֿאָלק.

ברוך. פֿרייהייט און ברידערלעכקייט קאָן מען דערװערבן נאָר בײַ זיך אין דער הײם. דאַרף מען פֿריִער אויפֿבויען די אייגענע הײם.

מאַקס. אויפֿבויען? — גוט! אָבער אויף װי לאַנג? כּל זמן דער שונא איז דאָ איז קײן הײם אויף דער װעלט ניט זיכער. מ'װעט זי אויפֿ־בויען — און דער שונא װעט זי צעשטערן. ניין, פֿריִער דאַרף מען אָנהייבן פֿונעם שונא. און אַז דער שונא װעט ניט זײַן, װעט שוין די הײם במילא אויפֿגעבויט װערן. אָט האָט איר ערשט פֿאַרטײדיקט די באַקלאָגער אונ־דזערע... זײ אַלע זײַנען געבענטשט מיט טאַלאַנט, אַזוי װי איר. אָבער מיר דוכט נאָך אַלץ, אַז װען זײ װאָלטן אַלע אײַנגעשפּאַנט זײער טאַלאַנט אין רעאַלע טאַטן — װאָלט עס מער געהאָלפֿן. מיר װײסן צו גוט, אַז דער שונא לאַכט זיך אויס פֿון אונדזערע קלאָג־לידער. אָבער פֿאַר אונדזערע טאַטן האָט ער גראַד מורא.

זעלדע. איך האָב זײער אויפֿמערקזאַם געלײענט די קאַפּיטלען אין דײַן בוך װעגן ארץ־ישראל... דײַן לייזונג איז ארץ־ישראל. און די קאַ־פּיטלען זײַנען מײַסטערהאַפֿט געשריבן... פּאַטאָס, גלויבן, אידעאַליזם... אָבער פּראַקטיש קאָן דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק בײַ די בעסטע באַדינגונ־גען אַהין ניט אײַנװאַנדערן... דער „גלות”, װי דו רופֿסט אים, װעט דאָך פֿאַרט בלײַבן. און דער גלות װעט אַלע מאָל זײַן די מערהייט פֿון אונדזער פֿאָלק. און דו זאָגסט זיך אָפּ פֿון דער מערהייט.

ברוך. דער גלות איז אַן אָפּשטאַרבנדיקע פּעריפֿעריע. עס װעלן אַװעקגײן יאָרן — און דער גלות־ייִד װעט זיך אַסימילירן. דער עיקר

וועט בלייבן אין ארץ־ישראל — דער אייביקער עם קשה עורף... און דער גלות — וואָס שנעלער ער שטאַרבט — אַלץ בעסער.

מאַקס. מיר דוכט, אַז ס'איז גאָר פאַרקערט. ארץ־ישראל האָט זיך געבויט דורך דעם אידעאַליזם פון גלות און וועט זיך קאָנען האַלטן און לעבן נאָר דורכן אידעאַליזם פונעם גלות. אָן אַ געזונטן, קולטורעל־געשטאַרקטן גלות וועט ארץ־ישראל איינגעשרומפן ווערן גייסטיק, פיזיש און עקאָנאָמיש. אָן אונדזער כוח איז ארץ־ישראל אַ מפיל־קינד... און מ'קאָן דאָך אויך ניט איגנאָרירן געוויסע היסטאָרישע פאַקטן, וואָס לערנען אונדז, אַז ווו נאָר דער ייד האָט געגאָסן כאָטש אַ טיילווייזע אויטאָנאָמע פרייהייט — האָט עס זיך צעבליט מיט גרויסע קולטור־דערגרייכונגען. פאַרגעסט ניט בבל, אַלעקסאַנדריע, דאָס אַראַבישע שפּאַניע, און די מאָדערנע צייטן — אַמעריקע, סאָוויעטן־פאַרבאַנד, ביראָבידזשאַן... און דאָס איז דאָך, לויט אייער אָפּשאַצונג, אויך גלות.

ברוך. אַ פאָלק איז ווי אַ בוים — סע דאַרף וואָרצלען נאָר אינעם אייגענעם באָדן. אונדזער באָדן איז איינער — ארץ־ישראל.

מאַקס. יאָ, אַ פאָלק איז ווי אַ בוים. אויב עס האָט נאָר געזונטע וואָרצלען, וועט עס זיך לאָזן פאַרפלאַנצן אין יעדן געזונטן באָדן. עס קאָן ווידער אויפגעלעבט ווערן אין ארץ־ישראל, אין ביראָבידזשאַן — אומעטום, ווו מ'וועט געפינען פרייהייט פון לעבן און אויסדרוק. אָבער זאָגן בלויז ארץ־ישראל — מיינט גיין צום אונטערגאַנג!

ברוך. ארץ־ישראל איז אונדזערס. דורך דער לאַנגער געשיכטע, דורך טויזנטיאָריקער בענקשאַפט, דורך אונדזער אייביקן דראַנג נאָך מלוכהשאַפט. דאָס לאַנד איז אין אונדזערע תפילות, אין אונדזער העכערער גייסטיקייט. און אַ פאָלק קאָן בויען זיך לעבן נאָר אויף דער פאַרגאַנגענהייט. שניידט אָפּ פון אונדז די פאַרגאַנגענהייט — און מיר זיינען טויט!

מאַקס. אַ פאָלק קאָן בויען נאָר אויף דער קעגנוואַרט און אויך אויף דער צוקונפט. שניידט אָפּ פון אונדז די יסודות פון גרויסע מענטשלעכע אידעאַלן פון דער היינטצייטיקער וועלטלעכער קולטור, אין וועלכער מיר זענען שוין היפּשלעך אַריינגעוואַקסן — און מיר וועלן ווערן אויס פאָלק!

ברוך. אונדזער פאַרגאַנגענהייט — דאָס איז אונדזער הייליקע מאַר־טירערשאַפט, דער הייליקער קידוש־השם, וואָס האָט אונדז אויסגעהאַלטן, ווי ס׳איז געזאָגט געוואָרן: בדמייך חיי...

מאַקס. איך וויל זיך ניט אָפּזאָגן פון דער פאַרגאַנגענהייט... ס׳איז אַ וויכטיקע ירושה. אָבער יעדער דור דאַרף צו דער ירושה עפּעס צוגעבן, צובויען, אַריינקוקן אין דער צוקונפט... און וועגן קידוש־השם... מיר האָבן ערשט געבראַכט דעם גרעסטן קרבן, פאַרגאָסן אַ סך בלוט... אָבער אויף קידוש־השם זיינען געגאַנגען נאָר די באַוווסטזיניקע פון אונדז, די, וואָס האָבן געקעמפט קעגן שונא און זיינען געפאַלן אין קאַמף פאַרן לעבן און פאַר דער צוקונפט... ס׳איז ניט דער פּאַסיווער אומקום, נאָר דער אַקטי־ווער — דאָס איז קידוש־השם... און די קאָמפּראָמיסלאָזע קעמפער, ברוך, זיינען דאָך אויך אַ פּראָדוקט פון אייער פאַרהאַסטן גלות...

זעלדע (פּלוצלונג). כ׳האָב געהערט, ברוך, אַז דו וועסט אויפטרעטן אין אַ דעבאַטע מיטן רעדאַקטאָר פון דער „גלייכהייט״.

ברוך. האָסט שוין אויך געהערט פון דעם? (אַ ביסל פאַרלוירן). דער־וויל גייען נאָך אָן די פאַרהאַנדלונגען... דערווייל זיינען מיר שוין דורכ־געקומען מיט דער הויפּט־טעזע.

זעלדע. וואָס איז די הויפּט־טעזע?

ברוך. עס וועט מסתם זיין אומגעפער: „ווו, ווען און ווי אַזוי וועט קומען אונדזער גאולה״.

זעלדע (האַלב אין שפּאַס). האָסט אַ שטאַרקן אָפּאָנענט. היט די ביי־נער!...

מאַקס. איך האָב נאָך אייך קיין מאָל ניט געהערט ריידן... איך וועל אייך אומבאַדינגט קומען הערן.

ברוך. קיין גרויסער רעדנער בין איך ניט... (לאַכט) אָבער אַז מ׳רופט מיך אויף אַ פאַרמעסט, — דאַרף מען אונטערגאַרטלען די לענדן.

מאַקס. מיר דוכט, אַז איר פאַרמאָגט פּאַטאָס און אויך גענוג איבער־ציי גונג, כאָטש, ווי איר זעט, בין איך שוין אין פאַרויס מיט אייך נישט מסכים (לאַכט). אָבער איך האָב דרך־ארץ פאַר אייער אויפריכטיקייט.

ברוך (קאַלטלעך). אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט.

מאַקס (גיט אַ קוק אויפן זייגער). נו, אונדזער געשפּרעך האָט זיך אַ ביסל פאַרצויגן... מ'דאַרף שוין גיין... אַ גוטע נאַכט.

זעלדע. אַ גוטע נאַכט, ברוך.

מאַקס (שוין אין צווייטן צימער). און איר, ווילי, זיצט נאָך אַלץ על התורה ועל עבודה...

זעלדע. ווילין קאָנט איר זען אַרבעטן נאָר ווען די לופט שמעקט שוין געדיכט מיט עקזאַמענס...

ווילי. ווען מען אַרט עס — איך קריג דאָך סיי ווי די בעסטע צייכנס.

מאַקס. ביי אייך אין אַמעריקע איז ניט אַזוי וויכטיק דאָס לערנען צוליבן וויסן, ווי צוליבן צייכן...

זעלדע (מיט שפּאַס). נו, אַלע גרינע געפעלט ניט אונדזער אַמעריקע... איר טשעפּעט זיך שוין אַ ביסל צו פיל צו אונדזער אַמעריקע. אַ גוטע נאַכט (גייט אַרויס).

מאַסם. מיר האָבן אַ ביסל געשמועסט וועגן זיין בוך.

ווילי. איך ווייס, אַז איר זענט מיט אים נישט איינשטימיק...

מאַקס. איך גלייב ניט אין סתם נסים... און איך גלייב אינעם כוח פון פאָלק, אין וועלכן ברוך גלייבט ניט... זיין אידעע הענגט צווישן הימל און ערד. זי האַלט זיך ניט אויף אַ רעאַליטעט. די גרעסטע אידעע, אָפּגע־ריסן פונעם לעבן איז, סוף כל סוף, אַן אַבסטראַקציע.

ווילי. איר מיינט, ער וועט פאַרלירן אין דער דעבאַטע?

מאַקס. אין מיינע אויגן האָט ער די דעבאַטע שוין פאַרלוירן... (גייט צו דער טיר) אַ גוטע נאַכט!

ווילי (וואַרפט אים צו). איר זענט אַ שטרענגער ריכטער, מאַקס!...

(ברוך זיצט ביים טיש. ווילי איז פאַרטיפט אין זיין אַרבעט. אַזוי עטלעכע מינוט).

לאַרע (קומט אַריין אין הוט און מאַנטל). ווילי, דו זיצסט און אַר־בעטסט? אַזוי שפּעט? דער גרעסטער ווונדער.

ווילי. עקזאַמענס, לאַרע, עקזאַמענס...

לאַרע. די וועטערן שטעלן זיך איין ווונדערלעך. ס'וועט זיין אַ שיינער פרילינג (נעמט אַראָפּ דעם הוט). איך בין געווען אין פּאַרק. די קנאָספּן צעגעמען זיך...

ווילי. מאַקס מיט זעלדען זיינען ערשט אַרויס פון ברוכן... זיי האָבן דיסקוטירט וועגן זיין בוך.

לאַרע. אַ נייעס!... ווען דיסקוטירט מען דאָ ניט?... און מיך האָט ברוך אַרומגעזוכט... מ׳האָט מיר דערציילט אין קאַפע.

ווילי. אַז איר האָט געוווּסט, אַז ער זוכט אייך, האָט איר באַדאַרפט קומען אַהיים... מאַלע וואָס ער זוכט אייך?...

לאַרע. פּלוצלונג דאַרף ער מיך האָבן... (גייט צו צום שפּיגל, קוקט זיך אָן). און איצט וועל איך זיך גיין שטעלן צום משפּט (גייט שנעל אַריין אין ברוכס צימער).

ברוך (שטייט אויף). אַ, ביסט געקומען?... כ׳האָב דיך געזוכט אין קאַפע.

לאַרע. (וואַרפט אַראָפּ דעם מאַנטל). כ׳בין דאָרט געווען שפּעטער.

ברוך (זעצט זיך אויף דער סאָפע). קום אַהער, לאַרע, זעץ זיך לעבן מיר.

לאַרע (קווענקלט זיך). צו וואָס?

ברוך. איך בעט דאָך דיך. קום, זעץ זיך לעבן מיר... איך וויל מיט דיר ריידן.

לאַרע (זעצט זיך, אומווילִיק). נו, אָט זיץ איך. וואָס ווילסטו?

ברוך. איך וויל גאָרניט... איך וויל זיצן מיט דיר, ריידן מיט דיר... ווי אַ מאָל.

לאַרע. געפונען אַ צייט.

ברוך. פאַרוואָס ניט? מיינסט, אַז איך פּייניק זיך ניט גענוג צוליב דיר? טאָג און נאַכט ווער איך פאַרצערט.

לאַרע. די אייפערזוכט.

ברוך. פאַרוואָס זאָל איך ניט זיין אייפערזיכטיק? אָט ביסטו דאָך מיר ניט געטריי (כאַפּט זי פּלוצלינג אָן פאַר אַ האַנט). קוק מיר אין די אויגן — דו ביסט דאָך מיר ניט געטריי...

לאַרע (רייסט אַרויס די האַנט). לאָז אָפּ! טוסט מיר וויי, פּסיכאָפּאַט!...

ברוך (לאָזט ניט אָפּ). שלעפּסט זיך ביז פאַרטאָג... מיט די, וואָס לאַכן אויס דיך מאַן... זאָג! זאָג!

לאַרע (רייסט זיך אַרויס). **אַלע לאָכן דיך אויס! אַלע!... און איך אויך!...** (שטייט אויף, נאָך מער אין כעס). **איך האָב פיינט דיין בוך און אַלץ, וואָס דו טוסט!... און לאָז מיך צו רו** (פאַלט אַריין אין אַ שטול, דעקט צו די אויגן און וויינט היסטעריש).

ברוך. (גייט צו צו איר פאַרלוירן). **וויין ניט, איך בעט דיך, וויין ניט... כ׳האָב זיך אויפגערעגט. איך ווער אויפגעפרעסן פון איינזאַמקייט און פיין — און דאָס איז דאָך צוליב דיר... וואָלסט נאָר געזאָגט איין וואָרט, נאָר איין וואָרט...** (רירט אָן איר פלייצע).

לאַרע (הערט ניט אויף צו וויינען). **לאָז מיך צו רו!...**

ברוך. איך קאָן אָן דיר ניט... איך דאַרף דיך האָבן! פאַרשטיי מיך!...

לאַרע. שוואַכלינג!... אַ, ווי איך האָב דיך איצט פיינט (הייבט זיך האַסטיק אויף, לויפט אַרויס פון צימער, אינעם צימער, וווּ ווילי אַר־בעט. פאַלט אַריין אין דער סאָפע און אירע פלייצעס הייבן זיך אָן וואַרפן אין קאָנווולסיעס. ווילי שטייט אויף, אַ פאַרלוירענער, קוקט אויף איר און שווייגט).

פ אָ ר ה אַ נ ג

פערטער אַקט

די סצענע — ווי אין ע ר ש ט ן אַ ק ט (אַן ברוכס צימער). אָוונט. ח י י ם זיצט און לייענט אַ צייטונג. מ ל כ ה שטריקט דעם סוועדער. ס׳הערט זיך אַ קלונג. מ ל כ ה גייט עפענען.

דזשעראַם און דזשעני (קומען אַריין). גוטן אָוונט, טאַטע!

מלכה (גייט זיי נאָך). אַזעלכע געסט, אַזעלכע געסט!

חיים. דער רייכער זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אין די אָרעמע געצעלטן צו זיין אַלטן טאַטן... טאַקע פיינע געסט!

דזשעראַם. וואָסי? מיר טאָרן שוין צו דיר ניט קומען?

חיים. אדרבא! איך האָב זיך אַלץ געוווּנדערט — וועט שוין דזשעראַם קומען? נו, זעצט זיך, קינדער...

דזשעראַם. דו אַרבעטסט דאָך אין שאַפּ. ווייסט דאָך ווי ביזי איך בין...

חיים. אַוודאי, אוודאי! זייער ביזי. אַ מזלדיקער שאַפּ, דער נייער שאַפּ דיינער... אָבער וואָס קומט אַרויס די אַרבעטער?

דזשעראַם. דו ווייסט דען, טאַטע, ווי גרויס עס איז די קאָנקורענץ? און דאָ איז דער סטרייק... הער, טאַטע, צווישן די אַרבעטער גיים אַרום אַ קלאַנג, אַז דו און זעלדע און דער גרינער וועלן פּיקעטן מיין שאַפּ.

חיים. (איראָניש). וואָסי, דיר שטייט ניט אָן צו האָבן אַ טאַטן אַ סטרייקער?

דזשעראַם. זעלדע, נו, מילא... אָבער אַז דו זאָלסט, חלילה, סטרייקן, איז אַ חרפּה... איך וויל ניט, אַז מיין טאַטע זאָל זיך אַרומשלעפּן מיט די לאַפּאַצאַנעס אַרום דעם שאַפּ. וואָס וועט די וועלט זאָגן?

מלכה. אַט דאָס טענה איך דאָך מיט אים די גאַנצע צייט.

חיים. און סקעבן איז שוין גאָרניט קיין חרפה?

דזשעראָם. וואָס הייסט, סקעבן? ביסט דען אַ פּרעמדער? ביסט דאָך אַ טאַטע. מיין שאַפּ איז אַזוי ווי דיינער. וועסט אַרבעטן, ווי ביי זיך אין דער היים.

חיים (איראָניש). איז שוין איצט דיין שאַפּ געוואָרן מיינער... ניין, מיין זון, איך וועל ניט סקעבן. און די קינדער וועלן ניט סקעבן.

דזשעראָם. איר אַלע ווילט מיך צעברעכן. אָבער מיך ברעכט מען ניט, נאָ, סער, דזשעראָמען ברעכט מען ניט! איר וועט זיך נאָך ביי מיר בעטן.

חיים. אַהאַ! דו סטראַשעסט שוין!...

דזשעני. איך האָב דיר געזאָגט, דזשעראָם, דיינע אייגענע זיינען דיר די גרעסטע שונאים...

דזשעראָם. איך וואָרן דיך, טאַטע, אין פאָרויס, הייב זיך ניט אָן. עס וועט אייך טייער קאָסטן. (צו דזשעני) קום!

מלכה. אוי, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן! זיי גייען דאָך טאַקע אַוועק! (גייט נאָך).

חיים. זאָלן זיי גיין! זאָלן זיי גיין!

דזשעראָם (ביי דער טיר). איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, עס וועט אייך אַלעמען פּאַרדריסן. אַלעמען! און איר וועט נאָך ביי מיר שטיין אויף די קני! מיט מיר שפּילט מען זיך ניט, טאַטע! (גייען אַרויס).

מלכה (ברעכט די הענט). ווי איז מיר, חיים! וואָס וועט מיט אונדז זיין? צו וואָס מיר זיינען געקומען!...

חיים (גייט אַרום, אויפגערעגט. רעדט, ווי צו זיך). איצט וועט מיר זיין לייכטער... איצט ווייס איך ווו איך האַלט. נו, מירן שוין אַ סטרייק טאָן ווי ס'באַדאַרף צו זיין, מלכה... איצט וועלן די אַרבעטער אַ רעד טאָן.

מלכה. זינט דו אַרבעטסט, הער איך נאָר: אַרבעטער, אַרבעטער!...

חיים. אַוודאי — אַרבעטער! אַז דו גיסט אַ טראַכט, האָט דאָך דער אַרבעטער טאַקע אַלץ אויפגעטאָן... ברויט מיט פּוטער און אַ הויז, אַ קלייד און אַ שוך און אַפילו די פּוטערוואַרג, וואָס מיר פּראַצעווען פאַר די רייכע ווייבער... אַלץ דער אַרבעטער!

מלכה. זינט דו ביסט אין שאַפּ, ביסטו מיר געוואָרן אַ גאַנצער חכם... קײַעסט איבער זעלדעס רייד... האָסט שוין געמעגט ריידן ווי אַ מענטש אין די אייגענע יאָרן.

חיים. איך האָב מורא, אַז די יונגע זעען זאַכן בעסער פון אונדז.

מלכה... זיי האָבן ייִנגערע אויגן... נו, הייסט עס, אַז מאָרגן איז דער יום הדין... (זעצט זיך ווידער לייענען).

(מאַקס און זעלדע קומען אַריין מיט אַ טומל).

זעלדע (גיט אַ לייג אַ שווערן פּאַק פלוגבלעטלעך אויפן טיש). אוף!... ליטעראַטור פאַר דער מאָרגנדיקער פּיקעט־דעמאָנסטראַציע!... טאַטע, אַלץ איז שוין גרייט. אַ שאָד, וואָס דו ביסט ניט געווען. וואָלסט זען די אייני־קייט... מיר וועלן אין דריי טעג געווינען דעם סטרייק.

חיים. די מלחמה האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן, און די גענעראַלן ציילן שוין די קאָנטריבוציע... (לאַכט). דו ווייסט, זעלדעלע, דער באָס אונדזערער האָט זיך צו אונדז ערשט אָראָפּגענידערט... האָסט אים אפשר באַגעגנט?

זעלדע. דזשעראָם איז דאָ געווען? איך האָב געוווּסט, אַז ער וועט קומען! ער וויל כאַטש איין אַרבעטער האָבן אויף זײַן זײַט — דיך. דו ביסט דאָ אַ מאָראַלישער כוח, אַזוי צו זאָגן... דער טאַטע שטייט מיטן זון!

מאַקס. ס'איז פאַרשטענדלעך. איז ווי האַלטן מיר מיט אײַך, פעטער?

חיים. איך וועל סטרייקן און איך וועל פּיקעטן.

זעלדע (לויפט צו צו אים, גיט אים אַ קוש). בראַוואָ, טאַטע!

מלכה. אַט אַזוי מאַכט מען אַן אַלטן טאַטן צום נאַר, און ער לאָזט זיך...

זעלדע. אויב אַזוי מעגסטו דאָך אײַנשטודירן אונדזער סטרייק־ליד... מיר האָבן עס אײַנגעשטודירט אין סטרייק־האָל. (נעמט אַרויס פון בײַטל די נאָטן מיטן טעקסט) אַט האָסטו עס!

חיים. וואָס? אַ שליח ציבור זאָל דיר גאָר אָנהייבן זינגען גוייִשע לידלעך? דאָס איז דאָך ניטאָ אין מײַן קאָנטראַקט (לאַכט).

זעלדע. ס'איז אַ ייִדישער סטרייק. אַלע אַרבעטער אין אונדזער שאַפּ זײַנען ייִדישע. דאָס ליד הייסט „אַן די פּיקעט־ליין" (אויף דער פּיקעט־ליניע).

חיים (נעמט די נאָטן). שוין לאַנג קיין בלאַט נאָטן ניט געהאַלטן אין די הענט... (לייענט) אַ לייכטע מעלאָדיע... הם... מיר האָבן שוין געזונגען שווערערע זאַכן... (ברומט אונטער) שווערע זאַכן האָבן מיר אַמאָל געזונ־גען... (ברומט) מירן שוין דאָס כאַפּן... ס׳איז דאָך אַ מאַרש, לייכט, ווי אַ פּעדער...

זעלדע. די פּיקעטס מאַרשירן און זינגען דאָס לידל.

חיים. וואָס איז די שמחה? אַ סטרייק איז דען אַ שמחה?

זעלדע. אַ סטרייק איז ניט קיין לוויה. ס׳איז קאַמף. און אין קאַמף דאַרף מען זיין מוטיק... טאַטע, לאָמיר זינגען אין איינעם... איך וועל דיר העלפן מיט די ווערטער. איך קען דאָס ליד שוין פון לאַנג.

(ח י י ם און ז ע ל ד ע זינגען).

חיים. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל — און איך קען שוין די תורה... (זינגט).

מלכה. דער אַלטער איז אויף דער עלטער פון זינען אַראָפּ... גאָט זאָל ניט שטראָפן. אַ שטאָט פאַר אַן אַלטן צו זינגען גוייִשע לידלעך, נאָך אין מיטן גאַס... ער וועט פּיקעטן!..

זעלדע. מאַמעלע, דו פאַרשטייסט ניט דעם ענין. איך האַלט, אַז ס׳איז אַ גרויסער כבוד צו העלפן געווינען אַ גערעכטן קאַמף. (פלוצלונג). און איצט קאָן איך אייך אַנאָנסירן עפּעס גאָר נייעס. מאַקס קערט זיך ניט אום צוריק אין שאַפּ. מאַקס ווערט אויס אַרבעטער!

מאַקס. אָ, איר האָט עס נאָך ניט באַדאַרפט אויסזאָגן, זעלדע, ס׳איז נאָך דאָ צייט. פריִער דאַרף מען געווינען דעם סטרייק...

חיים. וואָס הייסט? ער וועט זיך זעצן שרייבן תפילין?

זעלדע. ער וועט זיין אַ לערער אין דער מאָדערנער יידישער שול. מ׳דאַרף איצט לערער.

מלכה. זאָלסט כאָטש קענען מאַכן אַ לעבן, מאַקסעלע, פון דיין לע־רעריי... אַן אַרבעטער מיט אַ מלאכה אין דער האַנט ווערט דאָך אין אַמע־ריקע ניט פאַרפאַלן... האָסט שוין געזאָגט דער מאַמען?

מאַקס. איך וועל איר נאָך זאָגן. עס איז נאָך פאַראַן צייט. די שולן וועלן זיך עפענען אַנהייב סעפּטעמבער. האָבן מיר נאָך אַ חודש.

זעלדע (צו מאַקסן). צוליבן סטרייק האָבן מיר פאַרגעסן אייערע ענג־לישע לעקציעס. אפשר וואָלטן מיר היינט אַ ביסל געלערנט?

מאַקס. ווי איר זעט, בין איך נאָך אַליין אַ שילער ביי אייער טאַכטער (לאַכט).

מלכה (הייבט זיך אויף). קום, מיר וועלן זיי שטערן (ביידע גייען אַרויס).

זעלדע. נו, זעץ זיך אַוועק, מאַקס... מיר דוכט, אַז איר האָט היינט ניט קיין חשק צו לערנען.

מאַקס. איר ווילט דעם אמת? — ניין!

זעלדע. נו, טאָ לאָמיר זיך אַוועקזעצן און גלאַט שמועסן.

מאַקס (זעצט זיך אויף דער סאָפע). אָט זיץ איך שוין. זעצט זיך אויך אַוועק און שלאָגט פאָר אַ טעמע.

זעלדע. איצט איז ניטאָ קיין אַנדערע טעמע — סטרייק. איר הייבט אָן.

מאַקס. אַ סטרייק איז אַ קליינע מלחמה. ס'איז דאָ ברידערלעכקייט צווישן די קעמפער, און איר אירצט מיך און איך — אייך...

זעלדע. טאָ זאָל זיין — דו הייב אָן.

מאַקס. כדי זיך צוגעווינען, וועל איך זאָגן: דו הייב אָן!...

זעלדע. ניין, דו!

מאַקס. דו ביסט אַ גרעסערע... דו ביסט... דו ביסט... (ווערט ערנסט). הער, זעלדע, מיר זיינען שוין אַ לאַנגע צייט אַ ביסל ניט אויפריכטיק מיט זיך און מיטן אַנדערן... ס'איז שוין צייט אַוועקצוואַרפן די שפיל.

זעלדע (פאַרלוירן). וואָס מיינט איר?... (מיט געמאַכטן געלעכטער) איך מיין, — וואָס מיינסטו?...

מאַקס (נעמט אָן איר האַנט). איך מיין, אַז... איך האָב דיך ליב, זעלדע!

זעלדע (שווייגט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן). הם...

מאַקס. אַז איך בין אַהער אָנגעקומען האָבן אַלע אונדז באַוואָרפן מיט פראַגעס. מ'האָט געוואָלט וויסן די ברוטאַלע אומשטענדן, אונטער וועלכע מיר האָבן געלעבט און געשטאָרבן, און ניצול געוואָרן... דו אַליין האָסט נאָך ביזן היינטיקן טאָג מיך ניט אויסגעפרעגט. האָסט פאַרשטאַנען, אַז

מ׳קאָן געוויסע זאַכן ניט דערציילן... דיר, דער איינציקער, וועל איך קאָנען ווען עס איז דערציילן און אַנטפּלעקן דעם אמת פון אונדזערע איבערלע־בונגען... ווייל איך האָב דיך ליב, זעלדע.

זעלדע (גיט זיך פלוצלונג אַ טוליע צו אים). אַ, מאַקס! איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט, דו זאָלסט עס מיר זאָגן... זאָג עס מיר נאָך איין מאָל (טוליעט זיך צו אים).

מאַקס. נאַריש מיידל, איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט: איך האָב דיך ליב... איך האָב דיך זייער ליב... (כאַפּט זי ליידנשאַפטלעך אַרום, קושט זי).

זעלדע (רייסט זיך אָפּ פון אים). ס׳וועט עמעצער אַריינקומען (פאַר־ריכט זיך די האָר). אַז אַ מענטש זאָל אַריינקומען — וועט ער שוין אַלץ וויסן...

מאַקס. ווי נאָר עמעצער וועט אַריינקומען, וועל איך אַליין דערציילן.

זעלדע (דערשראָקן). ניין, נאָך ניט! איך בעט דיך, מאַקס, נאָך ניט... מיר וועלן דאָס האַלטן בסוד — ביז נאָכן סטרייק... אַז מיר וועלן געווי־נען דעם סטרייק, וועלן מיר פייערן אַ טאָפּלטן יום־טוב.

ברוך (קומט אַריין). גוטן אָוונט! (אַ צופרידענער) איר האָט געהערט די נייעס? די ארץ־ישראל־קאָמיסיע פון די פּאַראייניקטע נאַציעס האָט געמאַכט אַ פאָרשלאָג פאַר צעטיילונג... עס וועט זיין אַן ארץ־ישראל!

זעלדע (סקעפּטיש). אַמעריקע און ענגלאַנד זיינען די באַלעבאַטים פון די פאַראייניקטע פעלקער... איך האָב מורא, אַז די פרייד איז אַ פריצייטיקע.

מאַקס. איך האַלט, אַז ס׳איז דאָ אַ האָפענונג. מ׳וועט קאָנען קעמפן. דאָס גאַנצע פאָלק, אַלע ריכטונגען אין אונדזער לעבן דאַרפן זיך פאַר־אייניקן אין דעם קאַמף.

זעלדע. אַוודאי דאַרף מען קעמפן. אָבער די אינטערעסן פון די אימ־פּעריאַליסטן זיינען אויף דער זייט פון די אַראַבער... נאַפט־אינטערעסן און...

מאַקס. מ׳דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד האָט אין אַ קלאָרער שפּראַך דערקלערט, אַז זיין לאַנד איז פאַר צעטיילונג און פאַר אַ יידישער מלוכהשאַפט. ער האָט געפאָדערט פון ענגלאַנד, זי

זאָל אויפגעבן איר מאַנדאַט און צוגענאָגלט אַמעריקע, זי זאָל זיך אַרויס־זאָגן — אַהין, אָדער אַהער.

(ווילי און חיים קומען אַרײַן).

ווילי. איר האָט געהערט? דער באַריכט פון דער פּאַלעסטינער קאָמיסיע איז צו גונסטן דער צעטיילונג.

ברוך (צו חיימען, נעמט אים אַרום). טאַטע, דער חלום ווערט פאַרווירקלעכט.

חיים. אָט די נײַעס האָט מיר ווילי ערשט געבראַכט... פון אײַער מויל אין גאָטס אויערן. אַז מען לעבט, וועט מען אפשר דערלעבן.

ווילי. ווען פּאַלעסטינע וועט ווערן אַ יידיש לאַנד, וועל איך אוועקוואַרפן אַלץ מיט אַנאַנדער און וועל אַהין אַוועקפאָרן.

זעלדע. פּאַלעסטינע דאַרף נישט קיין טרוימער מיט אַנאַרכיסטישע געדאַנקען... דאָרטן דאַרף מען אַרבעטן און בויען... און זאָג עס נאָך ניט דער מאַמען, ווײַל איידער וואָס — וועט זי דיך באַוויינען און באַקלאָגן.

ווילי. אַלע מאָל האָסטו עפּעס צו זאָגן... (צו ברוכן) זאָגסט אַלע מאָל, אַז משיח וועט קומען... איז דאָס דער אָנזאָג?

ברוך. דאָס איז דער איינציקער כוח, וואָס האָט אונדז אויסגעלייזט. דורך אַלע יאָרהונדערטער.

מאַקס (פאַלט אַרײַן) ...און האָט אונדז אַלע מאָל ביטער אַנטוישט...

ברוך. וואָס מיינט איר?

מאַקס. די אמתע יידן, וואָס האָבן באמת געגלייבט אין דער יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, האָבן ניט געוואַרט אויף משיחן בלינדערהייט, נאָר זיי זײַנען אַוועק קיין פּאַלעסטינע און געגראָבן די ערד און געבויט... די אַבסטראַקטע אידעע פון משיח איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. די משיחישע דערלייזונג ווערט איצט פאַרווירקלעכט אינעם מענטש גופא, אין זײַנע מעשים.

ברוך. אײַער רעדע, מאַקס, איז חוזק. די משיח־אידעע איז אַן אייביקע.

ווילי (אַ ביסל פאַרשעמט). מיר דוכט, אַז די משיח־אידעע האָט אונדז אָפּגעהאַלטן דעם פּראָגרעס... גלייבן אין משיחן, ווי מיר האָבן גע־

גליבט, מיינט, נאָר פאַרלאָזן זיך אויף גאָטס באַראָט... זיצן און האָפן און גלייבן... און גאָרניט טאָן...

זעלדע. גאָלדענע רייד, ווילי! ווי קומען זיי צו דיר?

ברוך. נעמט ביי אונדז אַוועק משיחן, און מיר זיינען אַ פאַרוואָרלאָזט פאָלק.

מאַקס. אָט גיט אַ קוק אויף דער ווירקלעכקייט. כל זמן דער ציוניזם איז געווען בלויז אַ מין משיח־אידעע, איז ער געווען פרוכטלאָז. אַפּגע ריסענע, קרענקלעך־פאַרבענקטע יחידים זענען געלאָפן זיך ראַטעווען און שטאַרבן אויף דער הייליקער ערד, אָבער ווי נאָר ס'איז געקומען דער פּאָליטישער ציוניזם — איז געקומען די טאָט. און מיט דער טאָט — די רעזולטאַטן.

ברוך (פאַרעקשנט). אַ פאָלק אָן גלויבן אין אַ העכערן נס — איז אַ פאָלק, וואָס איז פאַראורטיילט צו שטאַרבן.

מאַקס (אויפגערעגט). און ווי איז, אַז איך וויל ניט שטאַרבן? איך זאָג זיך אָפּ צו שטאַרבן, ווייל אַ פאָלק, ווי אַ יחיד, וויל ניט שטאַרבן?... ס'זיינען געווען צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן, ווי שאָף, דעם טויט... די, וואָס האָבן באמת געקעמפט — יענע האָבן זיך געראַטעוועט, אָדער געבראַכט אַ הייליקן קרבן פאַר אונדז אַלעמען, פאַרן פאָלק... זיי האָבן געזאָגט: מיר ווילן שטאַרבן, ווייל מיר ווילן לעבן... דערפאַר וועלן זיי לעבן אייביק... (אַלע שווייגן).

חנה (קומט). איך האָב געהערט — מענטשן ריידן. ערשט איך קום אַריין — איר זיצט און שווייגט.

ווילי (רייסט איבער דאָס שווייגן). מומע, איר האָט געהערט? — ארץ־ישראל וועט באַלד ווערן אַ יידישע מלוכה.

חנה. גאָט האָט צוגעזאָגן אונדזער גרויסע בראָך, האָט ער זיך מרחם געווען אויף יידישע קינדער... ער האָט דערהערט דאָס געשריי פון אונדזערע טרערן און צער... (הייבט אויף די הענט). גאָט דערבאַרעמדיקער, ברענג אונדזערע קינדער צו אַ ברעג... (צו מאַקסן). זון מיינער, איך האָב דיך היינט נאָך כמעט ניט געזען... גאַנצע טעג ביסטו פאַרנומען... לאָזסט איבער די מאַמע אַליין...

פון דאָס נײַ

מאַקס (צאַרט). איך האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט. האָב איך ניט געוואָלט דיך וועקן... איך האָב זיך ערשט צוריקגעקערט פון אַ מיטינג. (גייט צו צו איר, גיט אַ קוש אויפן שטערן).

זעלדע. דאָס איז מײַן שולד, מומע. איר ווייסט דאָך, מאָרגן איז דער סטרייק.

חנה. היט זיך, זונעלע. מיר זײַנען דאָ פרעמדע. לאָמיר ניט פאַר־לירן אונדזער מקום מנוחה...

מאַקס (לאַכט). אַ סטרייק איז ניט קעגן מלכות, מאַמע... אַ סטרייק איז קעגן אַ באַלעבאָס... אמת, מיך פאַרדריסט, וואָס דער באַלעבאָס איז דזשעראָם. אָבער...

חיים. אויב מאָרגן איז דער סטרייק — טאָ וואָס זשע זיצן מיר? ס'איז דאָך האַלבע נאַכט. (אין שפּאַס). איך, דער באַלעבאָס פון הויז, בין אויף אײַך גוזר: גייט אַלע שלאָפן!

פאָרהאַנג

פינפטער אַקט

אַ שבת־אָוונט. שפּעט אין האַרבסט.

די זעלביקע סצענע, ווי אין צווייטן און דריטן אַקט. ברוך גייט אַרום הין און צוריק עטלעכע מאָל, אויפגערעגט. לייגט זיך אַוועק אויף דער סאָפע און ציט דעם רויך פון סיגאַרעט.

אינעם גרעסערן צימער שטייט אַ לאַנגער טיש געדעקט מיט אַ ווייס טישטעך. מלכה און זעלדע שטעלן אַרויף טעלער, גלעזלעך, ברענגען פון קיך גראַפינען מיט וויין. ריידן צווישן זיך אָפּגעריסענע רייד.

מלכה. ביסט אַ גוטע טאָכטער, וואָס ביסט געקומען העלפן... כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל אַוועקפאַלן פון דער אַרבעט.

זעלדע. כ׳האָב געזאָגט, איך וועל קומען. פאַר וואָס האָסטו אַלץ באַדאַרפט טאָן אַליין?... (לויפט אין קיך, ברענגט אַריין זאַכן).

מלכה. זינט איר זענט אַוועק וווינען אין אייער אייגענער דירה, איז די היים געוואָרן פוסט... אַז מ׳געוווינט זיך צו אַ לעבן לאַנג צו האָבן מיט זיך אַ גרויס הויז מיט אַ משפחה, איז שווער...

זעלדע. און ווי איז עפּעס ברוך? איך מיין — אָן לאַרען... האָט זיך באַרויקט?

מלכה. אוי, פרעג שוין ניט, אַ שענערן לייגט מען אין קבר. ווען וועט קומען דיך מאַקס מיט חנהן? איך וואָלט שוין אַלעמען געוואָלט זען.

זעלדע. זיי וועלן אַלע קומען באַצייטנס. ווו איז דער טאַטע?

מלכה. געגאַנגען אין שול אַריינכאַפּן אַ מנחה און מעריב... איצט איז דאָך אַזאַ צייט... ס׳ווילט זיך אויסריידן אַ וואָרט מיט יידן.

זעלדע. הייסט עס, אַז צווישן ברוכן און לאָרען איז טאַקע — אויס!

מלכה. איך ווייס ניט, טאָכטער, איך וויס גאָרניט...

זעלדע. זינט ער האָט פאַרלוירן די דעבאַטע און איצט — לאָרען, איז מיר שווער מיט אים צו ריידן... איך מייד אים אויס...

מלכה. אַט וועלן זיך אַלע צונויפקלייבן, און זי וועט ניט זיין. ווי וועט ער זיך פילן?

זעלדע. מאַמע, ס'איז אמת, אַז ברוך איז געוואָרן פרום, דאַוונט אַלע טאָג?

מלכה. גאָט זאָל נאָר דערהערן זיין תפילה... ער דאַוונט יעדן טאָג אין טלית און תפילין... שבת גייט ער אין שול מיטן טאַטן, איז ניט מחלל שבת, חלילה... געוואָרן אַן אַנדער מענטש.

(חנה און מאַקס קומען אַריין אין די מאַנטלען).

מאַקס. מיר האָבן געזען, אַז די טיר איז ניט פאַרשלאָסן, האָבן מיר ניט געקלונגען — אָ, איך זע, אַז ביי אייך איז שוין דער טיש גרייט.

חנה. אַ גוטע וואָך אייך, מלכה! איר האָט זיך מסתם אָנגעאַרבעט...

מלכה. אַבי זעלדעלע איז געקומען העלפן...

זעלדע (צו מאַקסן). דו, מאַקסל, נעם אַראָפּ דעם מאַנטל און העלף דער מאַמען אויסטאָן דעם מאַנטל... און מיש זיך דאָ ניט אין אונ.זערע געשעפטן.

מאַקס (נעמט אַוועק די מאַנטלען). איך זע שוין. איך בין דאָ דער איינציקער מאַנצביל (לאַכט). קיינער דאַרף מיך ניט מקנא זיין.

מלכה. ברוך איז אין דער היים. קאָנסט צו אים אַריינגיין אַ ווײַלע ריידן ביז מ'וועט זיך צונויפקלייבן. איר האָט דאָך אַלע מאָל עפּעס צו ריידן... ער איז דאָרטן... אַלע מאָל אַליין.

מאַקס (טראָגט אַרויס די מאַנטלען. קערט זיך אום). נו, מאַמע, איך גיי אַריין צו ברוכן (גייט צו צו ברוכס טיר. קלאַפּט אָן).

ברוך (הייבט זיך אויף, גייט צו צו דער טיר). אַריין!

מאַקס (גייט אַריין). גוטן אָוונט, ברוך. איך בין זיך געקומען ראַטע־ווען צו אייך (לאַכט). די ווייבער גרייטן דאָרטן אַ טיש — כיד המלך!

ברוך (רוקט צו אַ שטול). זעצט זיך, מאַקס, זעצט זיך. (פּלוצלינג) הערט, מאַקס, וואָס איז היינט דער יום־טוב? די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אָבער איך האָב פאַרגעסן...

מאַקס. סטייטש? דאָס איז דאָך אַ שמחה לכבוד דער אָפּשטימונג פאַר ארץ־ישראל... אונדזער משפחה האָט זיך די גאַנצע וואָך געגרייט, — און איר...

ברוך. אַוודאי, אַוודאי... אַ גרויס געשעעניש! (פאַרשעמט) איך האָב פאַרגעסן. איר ווייסט דאָך, וואָס איך האָב דורך דער צייט דורכגעלעבט.

מאַקס. איר מיינט לאַרען?...

ברוך. אייער סטרייק, לאַרע און די דעבאַטע... אַלץ אין איינעם.

מאַקס. דער סטרייק האָט זיך אַ ביסל פאַרצויגן, אָבער מיר האָבן דאָך געוווּנען. און איך הער, אַז דזשעראָם וויל זיך מיט אונדז איבערבעטן. ער האָט אַפילו צוריקגעצאָלט דעם טאַטן די הלוואה, און אַלץ איז פאַרגעסן.

ברוך. אָבער דעם סקאַנדאַל, וואָס די פּרעסע האָט געמאַכט אַרום דעם טאַטן? זיי האָבן ניט פאַרפעלט אויסצורעכענען די גאַנצע משפחה אונדזערע, אונדזער יחוס... איר מיינט, אַז מיר איז געווען אַזוי לייכט צו זען דעם טאַטן אַרומשלעפּן זיך מיט אַ סטרייק־שילד איבער די גאַסן?.. דער חזן חיים פעלד פּיקעטעט דעם זונס שאָפּ... מאַקס, איר זענט געווען אין סטרייק, איר וועט עס ניט פאַרשטיין.

מאַקס. איך האָב שוין אייך אַ מאָל געזאָגט: דער סטרייק איז געווען אַ יושרדיקער מצד די אַרבעטער. טאָ ווו איז די שאַנדע? פאַרקערט, דער טאַטע איז פון דעמאָלט אָן אויסגעוואַקסן אין אַלעמענס אויגן. מ'האָט אים ליב. מ'האָט פאַר אים דרך ארץ.

ברוך (וואַרט אַפּ אַ רגע). און אָט איז לאַרע אַוועק.

מאַקס (רעזערווירט). אפשר איז אַזוי בעסער... פאַר ביידן. אַנטשולדיקט, אויב איך זאָג מער ווי איך מעג.

ברוך. אָ, איך ווייס עס! איך ווייס עס. אָבער... זי איז מיר געווען פרעמד. מיר האָבן עס ביידע געוווּסט, אָבער איך האָב זי ליב געהאַט. און איך האָב זי נאָך אַלץ ליב... וויפל איך וויל זי פאַרגעסן, קאָן איך ניט...

און דאָ איז די דעבאָטע צוגעקומען — ס׳איז שווער געווען אַריבערצו־טראָגן.

מאַקס. לאָרעס אַוועקגיין, ווען איר האָט זי ליב — דאָס איז פאַר־שטענדלעך... אָבער די דעבאָטע — דאָס איז אַ קלייניקייט. פאַרגעסט! (פלוצלונג צאַרט) הערט, ברוך, איר זענט מיר אַן אייגענער... איך האָב איך ליב באַקומען. אמת, מיר זעען די וועלט פון צוויי באַזונדערע שטאַנד־פונקטן. איך בעט אײַך, זאָל עס אײַך ניט פאַרדריסן, וואָס איר האָט פאַרלוירן. ס׳איז געווען אײַער ערשטער קאַמף פאַר אַן אידעע, וואָס לעבט מער אין אײַערע עמאָציעס, ווי אין אײַער פאַרשטאַנד... וועט עס אײַך העלפן שפּעטער.

ברוך. איר זענט דאָך געווען אויף דער דעבאָטע?

מאַקס. יאָ, מיר זײַנען דאָרטן אַלע געווען.

ברוך(לאַכט ביטערלעך). האָט איר מיט אײַערע אויגן געזען, ווי מ׳האָט אויסגעלאַכט דעם נביא און ווי מ׳האָט אים באַוואָרפן מיט שטיינער...

מאַקס. נו, מ׳האָט ניט אויסגעלאַכט און ניט באַוואָרפן מיט שטיינער... דער עולם האָט אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט פון אײַער אָפּאָנענט, ווייל ער איז געווען נענטער צו דעם רעאַליזם. אַפילו בנוגע דעם ציוניזם אי: ער געווען נענטער צום אמת... ציוניסטישער פון אײַך, כאָטש ער איז נישט קיין ציוניסט...

ברוך. אָט דאָס טאַקע האָט מיך צעטומלט... (וואַרט אָפּ אַ רגע). מאַקס, איר האָט באַמערקט, ווי אַ מוזיקער פּרוּווט אויס זײַן אינסטרומענט פאַרן ערשטן אַרויסטריט, אָדער אַ זינגער... אין דער אמתן פּרובירן זיי גאָר אויס זייערע אייגענע כוחות... ס׳איז אַפּנים פאַראַן אַ מורא, טאָמער ווערט דאָס הייליקע פײַער אין דער נשמה פאַרלאָשן... אָט אַזוי איז געווען מיט מיר... איך האָב עפּעס פאַרלוירן דעם אמתן קלאַנג פון מײַן קול... רעדנדיק, האָב איך די גאַנצע צייט געזוכט צו געפינען מײַן נאַטירלעכן קול... עפּעס גאָר ווי ניט איך אַליין וואָלט די רייד אַרויסגערעדט... און אַזוי ביזן סוף.

מאַקס. נײַן, איר האָט גערעדט פּאַטעטיש, איר זענט אַ שיינער רעד־נער... אָבער דער עולם איז געקומען זוכן באַגייסטערונג פאַר מעשים. און איר האָט זיי געגעבן שטראָף־רייד... איר האָט זיי גערופן צו משיחן, וועל־כער האָט זיי קיין מאָל ניט אויסגעלייזט און אַלע מאָל פאַרפירט...

ברוך (פאַרטראַכט). און לאַרע איז אויך געווען אין זאַל... איך האָב די גאַנצע צייט געוווּסט, אַז זי איז דאָרטן... און בין געווען זייער נערוועז... איך האָב ניט געוואָלט, אַז זי זאָל קומען...

מאַקס. איר זענט אין איר נאָך אַלץ פאַרליבט.

ברוך. און אַט איז זי ניטאָ... אַז זי איז אַוועק, בין איך אַזוי פאַרלוירן... (גייט זיך דורך נערוועז איבערן צימער). איר זעט, איך שעם זיך אַפילו ניט צו זאָגן... כ'האָב ניט קיין כוח אַרויסצורייסן זי פון מיין האַרצן... (זעצט זיך אַוועק, פאַרדעקט די אויגן, ווי ער וואָלט געוויינט. מאַקס שווייגט).

דאָס ערשטע צימער איז די גאַנצע צייט ליידיק. מלכה, זעלדע און חנה זיינען אין קיך. באַלד באַווייזט זיך פון דער קאָרידאָר־טיר חיים. ער קוקט אַ צופרידענער אויפן געגרייטן טיש).

חיים. אַי, אַי, אַי!... די ווייבער האָבן עס דאָ אַ ביסל אָנגעגרייט גוטע זאַכן!... (גייט צו דער קיך־טיר), מלכה, ווו ביסטו דאָרטן?

מלכה (באַווייזט זיך). חיים, גיי אַריין אַ ווײַלע צו ברוכן. מאַקס איז דאָרטן.

חיים (רייבט צופרידן די הענט). אָ, מיין איידעם איז שוין דאָ!... מאַקסל איז דאָ? דאַרף מען דאָך טאַקע גיין ראַטעווען אונדזער ברוכן פון זיינע הענט... (קלאַפּט אָן).

מאַקס. אַריין.

חיים (קוקט זיך אַרום). ווי קומט עס, וואָס איר זענט אַזוי שטיל? איך האָב דערוואַרט, אַז איר זאָלט גאָר פירן אייער אייביקע דיסקוסיע... (זעט, אַז ברוך זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ). און דו, ברוך, ביסט גאָר היינט ניט געקומען אין שול אַרויסבאַגלייטן די מלכה שבת...

ברוך (אַ ביסל שולדיק). כ'בין היינט געבליבן דאָ...

חיים. איך האָב אַריינגעקוקט אין קיך. ס'טוט זיך דאָרטן! די ווייבער גרייטן פאַר אונדז אַ יום־טוב — שוין איין מאָל אַ מלווה־מלכה! פאַראַכ־טאָגן שבת זיינען מיר אַלע געזעסן אַרום דעם ראַדיאָ, געציילט די שטימען פאַר אונדז, ווי גאָלדענע רענדלעך... אוי, וויפל מאָל דאָס האַרץ האָט זיך געצאַפּלט צווישן „יאָען" און „ניינען"!... און איצט ווייסט שוין די וועלט — ארץ־ישראל איז אונדזער!

ברוך. און איצט גיסט זיך שוין דאָרט אונדזער בלוט...

חיים (טרויעריק). יאָ. אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: „בדמיך חיי...".

מאַקס. יעדע אויפלעבונג און יעדע ווידעראויפלעבונג גייט אין איי־נעם מיט באַנייטן קאַמף.

חיים. אונדזער סטרייק האָט מיך צו דער עלטער געלערנט. מיר האָבן געפּיקעטעט — האָבן מיר געוווּנען... און נאָך ווי! אָט הער איך, אַז דזשעראָם מיט זיין דזשענין קומען צו אונדזער טיש ווי שטילע לעמעלעך...

ברוך. איר אַלע פרייט זיך... יידן טאַנצן אין די גאַסן... ארץ־ישראל איז אונדזער. און איך שרעק זיך איצט מער ווי אַלע מאָל... אַזוי ווי מ׳וואָלט געהאַלטן אין די הענט אַ טייערע וואַזע אומפאַרזיכטיק... איך האָב מורא, מ׳זאָל זי ניט צעברעכן...

מאַקס. קיין שום רעוואָלוציע אין אַ פאָלקס־לעבן קומט ניט פאַר אָן קרבנות. מ׳קאָן ניט אַריינשפּרינגען אין אַ נייער אָרדענונג פאַרטיקער־הייט. (פּלוצלונג זייער האַרציק). ברוך, ווען איר זענט געבוירן געוואָרן זענט איר געווען אָן אומבאַהאָלפן באַשעפעניש... ניט געקאָנט שטיין, ניט געקאָנט גיין, ניט געקאָנט ריידן... אָבער איר זענט געוואָרן אַ מענטש... עס האָט אייך געקאָסט אַ סך אָנשטרענגונג, פיזיש און גייסטיק, צו ווערן דאָס, וואָס איר זענט... נו, און אונדזער געשיכטע איז דאָך ערשט ביי אַ נייעם ווידערגעבורט...

חיים. גאָלדענע ווערטער, מאַקסל! (צו ברוכן). בטחון, מייך זון! נאָר בטחון!

מאַקס. בטחון און קאַמף... איר, ברוך, גלייבט נאָך אַלץ, אַז משיח וועט קומען. משיח קומט ניט, משיחן דאַרף מען ברענגען...

חיים. לאָמיר ריידן וועגן פרייליכערע זאַכן... ווען נעמט מען שוין אַ טרינק־בראָנפן? קומט אַריין, קינדער, אינעם צווייטן צימער, וועלן מיר, איידער־וואָס־ווען, באַנעצן דעם גומען...

מאַקס. איר זענט גערעכט, און איך בין טאַקע היפּש הונגעריק...

חיים. קום, ברוך, קום שוין... (אַלע גייען אַריין אין צווייטן צימער).

חיים (נעמט אַ גראָפינקע, גיסט אָן גלעזלעך). נו, לאָמיר מאַכן אַ לחיים. פאַר אונדזער יידישער מלוכה.

מאַקס. און פאַרן יידישן פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט.

(ברוך טרינקט שוויגנדיק).

זעלדע (קומט אָן). איך וועל גיין זאָגן דער מאַמען, וועט איר קריגן דעם אמתן פּסק... וואָס הייסט, איר טרינקט שוין... (שרייט דורך דער טיר) מאַמע, די מאַנצבילן מאַכן אַ תל פונעם טיש...

מלכה (קומט אָן). חיימקע, אַז ער דערזעט משקה, קאָן ער זיך ניט איינהאַלטן... ביי אים איז אַלע מאָל לחיים, רב חיים...

מאַקס. איך נעם די שולד אין גאַנצן אויף זיך...

חיים. ס׳איז שוין די העכסטע צייט אַוועקצוזעצן זיך ביים טיש, מיין ווייב.

מלכה. מיר וואַרטן דאָך אויף דזשעראָמען מיט דזשעניק.

חיים. טאָ ווו איז ער שוין, דייַן זון?

זעלדע. די גבירים לאָזן אויף זיך וואַרטן, טאַטע, דעם סטרייק האָבן מיר געוווּנען, אָבער ער איז נאָך אַלץ דער באַלעבאָס.

חנה (קומט אָן). גוט וואָך! אַ גוטע וואָך אייך אַלעמען. גאָט זאָל געבן, מיר זאָלן זיך אַלע מאָל פרייען אויף שמחות... (צו ברוכן). דיך האָב איך שוין לאַנג ניט געזען. באַהאַלטסט זיך אויס פאַר דער מומען... קומסט ניט זען...

ברוך (פאַרלוירן). מיך פאַרדריסט, מומע. כ׳בין געווען פאַרטאָן... כ׳האָב זיך אַלץ געקליבן אייך זען...

חנה. נו, און דיין לאָרע איז טאַקע אַוועק פון דיר... רייס זי אַרויס פונעם האַרצן, ברוכל, און פאַרגעס... זי איז דיר געווען אַ פרעמדע. מאַן און ווייב דאַרפן זיך איין לייב... און זי איז דיר אַ פרעמד גליד...

מאַקס. קום, מאַמע, זעץ זיך אַט־אָ־דאָ (פירט זי צו אַ שטול). און וועגן לאָרען דאַרף מען היינט ניט ריידן.

חיים. און ווו איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אונדזער מיזיניק? עפּעס זע איך אים קיין מאָל ניט אין הויז. ניטאָ מיט וועמען אַ פאַרטיע שאָך צו שפּילן

זעלדע. ער איז דאָך אַריין אין השומר הצעיר. אַ גאַנצער פירער ביי זיי געוואָרן... לערנט זיך העברעיִש... קיין איין זאַץ זאָגט ער ניט אַרויס אָן אַ העברעיִש ווערטל.

מלכה. ער איז אַזוי פאַרטאָן... ארץ־ישראל... ארץ־ישראל... ניט עסן, ניט טרינקען... נאָר חברים, חברות — מיט זייער אויסשפּראַך...

חיים. אַנומלט האָב איך זייער געלאַכט... ער זאָגט צו מיר: טאַטע, דו רעדסט אַרויס די העברעיִשע ווערטער ווי אַן אויסלענדער. רייד ווי ביי אונדז אין דער היים... (לאַכט). זאָג איך צו אים: איך רייד לשון קודש און דו — לשון חול...

זעלדע. באַלד נאָך אונדזער חתונה קומט ער אַריין צו אונדז און נעמט אַגיטירן מיך און מאַקסן, מיר זאָלן ווערן מיטגלידער פון „השומר הצעיר". זאָגט אים, מאַקס: מיר וועלן זיין אין אַמעריקע... צווישן די היגע יידן איז אויך דאָ צו טאָן פאַרן יידישן פאָלק... גוט, זאָגט ער, אויב איר קאָנט ניט שטיין אין דער ערשטער ליניע פון קאַמף, זאָלט איר כאָטש זיין אין דער צווייטער... מיר האָבן אים צוגעזאָגט...

מלכה. ווי איז מיר, ער זאָל כאָטש פון אונדז ניט פאַרשווינדן ווערן.

זעלדע. מאַמע, עס וועט גאָרניט העלפן. ער איז שוין אין אַ בריגאַדע. און ער וועט אַוועקפאָרן.

מלכה. אוי, אַלע טאָג, ווען ער קומט ניט אַהיים אַ לאַנגע צייט, פאַלט מיר אַרויס דאָס האַרץ...

ברוך. דורך טויזנטער יאָרן האָט זיך אונדזער יוגנט געשלאָגן פאַר פרעמדע פעלקער... געפאַלן פאַר זייערע רעוואָלוציעס, געקעמפט אַ פרעמדן קאַמף. ערשט ניט לאַנג צוריק האָבן זיי זיך געשלאָגן פאַר שפּאַניע... פאַר־גאָסן דאָרט זייער בלוט אומזיסט.

מאַקס (שלאָגט אים איבער). ניט אומזיסט, קיין מאָל ניט אומזיסט. אויך דאָרטן איז דאָס געווען אונדזער יידישער קאַמף קעגן פאַשיזם...

חיים. נו, נו, נו... אָן דיסקוסיעס. היינט איז ביי אונדז אַ שמחה... און שלום בית...

זעלדע. און איך זאָג פאָרט: ארץ־ישראל ווערט פאַרראַטן פון די אימפּעריאַליסטישע מאַכטן... אומעטום... דאָ און דאָרטן... און ווילי...

חיים (האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט). פאָלגסט ניט אַ טאַטן? שטיל זאָל זיין!

(עס דערהערט זיך אַ קלונג פונעם טיר־גלעקל).

זעלדע. אונדזערע באַלעבאַטים קומען!... (לויפט עפענען די טיר).

חיים. דאָס ערשטע מאָל נאָך לאַנגע חדשים לאָזן זיי זיך צו אונדז אַראָפּ..

מלכה (גייט צו דער טיר באַגעגענען די געסט). גאָט צו דאַנקען, זיי קומען... גאָט צו דאַנקען...

(עס קומען אַריין דזשעראָם, דזשעני און נאָך זיי — זעלדע).

דזשעראָם. אַ גוטע וואָך, מאַמע. אַ גוטע וואָך, טאַטע... גוד איוונינג.

דזשעני. גוד איוונינג, עוריבאַדי.

חיים. נו, איצט קאָנען מיר זיך שוין אַוודאי אַוועקזעצן צום טיש — די געסט זיינען דאָ... זעצט זיך (זעצט זיך אַליין). אָט זיץ איך שוין...

(אַלע זעצן זיך אַרום טיש).

חיים. און איצט, מאַקסל, מיין איידעם, גיס פאַר אונדז אָן די גלעזלעך און מיר וועלן נעמען צו ביסלעך...

דזשעראָם (הייבט אויף זיין גלעזל). לחיים, אַלעמען!

אַלע. לחיים, לחיים!

מלכה. לחיים, מיין זון, גאָט זאָל געבן, מיר זאָלן שוין ניט וויסן פון קיין צרות, רבונו של עולם...

חנה. מיר זאָלן שוין מער ניט וויסן פון קיין פּאָגראָמען, רציחות... אונדזער בלוט זאָל זיך שוין מער ניט גיסן אויף פרעמדער ערד, גאָטעניו, האַרציקער, געטרייער... (ווישט אָפּ אַ טרער).

מאַקס. מאַמע, היינט איז ביי אונדז אַ שמחה. מיר פרייען זיך מיט דער יידישער מלוכה. דערמאָן ניט דעם נעכטן. מיר הייבן אָן פון דאָס ניי.

חנה. ביי אַלע אונדזערע שמחות זאָלן, חלילה, ניט פאַרגעסן ווערן די הייליקע קברים אונדזערע... אונדזער פלייש און בלוט.

מאַקס. נישט פאַרגעסן. דעם שונא טאָרן מיר ניט אויסמעקן פון זכרון. ער דאַרף שטיין פאַר אונדזערע אויגן ווי אַן אייביקע דערמאָנונג.

ברוך. אונדזער שונא איז געוועזן און איז געבליבן — די גרויסע וועלט. אונדזער שוץ איז גאָט... גאָט האָט אונדז באַשיצט און באַהיט.

מאַקס. אונדזער שונא איז די איינגעשטעלטע וועלט. ווען מיר איבערבייטן די וועלט — און מענטשן וועלן ווערן ברידער, און מ׳וועט ניט דאַרפן אַנטרינען אין קיין געטלעכקייט...

פון דאָס ניי

חיים. נו, נו, נו... מ׳דאַרף ניט קיין דיסקוסיעס. די ווייבער האָבן אָנגעגרייט אַזוי פיל גוטע זאַכן, — און זיי אַמפּערן זיך אַלץ איבער אַ קוצו של יוד... (נעמט אַ גלעזל). לחיים!...

מלכה. טרינקט, קינדערלעך, טרינקט... איך וועל גיין אין קיך זען, וואָס דאָרט טוט זיך (אָפּ).

ווילי (קומט אָן). כ׳האָב זיך פאַרשפּעטיקט... און ביי אייך איז דאָ פריילעך.

מלכה. ווו ביסטו געווען, זונעלע? מיר האָבן געוואַרט און געוואַרט...

ווילי. מאַמע, קום אַהער... הערט אַלע. איך האָב פאַר אייך נייעס.

מלכה. אוי, גאָטעניו, ס׳זאָל כאָטש זיין גוטע נייעס...

ווילי. גוטע נייעס, גרויסע נייעס! איך פאָר קיין ארץ־ישראל!

זעלדע (לויפט צו צו אים, גיט אים אַ קוש). זאָל זיין מיט מזל! איך בין שטאָלץ מיט דיר, ווילי.

מלכה. אוי ווי איז מיר!... זונעלע, וווהין ווילסטו פון אונדז פאַר־פליען? אוי ווי איז מיר... (וויינט).

ווילי. מיר האָבן געקריגן וויזעס פאַר פופצן חברה... מ׳האָט מיך אַריינגענומען אין דער ערשטער גרופּע...

מאַקס (גייט צו, דריקט אים די האַנט). הייסט עס, אַז מיר הייבן אָן פון דאָס ניי. מיר דאָ און איר — דאָרט. עם ישראל חי!

חיים. (גייט צו, אַ גערירטער). הייסט עס... הייסט עס... זון מיינער... פאָרסט אַוועק בויען דאָס לאַנד פון די אָבות...

ווילי. און פאַר דער צוקונפט, טאַטע, מיר הייבן אָן פון דאָס ניי. (צו מלכהן) און דו, מאַמע, וויין ניט און קלאָג ניט... לאָמיר בעסער אויס־טרינקען... איך וויל זיך אָנשיכורן... ס׳איז מיין גרויסער טאָג.

חנה. זאָל דיך גאָט באַשיצן און באַהיטן, ווערלוועלע!

מאַקס (הייבט אויף אַ גלעזל). פאַר אַ ניי׳ לעבן, פאַר אַ נייער צייט אינעם לעבן פון יידישן פאָלק!

פ אָ ר ה אַ נ ג

אין די ווענט פון כמויערן

באַלאַדע

א

ביים ראַנד פון שטאָט,
ביים ברעג פון קויטיק־פאַרזשאַווערטן טייכל
הויערן אין שטומען שוויַיגן טונקעלע מויערן.
הונדערט מויערן — איין מויער.
טויזנט פאַררויכערטע ציגל־ווענט — איין געביידע.
די פאַבריק.
צענטויזנט פאַררויכערטע פענצטער שווייגן מיט פינצטערקייט,
טונקעלן־ פאַרטונקעלן סוד.
און אויף די שווערע און ראָסטיקע טויערן
הענגען די שלעסער און ריגלען
מיט בלייענע פלאָמבעס פאַרזיגלט.
ראָסטיקע שלעסער און ריגלען — היטן אָפּ סוד.
זאָגן ניט אויס.
דערציילן ניט.
אַנטפּלעקן ניט.
און קיין וועכטער זיינען ניטאָ.
ווו זיינען די וועכטער?
ווו זיינען די היטער פון טויערן?

ל. כאַנוקאָוו / לעצטע שריפטן

גיי־צו נעענטער,
קוק זיך צו, און דערזע:
ביים פאַראַדן־אַריינפאָר פונעם הערשער און האַר
זיצט דער איין־איינציקער וועכטער און גליווערט ביים טויער
פאַרגעסן און גרוי,
ווי פון טויזנטער יאָרן אַ פאַרשאָלטענער וועזן,
הויערט ער שטייניק אויף שטיינערנער טומבע,
לויערט מיט שאָטן אויף שאָטן פון ווענט —
און האַלט סוד.

פון מזרח־זייט שוויגט דאָס בלאָטיקע טייכל,
רירט ניט די טונקל־געדיכטע פאַרשטאַרבענע וואַסערן,
וויגט ניט, צעוויגט ניט קיין שיפן, —
אויפן בויך פון טייכל רוען, ווי אויסגעמאַטערטע אייזלען,
די אַלטע פאַרהאַרעוועטע באַרזשן,
און זשאַווערן, זשאַווערן.
פון מערב־זייט ציִען זיך, ווי שלאַנגען,
די ראָסטיקע רוקנס פון רעלסן.
רעלסן ציִען פון ערגעץ — צעציִען זיך,
רעלסן קומען פון דער ווייט,
פון דער וועלט,
און פויזען אַריין אונטער די טויערן,
פאַרלירן זיך אין טונקלקייט —
אין דעם אינגעווייד פון פאַבריק,
צעלייגן זיך אין ראָסטיקער שטומקייט —
און שטאַרבן.
און אויף זיי, אויף די טויטע,
הויערן אין אומאָרדענונג,
אין פאַרגעסענעם טרויער,
די אַלטע, פאַרלאָזטע וואַגאָנעס.
קיינער רירט ניט פון אָרט די וואַגאָנעס,

אין די ווענט פון מויערן

קיינער באַוועגט ניט דעם אימפּעט פון רעדער אויף רעלסן.
שטייען זיי, ליידיק, און גאַווערן.
גליווערן סוד.
און די פאַבריק — אַ פאַרשאָלטענער שלאָס —
געהיימעניש אָרום און געהיימעניש — אינעווייניק.

ווער וועט קומען — און אַנטפּלעקן דעם סוד?
ווער וועט קומען — און אויסזאָגן?
ווער וועט קומען — און דערציילן?
ווער וועט קומען צעברעכן דעם זיגל פון שלעסער אויף טירן
און עפענען שטאָלענע שאַפעס,
און קאַסטנס און שראַנקן?
ווער וועט קומען צעוויקלען די שמות־פאַליאַנטן
און ביכער,
און צעשרייען דעם אַלטן געשריי פון געשפּרודלטע ציפערן
און סיסטעמען פון דעבעט און קרעדיט?
ווער וועט קומען?

מ׳וועט קומען, מ׳וועט קומען!
ניט איינער, ניט צוויי און ניט צען
וועלן קומען דערהערן און זען, — דעם באַשייד —
מ י ל י אָ נ ע ן!
ס׳וואַרט שוין פון טויזנטער יאָרן אין אַנגסטן
דער העלדישער ריטער, געפאַנגען אין ווענט,
און האַלט אין זיין האַרצן פאַרשלאָסן באַשייד
פאַר מיליאָנען.

פאַל־צו צו דער ערד — הער זיך איין:
וועסט דערהערן דעם טראָט פון די טויזנטער.
זייער טראָט.
בייטאָג און ביינאַכט.

ל. כאַנוקאָוו / לעצטע שריפטן

דעם טראָט פון די שטומע אַרמייען
האָט פאַרנומען די ערד און פאַרצייכנט —
אויף אייביק, אויף אייביק.
פאַל־צו צו די ווענט —
וועסט דערהערן אַ שווערן גערודער —
זייער גערודער אין ווענט פון פאַבריק.
וועסט דערהערן געוויין און געיאָמער —
זייער געוויין און זייער געיאָמער אין ווענט פון פאַבריק,
און די אַנגסטן פון שטומע מאַשינען.

הער זיך איין:
אייזן און פלאַמען קענען באַנעמען אַ בענקשאַפט.
אייזן און פלאַמען קענען באַנעמען אַ יאָמער, אַ פלוך און אַ וויטיק
און אויסזאָגן
און אויסקלאָגן.
אייזן און פלאַמען זיינען פאַרוואָגלט, פאַרצאָרנט
און צעשרייען די בענקשאַפט און הונגער.

ב

צוויי מאָל אין מעת־לעת בייטן די ווענט זייער אָנטועכץ —
בייטאָג און ביינאַכט,
פוצן זיך בייטאָג אין קאָלירן פון זיין און ליכט.
פוצן זיך ביינאַכט אין טוניקן פון שאָטנס.
און איבער קעפּ פון טורעמס און מויערן —
אַהין און צוריק —
שפּאַנען גיגאַנטן מיט ריזיקע טריט.
שפּרייזן פון דאַך־צו־דאַך,
פון קוימען צו קוימען
און צעבלאָזן דעם רויך אין אַלע פיר עקן

אין די ווענט פון מויערן

פון דער וועלט —
אַן אויג זאָל ניט דערזען,
און זיך פאַרחידושן.
אַ האַרץ זאָל ניט דערפילן,
און דערשרעקן זיך.
אַ מאַרך זאָל ניט באַנעמען,
און פאַרדעכטיקן דעם סוד הינטער ווענט,
הינטער טויערן.

און אינעווייניק,
אינעם איינגעווייד פון ווענט און פון דעכער און באַלקנס
איז אַזאַ לעבן! — אַ מעשה צו דערציילן.
דורך טאָג און דורך נאַכט
ברענען, ווי אויגן פון נאַכטיקע סאָוועס,
מיליאָנען עלעקטרישע לאָמפּן.
ברענען און ברענען און ברענען,
און קיין ליכט איז ניטאָ.
אַזעלכע פאַרשאָלטענע לאָמפּן,
וואָס קענען קיין ליכט ניט געבערן.
שאָטנס שרעקן זיך ניט פאַר דעם שיין
און צעלויפן ניט,
שאָטנס זוכן ניט קיין באַהעלטעניש, אַנטלויפן ניט,
און לייגן זיך אַוועק, הכנעהדיק,
ווי שטומע היימישע חיות,
און גליווערן און גליווערן,
ווי טויטע.
און נאָר דאָס ליכט פון די פרעמדע העלישע פייערן,
פון שמידערייען,
פון גיסערייען,
פון צעכן, וווּ ס׳ווערן געהאַרטעוועט שטאָלן —
רייסט זיך אין זיילן,

ל. כאַנוקאָוו / לעצטע שריפטן

אַרויף און אַראָפּ, פון די קאַלך־אויוונס,
צעוואָרפט איבער וועגט און איבער באַלקאָנס אוזאָרן,
אַזעלכע לויפנדיקע־פליענדיקע ליכט־שאָטנס,
וואָס פירן מלחמה מיט נאַכט —
און קענען זי ניט באַזיגן.
אַזעלכע פייערדיקע, פלאַמיקע שאָטנס,
וואָס קענען זיך שפאַנען אין גאָלדענע רייטוועגן
און, ווי ווילד־געוואָרענע פערד,
פליען און שפרינגען
און צינדן זיך אין פאַקעלן
און אָנפילן די לופט מיט זייער הירזשען,
ווי מיט דונער פון אַ ווייטער קאַנאָנאַדע.
טאָג און נאַכט
און אייביק.
בייטאָג האָט די זון געקענט פאַרברענען אַלע וועלטן.
ביינאַכט האָט געקענט די פינצטערניש דערשטיקן דאָס לעבעדיקע.
אָבער אין די ווענט
האָט אָן אויפהער געפלאַקערט די מלחמה פון שאָטנס.

ווער וועט באַזיגן ?
און ווער וועט פאַרלירן ?
אַלץ איינס.
דער זיגער־געווינער,
דער באַזיגטער־פאַרלירער —
אַלץ־איינס, אַלץ־איינס.
אומעטום, פון אומעטום צעשרייען שטומע וואָרענונגען :
— רירט ניט אָן די שאָטנס ! — זיי זיינען ממשותדיקע.
— רירט ניט אָן די שאָטנס !
— זיי וועלן אייך באַפאַלן און פאַרטיליקן אויפן שטיין פון קאָנקריט.
— זיי וועלן אייך צעדריקן און אומברענגען מיט שווערקייט.
— היט זיך, היט זיך, היט זיך !

אין די ווענט פון מויערן

אָבער קיינער הערט ניט — דערהערט ניט די וואָרענונגען.
קיינער זעט ניט — דערזעט ניט געפאַר —
און באַנעמט ניט.

און ווי קענען דערהערן די טויבע ?
און ווי קענען דערזעען די בלינדע ?
און ווי קענען געפאַלענע אין פּאַראַליז —
באַנעמען ?

און דריי מאָל אין מעת־לעת,
ביי־טאָג און ביינאַכט,
קומען פון מזרח און מערב,
פון צפון און דרום — פאַרשאָלטענע מחנות,
גייען אין רייען, אין רייען,
ווי צו גאָט־דינסט,
באַרירן דעם כישוף פון שטאָל
און פון פייער.
באַרירן דעם גליווער פון שאָטנס —
און שטאַרבן.
און שטאַרבן.
און נאָר דער געפאַנגענער ריטער אַליין
הערט אַלץ און זעט אַלץ און באַנעמט אַלץ
אין אַנגסטן
און קען נאָך ניט שאַפן קיין וווּנדער
און קען נאָך ניט געבן באַשייד.

אַליין — דאָס אויג פון מיליאָנען,
אַליין — דער אויער פון מיליאָנען,
אַליין — דאָס האַרץ און דער מאַרך פון מיליאָנען,
טראָגט ער דעם פּיין פון מיליאָנען

און שטאַרבט
מיטן טויט פון מיליאָנען.

ג

אַזאַ לעבן אין ווענט —
אַ מעשה צו דערציילן!

אין אַלע עקן — אָפענע טויערן.
צעכן עפּענען מיילער, צעכן שלינגען איין.
אין אַלע עקן ברענען און פלאַקערן פלאַמיקע קרייצן,
הייבן זיך, בייגן זיך, שטייגן.
פלאַמיקעביימער וואַקסן־צעוואַקסן זיך, ווי וועלדער.
גאָלד־פלאַמיקע צווייגן צעצווייגן זיך,
פלעכטן זיך — צעפלעכטן זיך.
ווערן און ווערן ניט.
ווערן —
און ווערן ניט, ווי זעונגען.
און דורכן בליץ פון די זעונגען — אַ גערודער.
שאַרפער, טעמפער, מוראדיקער גערודער.
מאַטאַרן קריצן, צעקריצן די לופט:
— או־ו־ו!.. אי־י־י־י!..
וויינען און פאַרגייען זיך אומענדלעך, אומענדלעך.
— או־ו־ו!.. אי־י־י־י!..
און ס׳ענטפערן רעדער און פּאַסן און פליגלען:
טאַ־טאַ־טאַ!.. טאַ־טאַ־טאַ!.. טאַ־טאַ־טאַ!..
בייטאָג און ביינאַכט און אייביק,
שרייען באַנומענע קולות:
— ווער וועט באַזיגן?
— ווער וועט פּאַרלירן?

אין די ווענט פון מויערן

— קיינער ניט. קיינער ניט!
און אין סאַמע מיטן פון קולות — פּיאַנאָ.
פּיאַניסימאָ!
ס׳נעמען פינגער — אַ טאָן.
שטאָלענע פינגער, וואָס קענען ניט ציטערן —
נעמען אַ טאָן.
עלעקטרישע כוואַליעס צערייסן די לופט,
פון אויבן אַראָפּ
און פון אונטן — אַרויף.
דרייען־פאַרדרייען אין אייביקן לויף רעדער און פּאָך־רעדער.
שרויפן — צעשרויפן.
בויערן — צעבויערן,
צעשרויפן, צעבויערן שטאָל.
אַרום די רעדער און רעדלעך לויפן־צעלויפן זיך פּאַסן
צום מאָטאָר,
צום־פּאָך־ראָד — רימענע פּאַסן.
אייַן פּאַס און הונדערט און טויזנט — צעפּאַטשן די לופט,
לויפן און דרייען־פאַרדרייען
פון אויבן אַראָפּ,
ווי אייביקע וואַסערפאַלן.
פון אונטן אַרויף,
ווי זודיקע גייזערן —
שוימען — צעשווימען ניט.
שפּריצן — צעשפּריצן ניט די עלעקטרישע פונקען,
לויפן און קומען צוריק.
הונדערט מאָל,
טויזנט מאָל,
מיליאָנען מאָל — אָן אַ סוף
אַרום אַ פאַרשאָלטענעם קרייז.
טויזנטער פערדישע קרעפטן — איין קראַפט.
שטאָלענע פליגלען שניידן און שלאָגן די לופט

ל. כאַנוקאָוו / לעצטע שריפטן

ווי מיט ריזיקע הענט,
פליקן אויף שטיקער די שאָטנס
און רייסן דעם גליוועער צום אויפגאַנג.
יללות, געפילדער און טומל יאָגן זיך, צעיאָגן זיך —
ווילן אַנטלויפן, אַנטרינען.
דורך טיר און דורך פענצטער,
שלאָגן זיך, ווי בלינד־געוואָרענע פייגל,
מיט קאָפּ און מיט פליגלען,
איבער ווענט און סופיטן,
זוכן אַ וועג און אַן אויסוועג — און קענען ניט געפינען.
פאַלן זיי, פאַלן זיי
אַנגסטיקע,
געפאַנגענע,
אויף האַרטקייט פון שטיין און קאָנקריט פון די דילן.
און שטאַרבן.
און שטאַרבן.
און קיינער דערזעט ניט,
און קיינער דערהערט ניט,
און קיינער דערוויסט זיך ניט,
און נאָר די נאַכט אַרום די דרויסנדיקע ווענט
לויפט אַרום און אַרום, ווי אַ ווילדע, דערשראָקענע מכשפה,
רייסט זיך אינעווייניק
— דורך פענצטער און טויערן
און קען זיך ניט אַריינרייסן.
ברעכט זי די הענט אין פאַרצווייפלונג,
רייסט זיך, אין פאַנישן שרעק, די האָר פון קאָפּ
און פאַרגייט זיך אין אַ יאָמער.

אין די ווענט פון מויערן

ד

מאַטאָרן צעוויגן דעם אימפעט פון רעדער — ניט אַליין.
מאַשינען צעדרייען די רעדער אויף אַקסן ניט אַליין.
דער אימפעט פון מאָטאָר און ראָד
צעיאָגט זיך נאָך שנעלער
אויף אַקסן געשמירטע מיט בלוט.
שטאָל און מאַשין — און אויך פייערן
קענען אויסוווינען צער,
קענען יאָמערן בענקשאַפט.
אָבער שטאַרקער,
נאָך שטאַרקער,
וויינט אויס און קלאָגט אויס זיין בענקשאַפט און וויטיק
דער מענטש,
דער געפאַנגענער,
אין קלאַמער פון האַר,
פון מאַשין
און פון גאָלדענעם געץ.

גיי צו — און דערזע:
אין אַלע צעכן, אויף אַלע שטאָקן
קאָרטשען זיך מענטשן אין קלאַמערן.
אין אַלע צעכן, אויף אַלע שטאָקן
אויף שטאָלענע תליות
הענגען געהאַנגענע.
טויזנטער, טויזנטער.
שטאָלענע הענט צעיאָגן זיך, צעשווינגען זיך
איבער קעפּ פון די טויזנטער,
ווי פליגלען פון שטאָלענע פייגל.
שטאָלענע בייטשן צעפאָכען זיך
איבער רוקנס געבויגענע.

ל. כאַנוקאָוו / לעצטע שריפטן

פאַטשן און שמייסן — פאַרשמייסן אויף טויט.
פאַרכאַפּן אין קלעם און פאַרפּייניקן.
און טויזנטער גייען פאַרביי —
און דערזעען ניט.
און טויזנטער גייען פאַרביי —
און דערהערן ניט
און בויען,
צעבויען
דעם שטיינערנעם וועג צום גאָלדענעם אָפּגאָט.
לייגן,
לייגן־איבער
שטאָליקע בריקן אויף בלוטיקע טייכן
און שמידן,
און שמידן,
און שמידן
די טרעפּ און פאָרטאָלן,
טירן, קאָלאָנען און קופּאָלן
צו טעמפּלען פון גאָלדענעם געץ.
טויזנטער, טויזנטער, טויזנטער,
ווי שטילע, געהאָרכזאַמע שאָטנס,
גרייטן־צעגרייטן און שפּאַנען־צעשפּאַנען
קופּערנע רייטוועגן־אָרונס,
צו פירן אין זילבערנע טרונעס
קרבנות צום גאָלדענעם געץ.
טויזנטער, טויזנטער, טויזנטער,
ווי שטילע, געהאָרכזאַמע שאָטנס,
שטעלן זיך אויס אין רייען,
פאָרמירן זיך אין שורות
און ציִען זיך אין לאַנגע פּראָצעסיעס, פּראָצעסיעס.
און עס ווייסן ניט די טויערן די ריכטונג פון פּראָצעסיעס.

אין עס ווייסן ניט די גייער, וווהין זיי גייען
און נאָך וואָס.

וויסן — ווייסן נאָר צוויי:
איינער — אַ בלוטיקער הערשער,
אַ האַר,
דער צווייטער — דער העלדישער ריטער
פון האַר אַ געפֿאַנגענער.

ה

דער האַר פֿירט זיין הערשאַפֿט אויף גאָלדענעם טראָן
אין מיטן פון בלוט און פון פלאַמען.
פון אַלע ראַנדן פון הערשאַפֿט פאַרהיטן אים פלאַמיקע זיילן
פון אָפענע מיילער — קאַנאָנען.
אַרום אים, אַרום אים
הויערן שקלאַפֿן באַוואָפֿנטע
און היטן, באַהיטן מיט שווערד און מיט ביקס.
היטן אָפּ הערשאַפֿט,
היטן אָפּ מאַכט.
און קעגן דעם אויג פונעם הערשער,
איבער פלאַמען פון קאַלך־אויוונס,
הענגט, אַ געשמידטער אין קייטן,
דער געפֿאַנגענער ריטער־מאַרטירער.
קומט אַריין אינעם שאָטן פון שלאָס,
קומט אַריין — און דערקענט אים: —
ניט אין פאַנצער און לאַטן,
ניט מיט שווערד, ניט מיט ביקס, ניט מיט שפּאַרן באַוואָפֿנט
וועט איר געפֿינען דעם ריטער.
נאָר מיט האַס אין זיין אויג

און מיט שנאה אין האַרצן
קעגן שונא און האַר
איז באַוואָפנט דער ריטער.
אַ פאַרצערטער פון פלאַמיקע אויוונס,
פאַרפייניקט אין פייַנען פון שטאָל —
איז האַרטער זייַן גייסט נאָך פון שטאָל
און הייסער זייַן האַרץ איז פון פלאַמען
און זייַן גלויבן אין זיג
איז נאָך שטאַרקער פון אַלע יסורים.
מיט האַס קעגן האַס
און מיט פייער אין בלוט קעגן פּראַקטיקער שנאה
האַלט אויס דער געפאַנגענער ריטער
שוין טויזנטער יאָרן
דעם קאַמף קעגן בלוטיקן שונא.

טאָג און נאַכט
פאַרנעמט ער דעם רוף.
טאָג און נאַכט
פאַרנעמט ער באַפעל:
— שטאַרב!
— גיב זיך אונטער! גיב זיך אונטער!
— אַלע זונען הינטער די ווענט זייַנען שוין אויסגעלאָשן.
— אומעטום איז די הערשאַפט פון טויט.
— אומעטום.
— פינצטערניש און הונגער האָבן שוין דערשטיקט אַלעמען.
— דייַנע ברידער און דייַנע שוועסטער האָבן זיך אונטערגעגעבן.
— קיינער, אַחוץ דיר, איז שוין ניטאָ, וואָס זאָל קעמפן.
— און קיינער איז שוין ניטאָ צו דערהערן דייַן רוף פון געפאַנגענ־
שאַפט.
— קיינער דאַרף ניט דייַן דערלייזונג.
— קיינער דאַרף ניט דייַן קרבן.

אין די ווענט פון מויערן

— גיב זיך אונטער. שטאַרב.
— דיין פּנים און לייב זיינען שוין צעפּרעסן מיט די ווונדן פון
אַ מצורע.
— דיין מאַרך איז צעצונדן מיט אַ דעליריום־פייער.
— מאַך־צו דיינע אויגן, די פלאַמיקע,
— לעש אויס דעם פייער אין האַרצן
— און וואַרף זיך אַריין אין די שטאַליקע פלאַמען פון קאַלך־אויוון.
— ווייל דיין שעה איז געקומען.
— גיב זיך אונטער און שטאַרב!
— שטאַרב. שטאַרב! שטאַרב!!

אָבער דער העלדישער ריטער — שטאַרבט ניט.
גיט זיך ניט אונטער.
שטאַרבט ניט — דורך טויזנטער יאָרן.
איבער אַלע פּיינען צעשרייט ער זיין וואָרט און זיין רוף
צו די מאַסן,
צו די מאַסן:
— כ׳בין און איך וועל זיין!
— זיין, זיין, זיין!
— הונגער און נויט און פּייניקונג וועלן צעפלאַקערן פלאַמען
— נאָך שטאַרקער פון העלישע פייערן.
— פלאַמיקער האַס פון פאַרצאָרנטע מאַסן
— וועט פאַרלעשן, דערשטיקן
— דעם פלאַם און דעם פּיין פון די אויוונס.
— בלינדע — וועלן עפענען אויגן, און דערזען.
— טויבע — וועלן עפענען אויערן, און דערהערן.
— און שטומע — וועלן עפענען זייערע מיילער,
— און צעשרייען איבער דער גאָרער וועלט
— דעם גרויסן טאָג פון באַפרייונג און נקמה.
— פון כאַאָס און צער וועט פאַרמירט ווערן אָרדענונג.
— האַרמאָניע און גליק.

אונטער אים פלאַקערט־צעפלאַקערט דער העלישער קאַלך־אויוון פּיין.
און איבער אים — מעשענע, קופּערנע גלאָקן,
וואָס קלינגען־פאַרקלינגען־צעקלינגען
אַ ליאַרעם
דורך טאָג און דורך נאַכט,
צו לעשן דעם רוף פון דעם ריטער.
דער קלאַנג האָט שוין צעפרעסן, ווי ווערעם,
זיין גוף
און צעברעקלט, ווי אין מעשענע שטייסלען,
די ביינער.
און ער הענגט נאָך און הענגט מיט פאַרפּייניקטן גוף,
אַ געשמידטער צום אייזערנעם שטאַנג,
און וואַרט
און רופט.
פאַרביי אים גייען פאַרביי טויזנטער — און דערהערן ניט.
פאַרביי אים גייען פאַרביי טויזנטער — און דערזעען ניט.
און קיינער קומט ניט פאַרלעשן דעם פלאַם פון די אויוונס.
און קיינער פאַרשטומט ניט דאָס מעשענע קול
און דעם ליאַרעם פון שרייִקן קופּער.
אָבער דאָס האַרץ פונעם ריטער — האַלט אויס.
און דער מאַרך פונעם ריטער — האַלט אויס.
און דאָס וואָרט פונעם ריטער — לעבט
און לעבט אייביק.

ו

נאָר אינעם היכל פון גאָלדענעם געץ — איז שטיל.
זייער שטיל.
אין מיטן,
אין צענטער פון טונקעלן חלל,

אין די ווענט פון מויערן

דערהייבט זיך — פ ע ד ע ס ט אַ ל.
גראַניט און שטאָל און גוס־אייזן — אויף גראַניט.
ש װ ע ר ק י י ט.
שווערקייט אויף שווערקייט.
און איבער שווערקייט — מ אַ ש י ן.
אויבן און אונטן און אַרום
וואַכן אין אייביקן שווייגן — ס פ י נ ק ס ן.
שווייגן — פאַרשווייגן סוד,
זאָגן ניט אויס,
דערציילן ניט.
הילן איין שטילקייט אין שווייגן,
וויקלען געהיימעניש אין שלייערן.
און גליווערן,
אַ מענטש קען זיין שטיל און פאַרגליווערט ווי שטיין.
אַ שטיין קען זיין שטיל און פאַרבאָרגן אין גליווער אַ כוח.
נאָך שטילער איז אַ טויטער, וואָס האַלט סוד.
נאָך שטילער און סודותדיקער פון גליווער און טויט
זיינען די ספינקסן.
די ערד פאָדערט און יערט
און געבערט — אויפשטאַנד און אומרו.
דער ים רייסט זיך צום אויפברויז.
און דער מענטש וויל געבוירן ווערן —
אויפגיין צום לעבן.
און נאָר די ספינקסן גליווערן סוד
און פאַרגליווערן.

אַרום דער מאַשין שפרייט זיך פחד און וואָרענונג:
— ווער וועט קומען און אָנרירן די קעלט פון דער מאַשין?
— ווער וועט וואַגן, אָן ציטער אין האַרצן, באַרירן איר אייזערנעם קנאָפּל?

ל. כאַנוקאָוו / לעצטע שריפטן

— ווער וועט וואַגן, אין רו׃קן געמיט, זיך אַוועקשטעלן
מיטן פּנים צו איר, און ניט פאַרציטערט ווערן?
— און אויסהאַלטן, אין אַנגסטיקייט, דעם בליק פון אירע אויגן
— און ניט משוגע ווערן פון שרעק
— און ניט שטאַרבן?

דריי מאָל אין מעת־לעת
ברענגט מען דעם ריטער, אַ געשמידטן אין קייטן,
צום פוס פון גראַניט און געגאָסענעם אייזן,
צו קנ׃ען צום גייסט פון געלייטערטן שטאָל —
צו דער מאַשין.
דריי מאָל אין מעת־לעת רירט ער אָן אין אַ פאַרכטיקן ציטער
די קעלט פון איר פוס.
און באַגעגנט אין פאַרכטיקן שווייגן
דעם פייליקן גלאַנץ פון איר אויג.
און דריי מאָל אין מעת־לעת
שטעלט ער זיך אויף פאַר איר אָפענעם פּנים
און באַגעגנט דעם בליק פון איר אויג — און האַלט אויס.
און ווערט ניט משוגע.
און שטאַרבט ניט.

און עס שטייען די ספינקסן אין שטומער פאַרווונדערונג.
שטייען און גאַפן און האַלטן מיט שווערקייט דעם סוד.
און ס׳גאַפט די מאַשין איר אייגענע גאַפונג.
איבער געפייניקטן ריטער,
וווּנדערט זיך —
און קען זיך ניט אָפּווונדערן.

נאָך דעם — צעפּראַלן זיך טויערן.
ס׳קומען אומענדלעכע רייען פון שקלאַפן —
פינצטערע, שטומע און גרויע.

אין די ווענט פון מויערן

אָפענע אויגן — זעען ניט.
אָפענע אויערן — הערן ניט, פאַרנעמען ניט
דעם קלאַנג פון די אייגענע הילכיקע טריט.
און נאָר די פאַרמאַטערטע גלידער פאַרנעמען —
באַפעל:
— פאַלט פאַר דער מעכטיקייט פון שטאָל —
— און טוט תפילה.
— קניט פאַר דער מעכטיקייט פון פאַרגליווערטע פלאַמען,
— איר, די אומגליקלעכע.

און ס׳פאַלן שוין שקלאַפן פאַרכטיק־דערשראָקענע,
ווי פאַליקע שאָטנס,
געהאָרכזאַם און שטום.
קושן אויס מיט בלייכקייט פון ליפּן
די קעלט פון גראַניט.
רירן־באַרירן מיט ציטער פון פינגער
דעם סצעפּטער פון שטאָל.

בלינדע — דערזעען ניט.
אין שטאַרע אויגן טונקלט אַ צער —
אַן אייביקער.
צינד אָן איבער די קעפּ מיליאָניקע זונען —
און זיי וועלן ניט זעען קיין ליכט
און ניט פילן קיין וואַרעמקייט.
גאַפן די ספינקסן און באַוווּנדערן —
ווייל ס׳איז פאַראַן אַ פּנים אין צער
און אַ שיינקייט.
און ס׳איז פאַראַן אַ פּנים אין שרעק
און אַ שיינקייט.

ל. כאַנוקאָוו / לעצטע שריפטן

שטילקייט אַרום.
אין דרויסן און אינעווייניק.
שטילקייט ענטפערט אויף שטילקייט מיט שוייגן.
און נאָר די געפּייניקטע פאַרנעמען באַפעל:

— שטעלט זיך אַוועק אין גרייטן שוייגן און הערט.
— הייבט ניט אויף אייער קאָפּ — מ׳וועט אים אָפּהאַקן.
— הייבט ניט אויף אייערע אויגן — מ׳וועט זיי אויסשטעכן.
— איר זענט געפאַנגענע.
— איר זענט פאַרטיליקטע.
— איר און אייערע ווייבער און אייערע קינדער.
— אייער וואָרט — איז אייער תפילה צו מיר.
— אייער באַגער — איז אייער באַגער צו מיר.
— לערנט אייערע ווייבער און אייערע קינדער באַגערן מיך
— און טאָן תפילה צו מיר.
— און שטאַרבן פאַר מיר.
— און טאָמער וועט איר ניט פאָלגן, איר, די אומגליקלעכע,
— וועל איך באַפאַלן אייערע הייזער מיט אומגליק און שרעק.
— און טאָמער וועט איר ניט פאָלגן, איר, די אומגליקלעכע,
— וועל איך קומען אין אייערע הייזער מיט קעלט און מיט הונגער,
— און פאַרהונגערן, און פאַרפּייניקן.
— אייך און אייערע ווייבער און אייערע קינדער.
— איך וועל ברענגען אין אייערע הייזער צרעת און מאָרד.
— און אייך אומברענגען.
— און אייך אומברענגען.

מורא און געפאַלנקייט ענטפערט מיט שוייגן.
מורא און געפאַלנקייט ענטפערט מיט שטומער הכנעה.
און נאָר דאָס האַרץ פון געפּייניקטן ריטער
שלאָגט און שלאָגט,
ווי מיט שטאָלענע האַמערס

אין די ווענט פון מויערן

אין בלינדקייט,
אין שטומקייט,
אין טויבקייט —
און פאַרנעמט
אַליין
די מורא, דעם שרעק און דעם פּיין פון די טויזנטער.
און נאָר דער געפּייניקטער ריטער
אַליין
שטייט מיט אָפענעם האַרצן און וואָרט
אויפן גרויזאַמען בלוט־ריטואַל.

— דער ערשטער!
— גיי־צו. ריר אָן דעם פּעדעסטאַל: —
— דו וועסט שטאַרבן.
און ס׳גייט שוין דער ערשטער
און פאַלט, אַ פאַרגליווערטער און קאַלטער,
צום שטויב פון די שטיינערנע דילן.

— הייבט אויף דעם טויטן!
— טראָגט אַרויס!
— וואַרפט אַריין אין די פלאַמען פון קאַלך־אויוונס!

מ׳הייבט־אויף און מ׳טראָגט — און מ׳פאַרשווינדט.

— דער צענטער! גיי־צו,
— דער הונדערטסטער, גיי־צו!
— דער טויזנטסטער, גיי־צו!
— גייט־צו און רירט אָן. איר וועט שטאַרבן,
— הייבט־אויף די טויטע.
— טראָגט זיי אַרויס.
— וואַרפט זיי אַריין אין די קאַלך־אויוונס!

— ציילט ניט די טויטע.
— טראָגט אַרויס, — און פאַרגעסט.

און ס׳ציילט ניט קיינער די טויטע.
און ס׳פאַרגעסן אַלע.
און נאָר דער ריטער
איינער אַליין
הערט אַלץ און פאַרנעמט אַלץ.
ציילט און ציילט איבער — פאַרציילט ניט.
און פאַרגעסט ניט,
פאַרגעסט ניט.

און ס׳גאַפּן און באַדויערן די ספינקסן.
ווייל ס׳איז ניטאָ קיין פּנים און קיין שיינקייט
אין גרויזאַמקייט.
און ס׳איז ניטאָ קיין פּנים און קיין שיינקייט
אין האַס.
און ס׳איז ניטאָ קיין פּנים און קיין שיינקייט
אין טויט.

שטומע, געהאָרכזאַמע מחנות ציען זיך, ציען זיך —
ניט דערלייזטע.
שטומע, געהאָרכזאַמע מחנות ציען זיך, ציען זיך —
פאַרשווינדן אין גראָקייט אַריין.
ווערן ניט,
ווערן ניט.

ז

אַלץ גייט אַוועק — ווערט ניט.
נאָר דער ריטער אַליין בלייבט — אַ געהלשטער.

און די ספינקסן בלייבן — צו באַוווּנדערן.
און די מאַשין — בלייבט.
און די שטילקייט און שווייגן.
דאָס מויל פון מאַשין איז געשלאָסן.
די ליפּן פון דער מאַשין זיגלען נאָך סוד.
איר אויג קוקט נאָך שטאַר און פאַרלאָשן אין אַ ווייטקייט אַריין,
קוקט פאַרביי און אַריבער —
זעט און זעט ניט.
זי איז דאָ — און ניט דאָ.
און נאָר די בלוטיקע טאַט איז נאָך דאָ.
און די גרויזאַמע ווערטער זיינען נאָך דאָ,
ליגן נאָך, ווי געקוילעטע וועזנס.
אויף דעם קעלט פון קאָנקריטענע דילן,
טויטע,
און ס׳ליגט דער געפאַנגענער ריטער,
אַ געהלשטער,
און וואַרט
ביז אַ וואָרט וועט אים ברענגען צום לעבן.

און ס׳עפנט מאַשין איר געשלאָסענעם מויל
און אַנטפּלעקט די געהיימעניש פאַר דעם, וואָס איז זוכה:
— שטיי אויף.
— ביסט געבאָרן געוואָרן.
— און איך ווער אַליין מיט דיר געבאָרן.
— שטיי אויף קעגן מיר אין אַ שטומער פאַרווונדערונג:
— מיר זיינען געבאָרן געוואָרן —
— איך — אין שטאָל און אין פלאַמען
— און דו — אינעם אויפגאַנג פון בלוטן.
— ריר מיך אָן — דו וועסט דערהויבן ווערן.
— ריר מיך אָן — און דו וועסט געגרויסט ווערן מיט מיין גרויסקייט.
— ריר מיך אָן — און דו וועסט פאַרמערט ווערן מיט מיין מערקייט.

סוד ווערט אַנטפּלעקט און געבאָרן — צום לעבן.
געשלאָסענע ליפּן צעשאַלן, ווי שופרות, באַשייד.
אַנטפּלעקן דעם סוד פון באַשאַף און פון קאָסמאָס.
ווונדער.

ס׳ליגט נאָך אויף קעלט פון די דילן דער ריטער
באַוווסטלאָז,
און ס׳הויערט דער גייסט פון מאַשין אויף זיין רויען,
געפּאַלענעם גוף
און צעוועקט זיינע חושים צום אויפקום.
אָטעם צעפּרייכט און צעאָטעמט זיך.
בלוטן צעלויפן — צעיאָגן זיך.
צום האַרץ און צום מאַרך דעם פּאַרלאָרענעם:
— שטיי אויף!
— דו ביסט געבאָרן געוואָרן.
און ס׳צעשרייט שוין דער ריטער זיין ווידער־געבורט
און זיין קומען,
און פאַרנעמט שוין דאָס וואָרט:
— שטיי אויף און ריר מיך אָן.

אַ ריר — און עס שטאַרקט זיך דאָס האַרץ אין געלייטערטער
שטאָליקייט.
אַ ריר — און עס שמידט זיך דער גוף, ווי אין קופּערנע פאַנצערן.
אַ ריר — און עס שטייפן זיך אָדערן מיט שטייפקייט פון זודיקע,
פלאַמיקע בלוטן.
אַ ריר — און עס צינדן זיך אויגן מיט פייער.

— שטיי אויף קעגן מיר, אַ גלייכער, אין סוד פון געבאָרן און זיין.
— שטיי אויף און הער:
— האָב ניט מורא און שרעק זיך ניט פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט.
— און באַדויער ניט די פאַרטיליקטע לעבנס פון טויזנטער.

— בלוט לעבט אייביק.
— און לעבן ווערט קיינמאָל ניט פאַרטיליקט.
— עס ווערט ניט געבאָרן דער, וואָס ווערט געבאָרן
— און עס שטאַרבט ניט דער, וואָס איז טויט.
— וואָס איז שוין איין מאָל געווען — וועט זיין אַלע מאָל.
— און אייביק.
— האָסטו געזען, ווי ס׳זעט אויס בלוט? —
— ווי פאַרגליווערטער פייער.
— דו קוקסט און דו וווּנדערסט זיך און ביסט דערשראָקן.
— און איך זאָג דיר:
— דאָס פייער וועט זיך אויפכאַפּן פון גליווער —
— און אויפפלאַמען אין רויטן פלאַמען.
— און באַשאפן מיין וווּנדער און דיין וווּנדער.
— האָסטו געזען דעם שטיין, וואָס ליגט דורך די אייביקייטן
אַ טויטער, פאַרגראָבן אין דער ערד? —
— דו מיינסט — דאָס איז פינצטערניש און סוד?
— ניין. דאָס איז — פאַרגליווערטע זון.
— די נשמה פון זון.
— כוח פון פייער און פלאַמען —
— ענערגיע.
— דער שטיין איז — פאַרגליווערט לעבן.
— און דער טויט איז — פאַרגליווערט לעבן.
— דער שטיין וועט זיך אויפכאַפּן צום לעבן פון גליווער,
— און לעבן וועט אויפשטיין פון גליווער.
— און די, וואָס זיינען פאַר דיינע אויגן פארטיליקט געוואָרן —
— וועלן אויך אויפשטיין אין ווידערגעבורט פון פלאַם און פון בלוט.
— און פּיִן זון.
— און אַלע וועלן קומען באַוווּנדערן מיין וווּנדער.
— אַלע וועלן קומען.
— אַלע.

— ווי געטרייע קינדער צו אַ מאַמען, וועלן זיי קומען נעמען
די גאָב פון מיינע הענט.
— ווי לוסטיקע קינדער נעמען זייער שפּילצייג, אַזוי וועלן זיי
נעמען פון מיינע הענט די גאָב.
— איך וועל נאָר דאַרפן זאָגן:
— איך בין רייך.
— מיינע רייכטימער זיינען אומדערשעפּלעך און אומשעצבאַר.
— קומט, און צענעמט מיינע עשירות און ווערט רייך מיט מיין
רייכקייט.
— נעמט און צענעמט פון מיין רחבות און פון מיין גרויסקייט, —
און ווערט אַליין גרויס.
— איך וועל זיי פאַרשיכורן מיט מיין גוטסקייט פון אַ מאַמען.
— איך וועל זיי באַזעלן מיט דער זעליקייט פון מיין
אומדערשעפּלעכער חכמה און וויסן
— און עפּענען פאַר זיי, פאַר מיינע קינדער, די אומדערשעפּלעכע
קוואַלן פון שיינקייט און קראַפט.
— און איך וועל זאָגן:
— קומט און נעמט פון מיין גאָב.
— ווערט אַליין די שמידן פון אייער אייגענער שיינקייט.
— ווערט אַליין די שמידן פון אייער אייגענער קראַפט.
— און פון אייער אייגענעם רום אויף דער וועלט.
— און זיי וועלן קומען שעפּן פון מיינע אוצרות — און וועלן ניט
אויסשעפּן.
— און וועלן זיך ניט קענען אָנזעטיקן.
— און וועלן לעבן אייביק.
— און איך זאָג דיר:
— איך ריינסטן שטאָל וועל איך שמידן זייער קערפּער
— און פון פייער פון זון — זייער גייסט.
— און אין פלאַמען פון זון וועל איך לייטערן — זייער בלוט.
— ווייל כ׳האָב גענומען פון בלוט — וואָס ס׳האָט געהער צו
דער זון.

אין די ווענט פון מויערן

— און וועל אומקערן צוריק — בלוט, וואָס איז געלייטערט פון
זון — וואָס איז — זון.

ס׳גאַפן די ספינקסן ווידער
און ס׳גאַפט דער דערהייבענער ריטער
מיט געבעט און דערוואַרטונג:
— זאָג נאָך אַ וואָרט — און לייז אויס.
— זאָג נאָך א וואָרט — און באַפריי.

אָבער עס שטומט די מאַשין.
איר מויל איז געשלאָסן.
די ליפּן פאַרזיגלט מיט סוד.
שווערקייט, ווי פריער, בלייבט שווערקייט.
און שווייגן, ווי פריער, בלייבט — שווייגן.
די ווענט זיינען טויב — און דערהערן ניט.
די ווענט זיינען בלינד — און דערזעען ניט.
די ווענט זיינען שטום — און זאָגן ניט אויס. —
ניט היינט און ניט מאָרגן — קיינמאָל ניט.
פון אומגעזעענע ווייטקייטן קריכט — אַ חושך,
לעשט אויס און פאַרלעשט
די גראָקייט פון לעצטע שטראַלן.
פּחד לעשט אויס וואַרעמקייט אין האַרצן.
פּחד פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן.
אומגעזעענע, אומדערוואַרטעטע הענט שטרעקן זיך אויס
ביז צום ריטער,
כאַפּן אונטער און טראָגן אַוועק — אַוועק
איבער טרעפּ, איבער טרעפּ,
צו דעם פייער פון קאַלך־אויוונס,
אונטער קלאַנג און געקלאַנג פון די גלאָקן.
שווערע טויערן פראַלן — צעפּראַלן זיך אין דער נאַכט אַריין.
שווערע ווענט רוקן זיך אַוועק — צערוקן זיך

און ס׳קומען אין פאַנישער שרעק און אין איילעניש
שאָטנס פון פלאַמען פאַריאָגטע, פאַרשמייעטע.
דורך פלאַמען און שטאָליקן הויך
שרייען — פאַרגייען זיך,
באַנומען און ווייטיקדיק
קוויטשיקע, גלאַנציקע פאַסן אויף רעדער און פאַך־רעדער,
און צעהירזשען, ווי פערד, די געפאַנגענשאַפט,
די פאַריאָגטע, פאַרמאַטערטע מאַטאָרן.
פון אויבן געשריי און פון אונטן געשריי.
וועלטן שטייען אויף.
וועלטן גייען אונטער.
אימיצער ווערט געבאָרן
און אימיצער גייט אויס.
אָבער די שאָטנס קומען און גייען אין שטומער וואַכזאַמקייט
און טראָגן און טראָגן
קרבנות צום גאָלדענעם געץ.
און אין דרויסן,
אַרום די טונקעלע ווענט — קערט זיך חושך.
נאַכט איז אומרויק.
נאַכט איז דערשראָקן און אומרויק.
נאַכט רייסט זיך די האָר פון קאָפּ,
יאָגט זיך אַרום און וויגט זיך איבער די דעכער און קוימענס,
לויפט אַרום, ווי אַ משוגענע.
וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?
קיינער ווייס ניט.
קיינער ווייס ניט.

ח

ווייסן ווייס נאָר דער איינער־איין־איינציקער,
דער ריטער

אין די ווענט פון מויערן

אַליין,
אין אים, ווי אין אַ שאָל איינגעשלאָסן,
ליגט פאַרבאָרגן און שטום, ווי אַן אוצר,
דער סוד און באַשייד.
זיין באַשייד.
אין אים איז דער וועג
און אין אים — איז דער אויסוועג.
ווייסן ווייס נאָר דער ריטער:
באַלד, נאָר באַלד
וועט אָנקומען — קאַיאָר.
אין איינעם מיט זון און מיט אויפגאַנג
וועט אויפגיין אַ לעבן פון פרייהייט.
שאָטנס וועלן צעגיין אין ליכט פון דער זון,
ווי אייזיקע הרודעס.
מענער און פרויען און קינדער
וועלן קומען אין ווענט פון געביידעס,
באַגלייטע מיט זון און מיט יובל־געזאַנגען.
די טויערן וועלן זיך צעעפענען — ווי פאַר אָנגעלייגטע געסט,
פאַר די אָנגעקומענע,
און די פאַבריק וועט, ווי אַ גוטע מאַמע,
אויסטיילן פאַר אַלעמען איר גאָב.
דער ריטער אַליין ווייס — עס וועט זיין:
זיי וועלן קומען מיט קאַיאָר צו די מויערן,
צו די מויערן, באַפרייטע —
און באַפרייען.
אים, דעם געפאַנגענעם ריטער,
און אַלע,
וואָס דינען, באַדינען דעם גאָלדענעם געץ, — באַפרייען.
באַפרייען.

ביים ברעג פונעם קויטיק־פאַרזשאַווערטן טייכל
שטייט די פאַבריק — טויזנט מויערן.
אויפן טייכל דרעמלען די באַרזשעס, ווי אויסגעמאַטערטע אייזלען,
און דורך די צוגעמאַכטע טויערן ציען זיך ראָסטיקע רעלסן.
און ס׳גליווערט, אַן לעבן, אויף שטיינערנער טומבע, דער וועכטער.
אַלץ וואַרט מיט אַן אַנגסטיקן וואַרטן — מ׳זאָל קומען
צעברעכן די ראָסטיקע שלעסער און ריגלען
און צעפּראַלן די טויערן און טירן
פאַר די געסט די באַפרייטע.

וואָס איך טראַכט

פאַרצייכענישן

וועגן לעבן און טויט

...אַך, רופט מיך ניט אָן מיט קיין נאָמען! איך האָב ניט קיין נאָמען. און איר אַלע און יעדער באַזונדער, האָט ניט קיין נאָמען. מיר זיינען — באַזונדער — נאָמענלאָזע. מיר זיינען אַ סך. מיר זיינען מיליאָנען נאָמענלאָזע. טאָ גיט אונדז אַלעמען איין נאָמען, ווי אַ באַרג מוראַשקעס, ווי אַ קלאָץ בינען, ווי אַן אַרמיי סאָלדאַטן. אַלע אין איינעם האָבן מיר אַ נאָמען. באַזונדער — האָבן מיר ניט קיין נאָמען.

*

...פריער איז געווען אַ זוכעניש נאָך ליכט. מ׳האָט געזוכט און געזוכט. און וואָס מער מ׳האָט געזוכט, אַלץ בלינדער זענען געוואָרן די אויגן — צו ליכטיקייט. דערנאָך האָט מען געזוכט קלאַנג. און וואָס מער מ׳האָט געזוכט, אַלץ טויבער זיינען געוואָרן די אויערן — צום קלאַנג. און נאָכדעם האָט מען געזוכט דאָס וואָרט, און וואָס מער מ׳האָט זיך אין אים איינגעהערט, אַלץ ווייניקער האָט מען פאַרשטאַנען זיין זין און זיין אינהאַלט.

*

איך פאַרמאָג פּעלערן. אינאיינעם מיט מיינע וווּנדער־מעלות טראָג איך אין זיך די פּעלערן, און ווי די וווּנדער־מעלות אין מיר, זיינען מיר די פּעלערן טייער, און איך היט זיי אָפּ. עס וואָלט געווען אַזוי אומעטיק, ווען איך וואָלט ניט געהאַט די פּעלערן, און ווען אַנדערע וואָלטן ניט געהאַט קיין פּעלערן!

*

אַזוי איז שוין איינגעשטעלט די וועלט, און אַזוי איז איינגעשטעלט דאָס לעבן פונעם מענטשן אויף דער וועלט: גרויל און פּחד לעבן זיך איין אין איינעם מיט זאָרגלאָזיקייט און פרייד. מאַכט לעבט זיך איין מיט אומבאַהאָלפנקייט, און גליק — מיט אומגליק, אַסקעטיזם מיט אויסגעלאַסנקייט. ריטואַל פון טרויער מיט ריטואַל פון פרייד. מענטשן האָבן אַלע מאָל געדינט גלייכצייטיק — צום הימל און צו דער ערד.

*

ווען אַ מענטש יאָגט זיך נאָך זיין קרבן און וויל אים אומברענגען, טראַכט ער גאָרניט וועגן דעם, וואָס אים אַליין דערוואַרט דערנאָך. זיין אייגענער שיקזאַל איז דאַן אויף דעם ווייטסטן, אומוויכטיקסטן אָרט אין זיין לעבן. וואָס ער וויל איצט מיט יעדן צאַפּל פון זיין וועזן — איז דעם טויט פון יענעם, וועמען ער וויל טויטן. וועגן זיך הייבט ער ערשט אָן צו טראַכטן נאָך דעם, ווען אַלץ איז שוין אָפּגעטאָן.

*

פאַר וואָס טוען מיר שלעכטס יענעם, וואָס האָט אונדז געטאָן שלעכטס? אויס נקמה? — ניט אַלע מאָל! אפשר, ווייל מיר האָבן אַ באַקוועמע געלעגנהייט אַליין צו באַגיין אַ שלעכטס און באַפרידיקן זיך. פאַר וואָס טויטן מיר אַ מערדער? — דערפאַר, וואָס מיר האָבן ליב דעם טויט, אָדער ווייל מיר האָבן אים פיינט?

*

שטעלט נישט קיין גרענעץ צווישן לעבן און טויט. עס קאָן נישט זיין קיין לעבן אָן דעם טויט, ווי עס קאָן נישט זיין קיין טויט אָן לעבן. דורך דעם פּנים פון לעבן קוקט אַרויס, ווי דורך אַ דינעם געוועב, דער אָנבליק פון טויט. ווייל דאָס לעבעדיקע איז געקומען פון טויט און וועט צוריקגיין צום טויט.

*

אַז מען קוקט אויף די קונסט־ווערק אין מוזייען און אין גאַלעריעס — ווערט מען מיד. בלויז אַ פּאָר שעה וואַנדערן — און מ׳איז שוין מיד און טרויעריק. אַזוי ווי מ׳וואָלט אין די פּאָר שעה אַדורכגעלעבט אַ גאַנץ לעבן און — אַלט געוואָרן. אַלט און מיד ווערן די גלידער. אַלט און דערפאַרן דער קוק אויפן לעבן און מענטשן. אַפּאַטיע און אומעט.

*

...מיין געדאַנק איז אַ קייט, וואָס בינדט מיך צוזאַמען מיט דער וועלט און מיטן לעבן. אַ מאָל איז די קייט פון ריינעם שטאָל אויסגעגאָסן, בלאַנקט זי מיט נייקייט און מיט קראַפט. און אַ מאָל — אַלט און פאַרזשאַווערט, און ס׳איז אין געפאַר מיין פאַרבינדונג מיט דער וועלט און מיטן לעבן. דער טויט איז דאַן נאָענט. קוקט אַריין אין די אויגן און וואַרט. אַט־אַט וועט דאָס שוואַכסטע רינגעלע גישט אויסהאַלטן.

*

דאָס האַרץ איז אַ ציילער, וואָס ציילט, ציילט און ציילט. לויפט ערגעץ און איילט זיך. וווהין? נאָך וואָס? עס ציט צו אַנדערע הערצער. עס ציט אין דער וועלט, עס ציט אין לעבן אַריין. עס איז מיט זיך און ס׳איז מיט אַלעמען. ס׳איז דאָ און ס׳איז אומעטום. עס קלאַפּט און ציילט און פאַרצייכנט דאָס לעבן, באַשטימט לעבן און טויט.

*

ווי ווייט איז אַ מענטש פון זעלבסטמאָרד? צווישן טויט און לעבן איז ניטאָ קיין דיסטאַנץ. עס איז אויך ניטאָ קיין וואַנט. עס איז דאָ אַ דין, דורכזיכטיק געוועב, וואָס איז דאָ און איז ניטאָ. און איבערן מענטשן איז אַלע מאָל די פירנדיקע, צווייפלענדיקע האַנט פונעם שיקזאַל, וואָס שטויסט הין און צוריק, — צווישן לעבן און טויט. אַ שטאַרקער שטויס — אַהין אָדער אַהער.

*

אַ מענטש איז אַ חיה. ווי יעדע חיה, האָט ער ליב צו פּייניקן אַ

צווייטן, אַ שוואַכערן. ער האָט הנאה פון יענעמסליידן. יענעמס פּיין איז פאַר אים אַ קוואַל פון וועזנטלעכן אויפּציטער, פון באַהאַלטענער עראָ־טישער פרייד. און פרעגט ניט ווי לאַנג קאָן אַ קאַץ מוטשען אַ קליין שוואַך מייזעלע. פרעגט בעסער — ווי לאַנג קאָן אַ מענטש פּייניקן און איזדעקעווען זיך איבער אַ צווייטן!

*

אַ מענטש קאָן דערגרייכן זיין אמתן גליק נאָר דורך ליידן. דורך לאַנגן געדולדיקן ליידן. פאַר וואָס? — ווייל וואָס מער מ׳ליידט פאַר אַ זאַך, אַלץ טייערער ווערט זי. דערגרייכן די זאַך — איז אַ גליק. און אַז מ׳האָט נאָך דערצו אַ וויטערדיקן פאַרלאַנג, צו ליידן פאַר אָט דער זאַך — אַלץ ווייטער וועט דויערן דאָס גליק... פאַרלירן דעם פאַרלאַנג צו ליידן, — פאַרלירן דאָס גליק!

*

גוטסקייט! — וואָס פאַר אַ כוח ס׳איז דאָ אין דעם! מיט גוטסקייט קאָן מען די ווילדסטע חיות צוימען. די ווילדסטע אינסטינקטן באַרואיקן, בערג אַוועקרוקן, וועלטן איבערקערן. האָס איז מאכטלאָז. האָס איז — אומרו, פאַרלוירנקייט, אומבאַהאַלפנקייט. דער לעצטער נישט־דויער־האַפטער, אומזיניקער און אומגערעכטער קאַמף פון ליגן קעגן אַן אמת, וועלכער מוז זיגן, וועט זיגן.

*

דאָס לעבן — אַזאַ שוידערלעכע רויב־מאַשין. אַ מיל אַזאַ, וואָס צערייבט אין אירע רעדער, פאַרניכטעט. אַ מאַשין אַזאַ, וואָס רויבט אַוועק — ביי וועמען בלויז אַ האַנט, ביי וועמען — אַ פוס, ביי וועמען דעם קאָפּ און ביי וועמען — דאָס גאַנצע לעבן.

*

ווער האָט דער ערשטער פאַרדאַמט דעם טויט? ווער איז געווען דער ערשטער ארויסצוטרעטן קעגן טויט? — ווי שרעקלעך עס וואָלט געווען

וואס איך טראכט

דאָס לעבן אָן דעם טויט! עס וואָלט דאָך קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסע באַפרייונג — די באַפרייונג פון לעבן.

*

באַגיין זעלבסטמאָרד — דאָס שטייט העכער פון באַגיין אַ געוויינלעכן מאָרד. פאַראורטיילנדיק זיך צום טויט, לײדנדיק ווי אַ פאַראורטיילטער, אין די פּײנלעכע שרעקן פאַר דער לעצטער רגע, — איז אין דער זעלביקער צייט דער אייגענער אומקאָמפּראָמיסלעכער ריכטער, דער אייגענער אומברחמנותדיקער פּראָקוראָר און פלאַמיקער פאַרטיידיקער, — אַ פולקאָמענער הערשער פון זיין אייגענעם לעבן. דער מערדער איז געבונדן צו אומשטענדן, צו דער ווירקלעכקייט און צום צופאַל. דער זעלבסטמערדער — איז פריי.

*

איך פיל גאַנץ אָפט, אַז מיין באַציונג צו דער וועלט איז אַזאַ ווי צו אַ מאַכט, וואָס איז מיליאָנען מאָל מעכטיקער פון מיר, גרעסער פון מיר און גרויזאמער פון מיר. אַ כוח, וואָס האָט זיך אויף מיר, אויף דעם קליינעם, שוואַכן, אומבאַהאָלפענעם, אַרויפגעוואָרפן מיט זיין גאַנצער שווערער גרויזאַמקייט און וויל מיך פאַרניכטן אָן קיין שום סיבה, אָן קיין שום זינד פון מיין זייט. מיין אָטעם איז שוין אָפּגעהאַקט, מיינע לונגען זוכן נאָך לופט, אָבער קיין לופט איז שוין ניטאָ. מיין האַרץ האָט שוין אויפגעהערט צו שלאָגן און גייט אויס, גייט אויס... און נאָר די שנאה אין מיר איז גרויס. נאָך גרעסער פאַר דער מאַכט איבער מיר און פאַר מיין אייגענעם טויט. די שנאה צו איר כאַפּט אַרום אַלע וועלטן און לאָזט זיך ניט באַזיגן. אַזוי לעב איך אויף מיליאָנען־פאַכיק אין מיין גרויסער שנאה.

*

אַז דער טויט קומט, גלייבט מען ניט אין זיין קומען. ס׳דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז ער איז נאָך ניט געקומען, קאָן ניט קומען. און מ׳איז נאָך ניט גרייט צו שטאַרבן. מ׳קאָן נאָך ניט אויפנעמען דעם טויט. מ׳קוקט אים

אין די אויגן און מ׳זעט אים ניט. ווייל ער איז ניט שרעקלעך. אַ גאַנץ לעבן האָט מען זיך געגרייט צו דערזען דעם שרעק פון אַלע שרעקן, דערפילן די מורא פון אַלע מוראס. און דאָ איז גאָר דער טויט גאָרניט שרעקלעך. ער איז גאָר מילד. ניט שרעקלעך — איז ניטאָ קיין טויט!...

*

איך בין אַ סוד. מיין אייגענער סוד. ווער בין איך? וואָס בין איך? און פון וואַנען בין איך געקומען? וווהין גיי איך? וואָס איז מיין וואָרט אין דער וועלט? וואָס איז מיין ווילן אין דער וועלט? וואָס איז דער זין און דער ציל פון מיין זיין? וואָס איז מיין לעבן פאַר מיר? וואָס איז מיין לעבן — פאַר אַנדערע? — פלאָנטער און סוד!

*

...מיר זיינען הויל — ווייל מ׳האָט אונדז ניט באַקליידט. מיר זיינען הונגעריק — ווייל מ׳האָט אונדז ניט אַנגעקאָרמעט. מיר זיינען אומוויסנדיק — ווייל מ׳האָט אונדזער מוח ניט געלייטערט, ניט געליכטיקט מיט אמת. מיר זיינען ניט פריי — ווייל מיר זיינען שקלאַפן אין אונדזער נאַטור.

*

לעבן — אַ שטענדיקע באַפרייונג פון קייטן. מ׳צערייסט די קייטן, און גלייך טוט מען אויף זיך אַן נייע. אַן אייביקע שמידעניש פון קייטן. מ׳ברעכט די אַלטע פאַרראָסטעטע און מען שמידט פון זיי נייע און שטאַרקערע. אַ צעל שטאַרבט — קומט אַ צווייטע און אַ מאָל — אַ סך — צו פאַרנעמען איר אָרט. אַן אָרגאַניזם שטאַרבט, קומען אַ סך אָרגאַניזמען זיין אָרט צו פאַרנעמען.

*

דאָס לעבן איז שטיפעריש־לייכטזיניק און אומפאָרזיכטיק, ווי אַ קינד. פאַרשפּילט זיך, פאַרשטיפט זיך. פאַרגעסט זיך אין לייכטזין און געניוס. פאַרשיכורט זיך מיט זיך אַליין און מיט די שפּילצייג פון דער נאַטור. דערזעט ניט די געפאַר און פאַלט אַריין אין די נעגל פון דעם אייביק־לויערנדיקן, אייביק־וואַכזאַמען טויט.

*

דער מענטש איז נאַריש אנטקעגן דער גרויסער חכמה פון דער נאַטור. ער מיט זיין קליינעם שכל איז אין איר פאַרלאָרן. ער איז טראַגיש אין זיין אייביקער אָפּהענגיקייט פון איר. ער איז אַ בלינדער אין איר.

*

די מענטשן — זיי זיינען אַראָפּ פון זינען... ניין, זיי זיינען בלויז אומוויסנדיק און בלינד. זיי זעען ניט. זיי פאַרשטייען ניט. זיי קוקן מיט אָפענע אויגן — און דערזעען ניט. זייער מוח איז טונקל. זייער ווילן איז שוואַך. צו וואָס זענען זיי געקומען אויף דער וועלט? ווי דאַרפן זיי איינאָרדענען זייער לעבן צווישן אַנדערע מענטשן אויף דער וועלט? זיי ווייסן קיין זאַך ניט! וואָס זיי דאַרפן דערגרייכן און וואָס פאַרלירן — איז ביי זיי אין אַ טונקעלן פלאָנטער. ווער וועט קומען און זיי פירן? ווער וועט לייטערן זייער מוח און ליכטיק מאַכן זייערע אויגן?

*

דער מענטש — ער האָט ליב צו לויפן מיט צוגעמאַכטע אויגן און פאַרגעסט, אַז די וועלט איז פול מיט אָפּגרונטן און תהומען. ניין, ער האָט ליב געפאַרן. געפאַר און לעבן — איז אים אַלץ איינס. לויפט ער און — פאַלט אַריין...

*

פאַרן טויט בעט זיך אַ מענטש: אַז איך וועל שטאַרבן, לאָזט ברענען אַ סך ליכט אַרום מיר. פאַרוויקלט מיין קערפּער אין ווייסן, אין ליכטיקן, — זאָל איך זיין זעבאַר, זאָל די וועלט מיך זען! זאָל די וועלט מיך צום לעצטן מאָל אָנקוקן און ניט פאַרגעסן מיך, ווייל איך וויל נאָך לעבן, כאָטש אין די דעראינערונגען פון מענטשן.

*

איך צי זיך שטענדיק אין אַן אַנדער וועלט. די וועלט איז מיר דערעסן. דערפאַר וויל איך דערגרייכן ערגעץ — אין דער הויך, אין

דער טיף, אין דערברייט און נאָך — ערגעץ. אָבער איך בין געבונדן. קייטן ציען איין מיינע גלידער. ערד ציט צו מיין קערפּער. לאָזט ניט, דערלאָזט ניט. דערפאַר זינגט אין מיר שטענדיק אַ צער, דערפאַר שרייט אין מיר שטענדיק אַ צאָרן.

*

מיין האַרץ איז פון שטאָל, דערפאַר בין איך אומברחמנותדיק, ניט נאָכגיביק. מיין האַרץ איז ווייך, דערפאַר בין איך גוט און גרויסמוטיק ביז סענטימענטאַליטעט. אַ צווייענדיק האַרץ אַזאַ. דערפאַר איז גוטסקייט מיין פירער, אַפילו ווען איך בין שלעכט און ווייס ניט פון רחמנות.

*

עס זענען מסתמא פאַראַן אינעם לעבן פונעם יחיד אַזוינע אויסער־געוויינלעכע מאָמענטן, ווען זעלבסטמאָרד איז אַפילו ניט קיין נויטווענדי־קייט, נאָר אַ — לוקסוס. די גאַנצע וועלט מיט אירע רייכטימער און שיינקייטן אויסגענוצט און אַנטוישט געוואָרן אין זייער פולער באַפרי־דיקונג — איז דער טויט דאָן אַ לוקסוס.

*

מיר אַלע ווילן גליק, זוכן גליק און דאַרפן גליק. מיר אַלע זיינען געפירט פון גליק דורך דעם אייביקן שטרעבן צום גליק איבער די וועגן פון גליק — צום לעבן. און קיינער פון אונדז ווייסט ניט, וואָס דאָס איז גליק, ווו עס איז — גליק און צוליב וואָס מיר זוכן גליק.

*

רעליגיע קאָן לעבן און שטאַרבט טאַקע אין אַ קאָלעקטיוו. אָבער ניט אין דעם איינצלנעם. דער יחיד, ווען ער איז אַ יחיד, ווען ער איז מיט זיך אַליין אין דער וועלט, אינעם אוניווערז — וועט ער זיך שטענדיק אַרומטראָגן מיט זיין אוצר — מיט גאָט.

*

עס ווייסט ניט דער טאָג, אַז ס׳וועט קומען די נאַכט. עס ווייסט ניט

די נאַכט, אַז עס גרייט דער טאָג. און עס ווייסט ניט דער מענטש, ווען עס וועט קומען דער אומגליק. עס ווייסט ניט דער מענטש — ווען ער וועט שטאַרבן!

*

מענטשן ווערן געבוירן. מענטשן שטאַרבן. צוויי ווירקלעכקייטן אין אַ גאַנץ לעבן. ניט מער. געבורט און טויט. אַלץ וואָס איז צווישן די צוויי פּאַלוסן — איז חלום. און נאָר די חושים פונעם לעבעדיקן מענטשן, וואָס דער מענטש אנטוויקלט דורך זיין לעבן, זענען די איינציקע פאַר־בינדער, וועלכע טראָגן איבער דעם חלום צו דער טויטער מאַטעריע, צום קאָסמאָס. נעם צו ביים לעבעדיקן די פינף חושים, — בלייבט ער אַ שטיק טויטע מאַטעריע, וואָס באַוועגט זיך לויט אַ פרעמדן ווילן. לעש אָבער אויס בלויז דאָס ליכט פון די אויגן — וועט דאָס אויער טאָן אַ טייל פון דער אַרבעט, וואָס די אויגן האָבן באַדאַרפט טאָן. און פאַרקערט: דאָס איז כדי דעם חלום צו ציען ווייטער.

*

דער אייביקער געשריי נאָך פרייהייט און יושר. אַזאַ משונהדיקער געשריי פון אַ גאַנצער מענטשהייט! ווער וועט דערהערן? ווער וועט באַנעמען? אַ געשריי איז דער פינצטערניש! אַ געשריי פון דער פינצ־טערניש. ווער וועט דערזען?

*

אַ מאָרד באַגייך, מיינען זיי, איז אַ פאַרברעך, אַ שווידערלעכער פאַר־ברעך, און נישט מער. זיי מיינען, אַז טויטן עמעצן איז לייכט און עס קאָסט גאָרנישט. נעמט עס נישט אַזוי לייכט! דער מערדער באַצאָלט מיט בלוט פאַר יעדן פאַרגאָסענעם טראָפּן בלוט פונעם קרבן. אַ טראָפּן פאַר אַ טראָפּן. ווייטיק פאַר ווייטיק. פיין פאַר פיין. און ווען דער קרבן איז שוין באַרויקט און האָט געקראָגן זיין שכר פאַר אַלע פיינען, — ווערט דער מערדער געפּייניקט. געפּייניקט אין בלוט און אין געמיט.

*

אַז ס׳איז אומעטיק, איז אַלץ אומעטיק. די גאַנצע וועלט. דיביימער און גראָזן, דער הימל און די ערד. און שטיינער זענען פול מיט בענקשאַפט און אומעט. גראָזן שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און פייגל טוליען זיך אין נעסט, טרויערן.

*

דאָס לעבן הייבט זיך אָן אין איינעם מיטן טויט. איינצייטיק. ביסט געבוירן געוואָרן — האָסטו אָנגעהויבן צו שטאַרבן.

*

קיינער באַגייט נישט קיין פאַרברעכן פון ווילטאָג. אַ מענטש טוט שלעכטס פון ווייטיק, פון אומרו און פון אומדערטרעגלעכע ליידן. אַז אַ מענטש באַגייט אַ פאַרברעכן — איז שוין דער פאַרברעך אויסגעקויפט פון פריער דורך ליידן, דורך אייגענעם בלוט.

*

אַ מענטש ברענגט אומגליק אַ צווייטן, ווייל זיין אייגן לעבן איז, פריער פון אַלץ, אַן אומגליק. אַ מענטש, וואָס איז גליקלעך — ברענגט גליק אויך פאַרן צווייטן. ווער קאָן משפטן און ווער קאָן פאַרמשפטן?

*

פאַרברעכער, אַז זיי גייען אַרויס פון לאַנגיאָריקער תפיסה, גייען אַרום איבער דער וועלט איינזאַמע, פאַרפרעמדטע, אָפּגעזונדערטע. עס איז נישט די שאַנד און נישט דער ווייטיק און אויך נישט די געפאַלנקייט, וואָס זונדערט אָפּ און פאַרפרעמדט אים. ניין! אין דעם איז ווילדער פאַרלאַנג נאָך נקמה, וואָס איז איינגעשלאָסן אין האַרצן. עס איז די עקשנותדיקע צעריסנקייט מיט דער וועלט. עס איז מערסטנס אַן אָפענער אַרויסרוף: אָט בין איך! קוקט מיר אין די אויגן. איך וועל אויסהאַלטן אייער בליק מיט מיין גערעכטיקייט, מיט מיין שטאַרקייט איבער אייך. קוקט מיר אַריין אין די אויגן און פאַרשעמט זיך פאַר אייער אייגענער

שוואַכקייט. איך אַליין קאָן זיך שטעלן מיט מיין אייגענער ברוסט קעגן אייך אַלעמען. און איך האָב קיין מורא נישט. ווייל איך בין דער שטאַרקע־רער. מיך וועט איר נישט צעברעכן. איר וועט מיך נישט פאַרשעמען און נישט דערנידעריקן. איך וועל נישט באַגיין קיין זעלבסטמאָרד צוליב געוויסנביסנס... ווייל איך האָב קיין זאַך נישט געטאָן, און וואָס איך אַליין בין שולדיק, אָן אייער שולדיקייט, אָן אייער אַלעמענס שולדיקייט.

*

קיינער וויל נישט הערן די שטים פונעם איינצלנעם. זיי וועלן אָבער די ערשטע פאַרמשפּטן דאָס פאַרברעכן פונעם איינצלנעם. זיי וועלן אים פאַרמשפּטן פאַרן שלעכטס אַזוי גוט ווי פאַרן גוטס. קיין רעטונג וועט שוין נישט זיין. זיי קאָנען נישט מוחל זיין. זיי קאָנען נישט פאַרשטיין.

*

דער איינצלנער קאָן זיין שלעכט און אומגערעכט — וועט ער קריגן זיין פאַרדינטע שטראָף, מאָראַליש און פיזיש. דער קאָלעקטיוו קאָן זיין שלעכט און אומגערעכט, אָבער דער איינצלנער אינעם קאָלעקטיוו ווערט קיין מאָל נישט באַשטראָפט — נישט פיזיש און נישט מאָראַליש. דער איינצלנער ווערט אָבער פאַרמשפּט פאַר דעם פאַרברעכן און דערנאָך — פאַר דער נקמה, וואָס ער האָט גענומען אָדער געוואָלט נעמען פון די פאַר־פאַלגער.

*

די וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, איז נאָך ווייט נישט אַנטדעקט געוואָרן. מיר קענען נאָך נישט גוט אונדזער אייגענע היים — די ערד, אויף וועלכער אונדזער פוס טרעט. וואָס ווייסן מיר וועגן די הימאַלאַיען־בערג? וועגן זייער שפּיץ — עווערעסט? וואָס ווייסן מיר וועגן די דזשאָנגלען פון בורמאַ? און וועגן סאַכאַראַ? וואָס ווייסן מיר פון די טויזנט־מייליקע שטרעקעס אין צענטראַל־אַפריקע, אויסטראַליע און אַזיע? — זייער וויניק, אָדער כמעט גאָרנישט. די ערד איז נאָך נישט אויסגע־פאָרשט פונעם מענטשן. מ׳האָט בלויז אַ קראַץ געטאָן די אויבערפלאַך פון יענע געגנטן, ווו ס׳בליט די ציוויליזאַציע — און נישט מער. וואָס

ווייסן מיר וועגן דעם „אינגעווייד" פון דער ערד? און וועגן דעם אומ־מיטלבאַרן רוים איבער אונדזערע קעפּ? און וועגן די טיפענישן פון די ימען? ווי ווייט האָט דער מענטש אויסגעפאָרשט די הייך איבער אים און די טיף אונטער אים? מיר ווייסן נאָך אַפילו נישט, פון וואַנען מיר האָבן זיך גענומען אויף אונדזער ערד. דאָס אַלץ דאַרף נאָך ערשט אַנטדעקט ווערן. אין גרונט גענומען, ווייסן מיר זייער ווייניק. פון דעם שטאַנדפּונקט קאָן מען זאָגן, אַז מיר הייבן זיך ערשט אָן צו אָריענטירן אויף דער ערד, ווי אין אַ נייער וווינונג. מיר גייען אַרום איבער די קאָרידאָרן און צימערן און באַקענען זיך אויבנאויף מיט זיי. ערשט איצט דאַרף זיך אָנהייבן די צייט פון גרינטלעכער באַקענונג מיט אונדזער וווינונג. ערשט איצט דאַרפן קומען די אמתע אַנטדעקונגען, קעגן וועלכע די אַנטדעקונגען פון מאַגעלאַן און קאָלומבוס, פון גאַליליי און קאָפּערניק, ניוטאָן און אַפילו איינשטיין — וועלן אויסזען ווי קינדער־שפּילעכלעך. מיר האָבן אָפּגע־לעבט אויף דער ערד אַ מיליאָן יאָר און מיר קענען נישט די ערד. פון אַומעטום לויערן אויף אונדז געפאַרן. אונדזער ביסל יאָרן דאַרפן מיר אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. מיר האָבן זיך נאָך נישט אַקלימאַטיזירט ווי עס באַדאַרף צו זיין. נעמט ביי אונדז אַוועק דאָס ביסל לופט אויף געציילטע מינוטן — און אונדזער לעבן ענדיקט זיך. וואָס ווייסן מיר וועגן קאָסמישע שטראַלן? וואָס ווייסן מיר בכלל וועגן דעם לעבן פון אַטאָמען? און וואָס ווייסן מיר וועגן ראַדיום און אַפילו עלעקטריציטעט? — מיר זענען נאָך בלינד. מיר דאַרפן זעעוודיק ווערן. דערווייל הייבן מיר ערשט אָן!

*

דער מענטש איז נישט פריי. ער איז געבונדן פונעם ערשטן טאָג פון זיין לעבן, ביזן לעצטן. די נאַטור האַלט אים געפאַנגען אין אירע שטרענגע אומקאָמפּראָמיסלעכע געזעצן. אַ טראָט אין אַ זייט — און דו ביסט אַריינ־געפאַלן — אין קראַנקייטן, אין טויט. דאָס געזעץ איז שטרענג, אומברח־מנותדיק. די נשמה פונעם מענטשן איז אויך געפאַנגען. איז זי מיט גאָט — ציט זי אַ כוח צום טייוול. איז זי מיטן טייוול — רייסט זי זיך צו גאָט. און איבער אַלע וואַקלענישן און אַלע שטרויכלונגען — שקלאַפעריי. אַ

מענטש פאַרקויפט זיין גוף און זיין נשמה פאַר דעם ביסל אָנהאַלט אין לעבן. אויף אים ליגט ווי אַ באַרג — דורכן גאַנצן לעבן — דער יאָך פון פליכט — צו זיך און צום אַנדערן, דער יאָך פון געצוווּנגענער אַרבעט. די קייטן פון פליכטן זענען שווערע און שטאַרקע. נישט אַראָפּצוּוואַרפן, נישט צו צערייסן. עס איז געזעץ פון דער נאַטור און פון גאָט און פון דעם מענטש אַליין. ער איז באַגרענעצט און ער איז באַצוווּנגען. ניין, דער מענטש איז נישט פריי. דער מידער גייסט און די אויסגעמאַטערטע גלידער עסן אויף דאָס גליק פון לעבן, דעם זין און די גלוסטיקייט צום לעבן. און ערשט ביי דער שוועל פון טויט דערזעט דער מענטש ווי מען האָט אים באַרויבט פונעם לעבן...

*

נס. מענטשן גלייבן אין נסים. מענטשן גלייבן נישט אין נסים, און וואָס איז נס? — דער נס איז אין דעם, וואָס איז נישטאָ קיין נס, און מען גלייבט, אַז ס׳איז יאָ דאָ. דער נס איז נאָר אין גלייבן אין נס. און מער נישט!

*

גאָט. וואָס איז גאָט? קיינער ווייסט נישט. מענטשן זענען געוווּינט צו גלייבן, אַז אַן גאָט, אַן „גאָט אין האַרצן״, איז אוממעגלעך צו לעבן אויף דער וועלט. ס׳איז נאַטירלעך, אַ נאַרישע און אומבאַגרינדעטע „געוווּינ־הייט״. אַטעיסטן, באַוווּסטזיניקע און נישט־באַוווּסטזיניקע, לעבן אָן גאָט און האָבן דאָך „גאָט אין האַרצן״. זיי זענען נאָך אַפילו ערלעכערע און ריי־נערע מענטשן. און פאַר וואָס איז עס אַזוי? ווייל אָפּזאָגנדיק זיך פון גאָט און פון זיין „פירנדיקן״ פאַראַנטוואָרטלעכן כוח זענען זיי אַליין געוואָרן „געטער״, האָבן אויף זיך אַליין פרייוויליק אָנגענומען די פירנדיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייער פיזישער און גייסטיקער עקזיסטענץ. דער מענטש אָן אַ גאָט איז אַליין אַ „גאָט״. אַ מענטש, וואָס נעמט אויף זיך אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווערט שטאַרקער, ווערט אַ דערהויבענער מענטש, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון גאָט, איז דערפאַר שטאַרקער,

פאַראַנטוואָרטלעכער און גרעסער אין זיין פיזישער און גייסטיקער עקזיסטענץ.

*

עס איז נישטאָ קיין טויט. עס איז נאָר דאָ לעבן. קיין טויט איז נישטאָ און וועט נישט זיין. מיר ווייסן נישט וואָס דאָס איז — טויט — איז ער נישטאָ. אַלץ וואָס מיר קאָנען נישט באַנעמען און דערקלערן — איז נישטאָ פאַר אונדזער לעבן און דאַרף נישט זיין. טאָ פאַר וואָס זשע האָבן מיר דאָך אַזוי מורא פאַרן טויט? דאָס איז דערפאַר, וואָס דער „טויט" איז שטענדיק פאַרבונדן מיט ליידן. אַ מענטש שטאַרבט נאָך אַ געוויסן סכום ליידן און פיינען. יעדער ווייטיק שרעקט. עס האָבן מורא פאַר ווייטיק אַפילו די, וואָס נעמען אויף זיך פרייוויליק דעם טויט, די זעלבסטמערדער, אַפילו זיי קלויבן אויס אַזאַ אופן פון זעלבסטמאָרד, וואָס זאָל זיי ברענגען וואָס ווייניקער ליידן. הייסט עס, אַז אין טויט שרעקן נאָר די ליידן אַליין, מעגן זיי דויערן אַ רגע. וואָס האַלט אונדז אָפּ פון זעלבסטמאָרד, — איז ליידן און דאָס ביסל גוטס, וואָס מיר האָבן געהאַט פון „לעבן".

*

צוליב וואָס לעבן? לעבט אַ מענטש און שטאַרבט, און פון דעם טאָג פון זיין געבורט ביז דעם טאָג פון זיין טויט וויל ער פאַרגעניגן און גליק. פאַרגעניגן און גליק אין דער פאַמיליע, אין דער היים, אין דעם ענגן קרייז פונעם אוממיטלבאַרן ווירקן. פאַרגעניגן און גליק אין צוזאַמענלעבן מיט אַ קאָלעקטיוו, אַ גרופּע. פאַרגעניגן און גליק אין דער גרויסער פאַרבונדנקייט מיט דער וועלט, מיט דער נאַטור און מיט דעם אוניווערס. און אַזוי געפינט דער מענטש דאָס גליק נישט אין זיך אַליין צוליב זיך. נאָר אין זיך אַליין, אין דער פאַרבינדונג מיט אַנדערע, אין דער פאַרבינדונג מיט דער נאַטור און מיט דער וועלט. דערפאַר לעבט נישט דער מענטש נאָר צוליב זיך אַליין, און אַז ער לעבט נישט פאַר זיך אַליין, אויסשליסלעך, — לעבט ער שוין פאַר אַנדערע.

*

די אַסטראָ־פיזיקער האָבן נאָך אויף זיכער נישט באַשטימט, אַז אויף

די פּלאַנעטן, אַפילו אויף די נאָענטסטע צו דער ערד, זענען דאָ לעבעדיקע באַשעפענישן. די וויסנשאַפט האָט געשאַפן וואונדער, אָבער דעם וואונדער האָט זי נאָך נישט באַוויזן. און ווער ווייסט, ווי לאַנג זי וועט נאָך אָט דעם וואונדער נישט באַוויזן. אָבער דערווייל — וואָס זאָל טאָן דער דענקנדיקער מענטש? זאָל ער וואַרטן, ביז די וויסנשאַפט וועט „ווען עס איז" באַווייזן? איז שוין נישט בעסער פאַרלאָזן זיך אויפן אַבסטראַקטן געדאַנק, וואָס זאָגט אונטער, אַז עס קאָן נישט זיין, אַז בלויז דאָס קליינע פּינטעלע פונעם גאַנצן אוניוועַרס — גראַד אונדזער ערד טראָגט אויף זיך לעבן, און דער איבעריקער גאַנצער אוניווערס איז טויט. ווו וואָלט דאַן געווען דער גאַנצער זין פון דעם באַשאַף? וואָלט דאָס נישט געווען דער גרעסטער אומזין אין דערווירקלעכקייט פונעם אוניווערס, ווען די מיליאַנען זעבאַרע און די מיליאַנען אומזעבאַרע וועלטן וואָלטן געווען ריזיקע טויטע קערפּערס, וואָס באַוועגן זיך אייביק, אָן אַ ציל און אָן אַ זין! אונדזער לעבן אויף דער ערד וואָלט דאַן געווען אַ פאַטאַלער צופאַל.

*

צוליב וואָס דאָס לעבן? — ווער קאָן וויסן? איינער וועט זאָגן: צוליב גליק. צוליב דער אומבאַגרענעצטער פרייד פונעם לעבן. אַן אַנדערער וועט זאָגן: צוליב די ליידן. דאָס לעבן איז גרויס צוליב די ליידן. און איך וועל אפשר זאָגן: צוליב די פריידן און צוליב די ליידן. ווייל בלויז אויפן באָדן פון גרויסע ליידן וואַקסן גרויס און בליענדיק אונדזערע פריידן. אַז עס קאָנען נישט זיין קיין פריידן אָן ליידן, דאַרף מען אפשר אָננעמען פאַר גוט אין איינעם מיט די פריידן אויך די ליידן. דאַן וועט אפשר לייכטער זיין צו לעבן און צו וויסן — צוליב וואָס מיר לעבן.

*

דער געוויסן איז דער שוואַכער פונקט פון דער מענטשלעכער נאַטור. ער איז ציטעריק, ער לעבט אין שטענדיקער שרעק פאַר יעדער אונדזער טאַט. ער איז אַליין דערשראָקן און שרעקט אונדז מיט אַלערליי אינערלעכע און אויסערלעכע שרעקן. אַפילו די מורא פאַר אַ גאָט און פאַר אַ טייוול האָט ער אויך דערנענטערט צו דער מענטשלעכער נשמה — דער פייגלינג.

*

לעבן — דאָס איז ווי אַרויפקלעטערן אויף אַ הויכן באַרג. ווען דו קלעטערסט, איז דיר שווער. דו צערייסט די קליידער, צעקראַצסט דאָס לייב אין די פעלדזן־שטיינער. אַ מאָל רייסטו אַפילו זיך אַרונטער פון פעלדז און ווערסט פאַרוווּנדעט. אָבער, אַ פאַרוווּנדעטער, הייבסטו זיך אויף און קלעטערסט ווידער אַ מאָל העכער און העכער. און צום סוף קלעטערסטו פאַרט אַרויף, אויב דו ביסט פאַרעקשנט. איבער דיר איז דאַן אַ ליכט. ווייטקייטן. ברייטע האָריזאָנטן. דו ביסט געבענטשט מיט אַ זיג.

וועגן זין פון לעבן

ס'איז שווער צו וויסן וואָס דאָס איז — זין פון לעבן. פונקט ווי קיינער איז נאָך נישט דערגאַנגען דעם אמת וועגן גאָט. פונקט ווי קיינער האָט נאָך נישט געפונען דעם אמת אַליין.

ווער האָט דערקענט גאָט? ווער האָט דערקענט נשמה? ווער האָט דערקענט דעם אמת? קיינער נישט! ווער איז דערגאַנגען דעם סוד פון לעבן? — קיינער נישט! און קיינער קאָן נישט קומען און זאָגן וואָס עס איז דער זין פון לעבן. אַפילו ווען מיר זאָלן זיך באַגרענעצן בלויז אויפן זין פון מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט, וועט עס אויך נישט לייכטער מאַכן די פראַגע.

אַלץ אַרום אונדז — די אומענדלעכע ווייטקייטן פונעם אוניווערס מיט די ריזיקע וועלטן, וואָס שפּרייטן זיך אויס, פאַרגרעסערן זיך, פאַרמערן זיך ביז אומענדלעכע וואָגן און צאָלן און דימענסיעס, מאַכן אונדזער לעבן אַזוי קליין־שטויביק, אומבאַהאָלפן אין דעם אייביקן לעבן פונעם וועלטאַל, ביז אַבסאָלוטע אָפּלייקענונג. אינעם גאַנג פון צייט און רוים — איז דאָס לעבן פון אַ מענטש אַפילו נישט קיין אויגנבליק. אַפילו באַזונדער, אָפּגעטיילט פונעם פילאָזאָפישן אַספּעקט פון שייכותן, אָפּגעגרענעצט אין אונדזער קליינקייט, — וואָס איז דאָס מענטשלעכע לעבן אויף דער וועלט? אַ דעליוזיע, וואָס ווערט אויסגעלאָשן מיט צעפּאַל און טויט. אַלץ ענדיקט זיך מיט דעם מאָמענט פון טויט. אַפילו די פאָרשטעלונג וועגן אומענדלעכקייט און אייביקייט ווערט אויסגעלאָשן אין איינעם מיט אַלע וועלטן און אַלע אוניווערסן. אין דעם אויגנבליק־אינטערלודיע, צווישן געבורט און טויט, ווערט אונדזער לעבן געשטויסן פון דעליוזיע צו דעליוזיע, און

אַפילו „גאָט" און „אמת" זענען נישט מער ווי די גרעסטע דעליוזיעס. קיין זאַך אין דער וועלט איז נישט זיכער. זיכער איז נאָר דער מענטש־לעכער קאַמף צוליב אָט די דעליוזיעס. זיכער איז נאָר דער אייביקער גערשאַנגל צווישן דעם מענטש און דער נאַטור און צווישן מענטש און מענטש.

און אויב מיר ווילן רעדוצירן די פראַגע בלויז צו אָט די אייביקע פראַגן פונעם מענטשלעכן לעבן און צוזאַמענלעבן אויף אָט דער איינער פּלאַנעטע, אויף וועלכער מיר לעבן, ווילן מיר אפשר אויך קאָנען אַרויס־פּלאָנטערן זיך פון אָט דער פראַגע: וואָס איז דער זין. דעריבער דאַרפן מיר נישט זוכן דעם זין פון אונדזער לעבן אין וועלכע עס איז שייכותן מיטן אוניווערס, נאָר באַגרענעצן זיך מיט זיינע שייכותן מיט דער נאַטור, אין וועלכער און מיט וועלכער מיר לעבן און אין די שייכותן פונעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. דאָס וועט אונדז העלפן אָפּצורייסן זיך פון די הימלען, וואָס רייסן אונדז אָפּ פון דערווירקלעכקייט און פאַרפּלאָנטערן אונדז אין דער אייביקער מיסטיק פון גאָט און לעבן אויף יענער וועלט, אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס מיר קאָנען נישט אונטערזוכן מיט אַזעלכן עס איז מענטשלעכן חוש, אָדער אינסטרומענט. צוליב דעם ווילן מיר מוזן די פראַגע אויך אָפּטיילן פון רעליגיע, וואָס אָנשטאָט צו אַנטפּלעקן דעם אמת, פאַרפּלאָנטערט זי דאָס מענטשלעכע לעבן אין די ווידערשפּרוכן פון ווירקלעכן און אויסגעטראַכטן. ווייל גאָט האָט נישט באַלוינט דעם ערלעכן. גאָט האָט נישט קיין רחמנות געהאַט אויף דעם אָרעמען. גאָט האָט נישט באַשטראָפט דעם שלעכטן, דעם רשע. גאָט האָט נישט דערהויבן דעם אָרעמאַן. און ביי דער ערשטער פראַבע שיקט אונדז גאָט אָפּ אויף יענער וועלט מיט אַ צוזאָג. קיינער איז נאָך נישט געקומען צו אונדז אָנ־צוזאָגן, אַז דער צוזאָג איז געהאַלטן געוואָרן. אַזוי אָרום איז דאָס מענטש־לעכע לעבן אויף אונדזער ערד נישט אין די הענט פון גאָט, נאָר פונעם מענטש אַליין אין דער ספערע פון דער אָרומרינגלענדיקער נאַטור, וואָס קאָן געפּאָרשט ווערן, אַנגעווענדט ווערן און אַפילו באַווירקט ווערן פונעם מענטש און אין דער ספערע פונעם ברודער־מענטש.

און אין אָט דער ספערע און אָט אין די שייכותן איז שוין גראַד דאָ אַ זין און אַן אינהאַלט אינעם מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט. דאָ האָט

שוין דער מענטש מעגלעכקייטן און צילן צו באַשאַפן מענטשלעך גליק. דאָ איז שוין דאָס מענטשלעכע לעבן נישט קיין אילוזיע אָדער דעליוזיע, נאָר אַווירקלעכקייט פון געזעצן און לאָגיק. דער זין פונעם מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט איז די שטרעבונג און די דערגרייכונג פון מענטשלעכן גליק אויף דער וועלט. דאָ איז אַ מענטש נישט עפּעס אַ זינלאָז באַשעפעניש, אַריינגעוואָרפן אין עפּעס אַ זינלאָזן מדבר פון לעבן. ניין! אַ מענטש איז אַ קאָמפּלעקס פון געירשנטע אוצרות. אַ קאָמפּלעקס פון אוצרות, אין וועלכע עס ליגט זיין פיזיש־גייסטיק גליק. מיט יעדן דור ווערן די אוצרות רייכער, און די ירושה — גרעסער. די אוצרות זענען אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד. ס׳איז נאָך דערוויל שווער צו שאַפן אָרדענונג און האַרמאָניע. ס׳איז נאָך דערוויל שווער צו געניסן אין דער פולער מאָס פון דער געבענטשטער ירושה. אָבער די ירושה איז — איינשטעלן אָרדענונג אין דעם כאַאָס, איינשטעלן האַרמאָניע אין דער צעטיילונג פון די אוצרות. דער זין פון לעבן איז דעריבער אין דעם קאַמף פאַר דער פולער באַהערשונג פון די נאַטירלעכע אוצרות פון דער נאַטור און די געירשנטע אוצרות, וואָס לעבן אין אונדז אַליין.

אַ באַוווּסטזיניקער קעמפער פאַרן מענטשלעכן גליק, פאַר מענטשלעכער פרייהייט אויף דער וועלט וועט נישט אַוועקשטעלן זיך פרעגן די פראַגע: וואָס איז דער זין פון לעבן? ער ווייסט שוין אַליין דעם ענטפער.

אַ בויער, אַ שאַפער, אַ זוכער — אויף אַלע מעגלעכע געביטן פון לעבן, וועט זיך נישט אַוועקשטעלן פרעגן אָט די פראַגע. ער ווייסט שוין דעם ענטפער אַליין. ער האָט אים געפונען אין זיין אַרבעט, וואָס פאַרבינדט אים מיט דעם גרויסן ציל.

די, וואָס זאָגן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין יושר אין דער נאַטור, ווייל אַלץ ווערט אין איר רעגירט דורך דער איינגעשטעלטער פאָרמולע פון כאַפּ־לאַפּ, — דער, וואָס איז שטאַרקער, באַהערשט דאָס שוואַכערע — פון דער אַמעבע, ביז דעם לייב, רעדן וועגן באַשעפענישן, וועלכע האָבן נישט געירשנט קיין באַוווּסטזיין איבער די וווּנדערלעכע כוחות, וואָס זענען אין אים און אַרום אים — ליבע און שיינקייט, העלדישקייט און מאָראַל, און וויזיע, די וויזיע, וואָס איז דער וועגווייזער צו זיין גליק.

איז דאָס מענטשלעכע גליק נאָר אַ דערגרייכונג פון אונדזערע ווייטע

יורשים? איז אפשר דאָס מענטשלעכע גליק נישט מער ווי אין עפּעס אַן אייביקער פּערספּעקטיוו, פון וועלכן קיינער וועט נישט געניסן און צו וועלכן ס׳וועט אייביק אַזוי שטרעבן דאָס מענטשלעכע לעבן? דאָס גליק איז שוין דאָ. דאָס גליק איז אין יעדן זיג, וואָס די מענטשהייט געווינט איבער די נאַטור־כוחות, איבער זיך אַליין, אויפן וועג צו דערגרייכן די אָרדענונג פון כאַאָס.

*

מ׳זאָגט, פּעסימיסטן זאָגן — אַז דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט און אַפילו דער טריומף פון דער וויסנשאַפט — האָט נישט אָפּגעשאַפט די עסענציעלע „אומגליקן״ פונעם מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט. נישט דאַרווין און נישט איינשטיין און נישט די הויך־אַנטוויקלטע טעכניק האָט אויסגעלייזט דעם מענטש פון די אייביקע שוועריקייטן, וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אים אין דעם סאַמע וויגעלע פון זיין היסטאָרישן לעבן. ס׳איז דער זעלביקער געלויף פון דער וועוועריקע אין אַ ראָד, נאָר דאָס ראָד איז אַ ביסל קאָמפּליצירטער און דער געלויף אַ מער פאַרפּלאָנטערטער. און דאָס איבעריקע איז אַלץ איינס: דער שוואַכער פּאַרטיליקט דעם שוואַכערן. מלחמות זענען געווען און זענען נאָך דאָ אויך איצט — נאָר קאָמפּליצירטערע און גרעסערע, לויט דער פּראָפּאָרץ פון דער גרייס פון דער מענטשהייט און לויט דער פּראָפּאָרץ פון זיין אַנטוויקלונג. נישט מער. ווי ס׳איז אין דער נאַטור, אַזוי איז עס אינעם מענטש: אַ פלאַנץ און אַ חיה אויף דער ערד, און אַ פיש אינעם ים, און אַ פויגל — אין דער לופטן, — אַלע פּאַרטיליקן איינער דעם אַנדערן אויפצוהאַלטן זיך צווישן הימל און ערד — געווינטלעך, ווידער — דער שטאַרקער דעם שוואַכערן. ביז עס קומט דער טויט און פּאַרטיליקט אויך דעם שטאַרקערן... אַזוי אייביק! ס׳איז געווען אַזוי און ס׳וועט זיין אַזוי. און ס׳האָט נישט קיין זין דאָס לעבן, וואָס מוז זיך ענדיקן מיט טויט! וואָס פאַר אַ זין קאָן האָבן דאָס לעבן, אַז ס׳מוז זיין באַגרענעצט אין צייט און אין רוים — נישט נאָר אין אַ ברייטערן און אַבסטראַקטערן אַספּעקט, נאָר אַפילו אין זיינע סאַמע נאַטירלעכסטע באַדערפענישן? דער מענטש האָט — אַ דאַנק זיין באַוווסטזיין, שוין זייער לאַנג רעוואָלטירט קעגן אָט דער אומגערעכטער

באַגרענעצטקייט. ווייל די רעליגיע איז גלייך געקומען ענטפערן נאָר און נאָר אויף דער פראַגע: זי האָט דעם מענטשן צוגעזאָגט אַן אייביק לעבן, אַן אומבאַגרענעצט לעבן — נאָכן טויט. זי האָט דעם מענטשלעכן רעוואָלט פאַסיפירט מיט אַ פאַלשער האָפענונג, אַז נאָר דער חומר שטאַרבט און פאַרגייט, — דער גייסט לעבט אייביק. די רעליגיע האָט אָפּגענאַרט דעם מענטש מיט דער אילוזיע פון גאָט: מענטש, דו ביסט אַליין אויף דער וועלט. דו האָסט איבער זיך, אין זיך און מיט זיך אַן אייביקן כוח, וואָס פירט דיך, באַשטימט דיין זיין און דעם זין פון דיין זיין אין פרעליוד צווישן געבורט און טויט און נאָכן טויט — ביז אין דער אייביקייט אַריין. די רעליגיע האָט צוליב דעם באַדאַרפט אָפּילו אויסדערוויילן דעם מענטש, מאַכן אים פאַרן „אויבערשטן פון שטייסל" אין דער נאַטור פון אַלע בעלי־חיים. אָבער די נאַטור אַליין — זי איז די זעלביקע מאַמע פאַר דער אַמעבע ווי פאַר מענטשן. זי האָט די זעלביקע געזעצן פאַר ביידן. די נאַטירלעכע געזעצן אויפן זעלביקן אופן און אינעם זעלביקן זין פון זייער עקזיסטענץ אויף דער וועלט און אין שטרענגער רעלאַטיווקייט אין די געזעצן פון צייט און רוים. דעם סוף פונעם איינפאַכסטן פלאַנץ און פון דער אַמעבע און פון דעם מענטש איז דער זעלביקער — טויט לייגט פאַר זיי אַוועק די זעלביקע גרענעץ און וואָס ס'איז אויף יענער זייט גרענעץ, ווייסט דער מענטש פונקט אַזוי פיל, וויפל די פלאַנץ און די אַמעבע.

איז וווּ איז פאַרט דער זין פונעם מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט?

— אָפּנים בלויז אינעם באַ וווּ ס ט ז יי ן אַליין. אינעם באַוווּסטזיין פון זיינע כוחות און אינעם באַוווּסטזיין איבער זיינע באַגרענעצטקייטן. דער באַוווּסטזיין פון די כוחות וועט אים געבן מעגלעכקייטן אַמבעסטן צוצו־פאַסן זיך צו די אויסערלעכע באַדינגונגען פון זיין לעבן, און דער באַ־וווּסטזיין איבער זיינע באַגרענעצטקייטן וועט אים אָפּהיטן פון בלינדע שטרויכלונגען, און ביידע צוזאַמען וועלן שאַפן יענעם גן־עדן אויף דער וועלט, צו וועלכן דער מענטש שטרעבט טאַקע, זינט ער איז געקומען צו זיין באַוווּסטזיין...

דער מהות און דער סוד פון קונסט

נישט אַלע מאָל האָבן מיר ליב בלויז דאָס, וואָס איז גוט און איז שיין און איז... געערעכט, — אַלץ, וואָס איז אַריינגעלייגט אינעם גרונט־באַגריף פון קונסט. מיר האָבן אָפט נישט ווייניקער ליב דאָס שלעכטע, דאָס עקלהאַפטע און דאָס אומגערעכטע. ווי עס איז דאָ געניוס אין שיינקייט, אַזוי קאָן זיין געניוס אינעם אָפּשוילעכן. דערפאַר איז דאָ אין ליידן, אין טיפע מענטשלעכע ליידן, אַזאַ אומדערקלערבאַרע פרייד, אַזאַ טיפער געניוס — און ערגעץ־ווו — אַ זין, וואָס איז אפשר טיפער ווי אין דער פריידיקייט פון גליק. עס איז דאָ אַ שיינקייט און אַ פרייד אינעם טאָג, און עס איז דאָ אַ שיינקייט און אַ פרייד אין דער נאַכט.

*

געוויינלעך זענען די, וואָס רעדן שיין (שיין־רעדנער), ווי אַ כלל — פוסטע מענטשן, וועלכע האָבן דעם מזל, דורך דער פעיקייט פון פראָזן־פּלעכ־טעריי צו פאַרדעקן זייער אייגענע אָרעמקייט און פוסטקייט. דער, וואָס האָט וואָס צו זאָגן, זאָגט עס אַ מאָל שיין און אַ מאָל — נישט אַזוי שיין. אָבער ער שאַפט גייסטיקע ווערטן. דער שיין־רעדנער שאַפט נישט. ער האָט דאָס געשאַפענע אַלע מאָל פאַרטיק צו געבן ווי זיין אייגנס. ער איז דער פאַרמיטלער — אין בעסטן פאַל.

*

דער אמתער קינסטלער ווייסט קיין מאָל נישט אין פאָרויס, ווי ער וועט זאָגן דאָס, וואָס ער האָט צו זאָגן. וואָס ער זאָגט איז פאַר אים

אַליין אַן איבערראַשונג, אַן אַנטפּלעקונג. און עס קומט אויס, ווי עמעצער אַן אַנדערער איז אים וואָלט אַלץ פאַר אים אויסגעפורעמט און באַשאַפן. אָבער דער רעזולטאַט איז אַלע מאָל — זיין, דעם קינסטלערס, בלוט און זיין אָטעם.

*

מיר קאָנען זיך צו לאַנג נישט אָפּשטעלן אויף איין פּונקט פון אַ וועלכער עס איז פונקציאָנעלער טעטיקייט פון אונדזער פיזישן אָדער גייסטיקן אָרגאַניזם. ווען מיר טראַכטן צו לאַנג וועגן אַ זאַך אָדער אַן ענין, וועט די זאַך אָדער דער ענין ביסלעכווייז פאַרלירן דעם קאָליר פון אייגנשאַפט, וועט אויסגעלאָשן ווערן אין אונדזער מוח. פון דעם וועט בלייבן אַ נישט באַווירקנדיקער שאָטן. מיר קאָנען נישט צו לאַנג קוקן מיט אונדזערע אויגן אויף שיינקייט. וואָס מער מיר וועלן זיך אָנשטרענגען צו זען און לענגער צו זען — אַלץ ווייניקער וועלן מיר זען און אַלץ ווייניקער הנאה וועלן מיר האָבן פונעם געזעענעם. שיינקייט, אמתדיקייט און פּערפעקציע זענען פאַרשווינדנדיק. זיי לעבן לאַנג פאַר דעם, וואָס קאָן געניסן פון זיי אַ קורצע רגע. פאַר דעם, וואָס וויל זיי איינהאַלטן פאַר זיך אויף אייביק — זענען זיי טויט אויף אייביק.

*

אַז אַ מענטש איז זאַט אָדער אַ ביסל איבערגעגעסן, איבערגעזעטיקט, מעג עס זיין מיט די סאַמע בעסטע שפּייזן — איז ער שוין נישט נאָר גלייכגילטיק צו שפּייז בכלל, נאָר נאָך מער, צו דעם גוטן שפּייז, וואָס האָט אים ערשט אָנגעזעטיקט. אים איז שווער אָנצוקוקן שפּייז און זיך פאָרשטעלן, אַז עמעצער זאָל פון דעם הנאה האָבן. און אויב דער מענטש, אַן אָנגעזעטיקטער, וועט נאָך אַלץ אין זיך געפינען אַ כוח און וועט נאָך עסן, וועט זיין אַפּעטיט סוף כל סוף אַזוי אָפּגעטעמפּט ווערן צו שפּייז, אַז די הנאה וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אָפּקומעניש, און זיין גענוס — אין עקל. כדי צו שאַרפן און רייצן דעם אַפּעטיט פון אַזאַ מין איבערגעפרע־סענעם, מוז מען אים פריער איינגעבן שאַרפע רייצנדיקע פּאַטראָוועס, צו רייצן זיין אַפּעטיט אויף אַ קינסטלעכן אופן. אַזעלכע איבערגעפרעסענע,

איבערגעזעטיקטע זענען אויך דאָ אין דער ליטעראַטור. זיי האָבן פאַר־לוירן דעם אַפּעטיט. פאַרטעמפּט געוואָרן. זיי קאָנען נישט געניסן פון קיין געוויינלעכן קינסטלערישן ווערק. זייער אַפּעטיט מוז געררייצט ווערן מיט אַלערליי קינסטלעכע ליטעראַטור־פּאַטראָוועס, מעגן זיי זיין אַ סוראָגאַט. אַבי זיי זאָלן אַנטהאַלטן אין זיך אַ רייצונג.

*

דער איבערגעזעטיקטער איז אַלע מאָל אַ קרבן פון אַפּאַטיע. ער האָט נישט קיין גלויבן. ער האָט נישט קיין ציל. אים אַרט נישט פאַרן זין פונעם אייגענעם לעבן. ער ווערט אָרעם אין גייסט. ער ווערט אויפגעגעסן פון דער אייגענער זאַטקייט און אָפּגעלאָזנקייט. דערצו וועט ער נאָך קיין מאָל נישט וועלן בייטן זיין לעבנס־גאַנג, כדי צו באַפרייען זיך פון אָט דעם צושטאַנד. און אַזוי איז אויך אין דער עראָטיק. אַן איבערגעזעטיקטער ווערט אָפּגעלאָזן, גלייכגילטיק. און נאָר ווען עס קומט אַ צייט און עפּעס שטויסט אים אַרויס פון זיין אַפּאַטיע — וואַרפט ער זיך אינעם צווייטן עקסטרעם — ער ווערט אַן עראָטאָמאַן. דאַן וועט ער שוין באַשאַפן אַלערליי סוראָגאַטן פון ליבע, נאָר כדי אויפצורייצן דעם עראָטישן אַפּעטיט אין זיך. דאָס איז אויך דער טעם, און עס באַשטימט די יאָגעניש נאָך „נאָוואַ־טאָרסטוואָ“.

*

די נייע, סוראָגאַטישע, פאָרמען אין דער קונסט זענען עדות פון ביטערן פּעסימיזם און באַנקראָט פון קונסט און קינסטלער. דאָס איז, אין בעסטן פאַל, נישט מער ווי אַ מיטל אָפּצוהאַלטן דעם קינסטלער פון קינסטלערישן זעלבסטמאָרד. אָבער קיין ציל פאַר זיך איז דאָס נישט.

*

מיר זענען צעטיילט אין אונדזער גלויבן. מיר האָבן באַשאַפן גאָט און דעם אַנטי־גאָט. מיר זענען טעאָזאָפן און אַטעיסטן. מיר זענען נאָך דערוויל אַ דעזאָרגאַניזירטע אַרמיי פון „יאָ“־ און „ניין“־זאָגערס. מיר בויען און צעשטערן אין דער זעלביקער צייט. אַזוי זענען מיר אין לעבן,

אין דער וויסנשאַפט און אין דער קונסט. מיר דערהייבן אַלץ אין אונדזער לעבן ביז אַ קולט, ביז דער העכסטער הויכקייט, כדי שפּעטער מיט מער קראַפט אַרונטערצוואַרפן עס, און אַז ס'זאָל זיין גרעסער די דערנידערונג און די צעשטערונג. מיר וואַלגערן זיך צופוסנס פון אַן אַלטאַר, קושן דעם שטויב פון אַן אַלטאַר, און דערנאָך — קומען מיר מיט די אייגענע הענט און צעברעכן אים אין איינעם מיטן אָפּגאָט און פאַרוואַנדלען זיי אין שטויב.

*

דער מענטש איז אַן עסטעט. ער האָט ליב שיינקייט. ער גייט אום איבער דער וועלט, ווי איבער אַ פעלד, און קלייבט אָפּ פאַר זיין דערינע־רונג בלויז דאָס שיינע. ווייסע בלומען און רויטע בלומען. ער פאַרנעמט נאָר דאָס לעבן אין בליונג. אַן עפּלבוים בליט. אַ קאַרשנבוים בליט. דאָס איבעריקע פאַרזעט ער, פאַרגעסט ער.

*

מיר האָבן ליב די ווירקלעכקייט. אָבער נאָך מער האָבן מיר ליב דאָס אויסגעטראַכטע. דאָס אויסגעטראַכטע איז פאַר אונדז אַ קוואַל פון אומדערשעפּלעכן אינטערעס און פאַרגעניגן. דערפאַר האָבן מיר אַזאַ פאַרגעניגן פון דער קונסט און דערפאַר האָבן מיר אַזאַ אינטערעס — צו דער קונסט.

*

די ראָל פון עראָטיק, פון געשלעכט אין דער קונסט איז קאָלאָסאַל. די גאַנצע קונסט, אין אַלע אירע צווייגן, דינט דער עראָטיק: טענץ, מוזיק, קליידונג, דעקאָראַציע. אַפילו די רעליגיע.

*

קונסט קאָן נישט זיין איבערן לעבן. זי איז איבערן לעבן אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי שפּאַרט זיך אָן אינעם לעבן. ווייל דאָס לעבן איז איר יסוד. ווי מ'קאָן נישט רעדן וועגן אַ נשמה אָן דעם מענטש אַליין, אויסער

און אין דרויסן פון אים, אַזוי קאָן מען זיך נישט פאָרשטעלן די קונסט אויסערן לעבן. דאָס לעבן איז פריער פון אַלץ, דער יסוד פון אַלע קונסטן. אָן לעבן איז די קונסט נישט מעגלעך. זי איז נישטאָ.

*

וועגן קונסט קאָן מען רעדן און רעדן. רעדן אַ סך. אמתע רייד. טרעפ־לעכע רייד. אַפילו קלאָרע רייד. אָבער דעררעדן זיך ביז צום ענדגילטיקן קלאָרן שלוס — קאָן מען נישט. עס וועט אַלע מאָל בלייבן עפּעס נישט דעררעדט, נישט דערזאָגט און פאַרנעפּלט. און גראָד דאָס, צו וואָס מ׳האָט זיך נישט דעררעדט, בלייבט אַלע מאָל פאַרוויקלט אין אַ פינצטערניש, וואָס טיילט אָפּ אונדזער ווירקלעך לעבן פון עפּעס אַן אַנדער לעבן, וואָס איז איבער אונדז און וואָס איז הינטער דער פינצטערניש און ווהין אונדזערע חושים האָבן זיך אפשר אויף אַ רגע פאַרגנבעט, אָבער וואָס מיר קאָנען נאָך נישט אויסדריקן — נישט אין ווערטער און נישט אין קלאַנגען און נישט אין פאַרב. און עס קומט אַלע מאָל אויס אַזוי: אַז אַלץ וואָס ס׳ליגט איבער די מעגלעכקייטן פון אונדזער אויסדרוק־פעיקייט — קאָן זיך אונדז פון צייט צו צייט אויף אַ רגע אַנטפּלעקן, אָבער קיין מאָל נישט אויסגעדריקט ווערן אין דער פולער, גאַנצער מאָס.

*

דו לעבסט. דו גייסט פון איין דערפאַרונג צו דער צווייטער. גיי און דערצייל. באַהאַלט נישט! עמעצער וועט זיך לעבן דיר אָפּשטעלן און וועט זיך צוהערן. געניסן. וואָס דו זעסט און וואָס דו הערסט און וואָס דו באַנעמסט — איז אַ נייעס און אַן אַנטפּלעקונג. גיי און דערצייל! יעדן טאָג און יעדע שעה פון דיין לעבן ווערסטו געבוירן, — ווייל דו ביסט אַ קינסטלער.

*

כדי צו שאַפן קאָנטראַסטן, איז געקומען די קונסט. זי איז פון טויט געקומען שאַפן לעבן. פון כאַאָס — אָרדענונג. זי איז געקומען צו שפּילן

זיך מיט ליכט און מיט שאָטן. זי איז געקומען שמידן די פולקאָמענקייט און די אומפולקאָמענקייט פון פאָרמען.

*

דאָס שאַפן און די קונסט בכלל דערהייבן זיך נאָר דאַן צו אַ גרויסער הייך, ווען עס לעבט אויף אין דער נשמה פונעם מענטשן ביז אַ פולקאָ־מענער באַפרייונג, ווען אירע סימבאָלן טראָגן אין זיך נישט נאָר אַן עסטעטישן כוח, נאָר אויך אַ רעליגיעזן.

*

אומעטום קאָן מען זען די ענלעכקייט פון זאַכן. אומעטום, אין דער גאַנצער נאַטור. אין די וואָלקנס קאָן מען זיי זען. אין וועלדער און אין די בערג. אין פעלדער און גראָזן. אומעטום — געזעענע זאַכן און געשטאַלטן. און אומעטום — ניי. אַלע מאָל — ניי.

*

אַלץ וואָס איז שיין — שטאַרבט אָפּ. פאַרגייט. ווערט געבוירן און פאַרגייט פאַרן מענטש און פאַר יעדן לעבעדיקן ווען. אָבער אַלץ, וואָס איז שיין, שטאַרבט קיין מאָל נישט אָפּ אין דער לעבעדיקער נאַטור און אויך אין דער קונסט, וועלכע גייען אַלע מאָל — אין איינעם.

*

מיר פאַרמאָגן צו פיל שרייענדיקע פאַרבן. מיר האָבן זיי אַזוי פיל, אַז מיר ווילן זיי נישט זען. מיר זענען מיט זיי איבערגעזעטיקט. דער אמתער קינסטלער ווייסט עס. גיט ער אונדז מילדערע פאַרבן, ווייניקער בלענדנדיק ליכט. גיט אונדז, וואָס איז צווישן ליכט און פינצטערניש. צו פיל זון איז פונקט אַזוי שווער צו פאַרטראָגן, ווי צו פיל פינצטערניש. אַז מ׳שרייט אויף אַ הויכן קול — ווערט מען פאַרטומלט און מען הערט נישט. מילדקייט איז קלאָרקייט.

*

מיר איז אומפאַרשטענדלעך, פאַר וואָס רעליגיעזע מענטשן האָבן אַזוי פיינט און באַקעמפן אַזוי דאָס טעאַטער. רעליגיעזע דינסט איז דאָך

די עסענץ פון טעאַטראַלער קונסט. דער רעליגיעזער מענטש און זיין פריסטער זיינען דאָך אין דער ערשטער ריי — די „שטערן" פון זייער טעאַטראַלער קונסט. וואָס מער עקסטאַטישקייט אין דער רעליגיעזער דינסט — אַלץ מער טעאַטער, אַלץ נענטער איז מען צו טעאַטער־קונסט.

*

דער וויכטיקסטער באַדינג פאַר אַ קונסט־ווערק איז די גאַנצקייט פון קינסטלערישן אויסדרוק. אַ גאַנצקייט, פון וועלכער מ׳קאָן נישט אַרויסנעמען קיין איין קלענסטן טיילעכל, אין וועלכער מ׳קאָן נישט בייטן קיין איין שטריכל פון דער פאָרעם, ניט צעשטערנדיק דאָס גאַנצע.

*

די אַלטע פאָרמען פון קונסט האָבן דערעסן. דער קינסטלער האָט עס דערפילט פריער, פיל פריער פון דעם קונסט־געניסער. האָט ער זיך דערשראָקן און גענומען זוכן נייע פאָרמען. די נייע פאָרמען האָבן טאַקע די ערשטע צייט פאַראינטריגירט, האָבן טאַקע אַ צי געטאָן צו זיך מיט זייער טשעקאַוועקייט, אָבער קיין „גענוס" האָט דער קונסט־געניסער אין דער נייער קונסט נישט דערפילט, האָט ער זיך פון איר באַלד אָפּגע־קערט. און דער קינסטלער אַליין איז אויך, טיילווייז, געבליבן אַן אַנטויש־טער. צווישן אים און זיין ווערק האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער אומצוטרוי־לעכער בליק און די אומצוטרוילעכע באַציונג פון דעם „געניסער".

*

די פּאָעזיע פון דער יידישער רעליגיע איז אַ רייפע. זי איז פאַר דערוואַקסענע קולטור־מענטשן. די גאַנצע יידישע רעליגיע איז אַ פּראָ־דוקט פון רייפער פאַרשטענדעניש. נאָך אין די אוראַלטע צייטן האָט זי שוין אַריינגעבליקט אין דער נאַטור און אין לעבן דורך דער רעליגיע מיט אַ פילאָזאָפישן בליק. אין פאַרגלייך מיט דער עלטסטער יידישער רעליגיע זענען די גריכישע, רוימישע און אַנדערע געצנדינערישע רעליגיעס, געווען ווי קינדער־שפּילן. אין זיי איז געווען קינדישע נאַיווקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די צאַלרייכע מיטאָסן. די יידישע רעליגיע אָבער איז

געוועזן אַ פּראָדוקט פון טיפער, רייפער פאַרשטענדעניש און גלויבן אין אַ כוח, וואָס נעמט אַרום אַלץ און פאַרבינדט אַלע גרענעצן פונעם מענטש־לעכן מיטן געטלעכן.

*

איך וויל ריידן וועגן ציל. וווּהין וויל גרייכן דער קינסטלער? אין וועלכע ספערן ווענדט דער קינסטלער זיין גייסטיקן בליק? וואָס וויל ער און וואָס זוכט ער?

דער מאַראַליסט און דער רעאַליסט וועלן זיך פאַראייניקן און וועלן ביידע געבן אויף די אַלע פראַגן איין ענטפער. צו פאַרענטפערן אָבער די אַלע פראַגן, וועלן זיי מוזן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַרונטערלאָזן דעם קינסטלער פון זיין הויכן פּעדעסטאַל צו דער פלאַך פון לעבן, אַוועקשטעלן אים אויף דער טריבונע פון לעבן, פאַרבינדן אים מיטן לעבן פון מענטשן און אויסגלייכן זיין שטרעבן און זיינע פאָדערונגען מיט דעם שטרעבן און פאָדערונגען פון די מאַסן. דער ציל, וווּהין דער קינסטלער וועט וועלן גרייכן, וועט דאַן נישט זיין בלויז זיינער, נאָר אויך פון די, וועלכע ער וועט פירן. ער וועט זיין ברייטער און טיפער, וויל עס וועט זיין דער ציל פון מענטשלעכן לעבן בכלל.

*

טראַדיציעס אין דער ליטעראַטור און טראַדיציעס אין לעבן. מ׳דאַרף זיך פון די אַלטע באַפרייען און ברענגען נייע.

איינער וועט זאָגן: — טראַדיציע איז ווי אַ מלבוש. נישט קיין אייביקע שיינקייט. זי ווערט, ווי אַ מלבוש, אָפּגעטראָגן, אַרויס פון צייט און מאָדע. מיר דאַרפן זיך פון דעם אַלטן באַפרייען און די טראַדיציעס, אָפילו די הייליקסטע, פון זיך אויסטאָן, ווי מ׳טוט אויס פון זיך אַן אַלט מלבוש, ווען עס טויג שוין נישט צום געברויך. וועלן מיר טראָגן די אַלטע קליידער, וועלן זיי אויף אונדז אָנהייבן שימלען און מיר קאָנען נאָך פון זיי אַליין אָנהייבן שימלען...

אַ צווייטער וועט זאָגן: — טראַדיציעס ווערן קיין מאָל ניט אַלט. זיי זיינען אייביק, פונקט ווי די זון ווערט ניט עלטער פון דעם, וואָס זי שיינט

שוין מיליאָנען יאָרן, פונקט ווי די ערד ווערט נישט עלטער, ווייל טראַ־דיציע איז שיינקייט.

איך טראַכט, אַז טראַדיציע איז טאַקע אַ שיינקייט, אָבער ניט קיין אייביקע...

*

דער סקולפּטאָר און אויך דער אַקטיאָר דאַרפן זיך לערנען די שאַרפ־קייט, די פולע אויסגעשפּראָכנקייט פון אויסדרוק — ביי טויב־שטומע. זיי ריידן פול און ווירקלעך מיט די עמאָציעס פון זייער נשמה. זיי נוצן בלויז דאָס ריין עמאָציאָנעלע, כדי וואָס עכטער און וואָס קאָנקרעטער אויס־צודריקן די באַוועגונג פון האַרץ און פון מוח. אַ זשעסט פון אַ האַנט, אַ קנייטש פון די פּלייצעס און שטערן, אַ ווונק פון אַן אויג, אַ הייב פון דער קינבאַק — אַלץ איז פול מיט פולקאָמענער אַנטפּלעקונג. אַלע אברים רעדן ביי אַ טויב־שטומען. די אויגן און דאָס פּנים רעדן און דערציילן און אַנטפּלעקן, אַנטפּלעקן וועלטן. ביי אונדז רעדט דער אַקטיאָר אַ סך רייד. ביי אונדז פאַרנעמט זיך דער סקולפּטאָר מיט גאַנצע גרופּעס, כדי עפּעס צו דערציילן.

מיר, יידישע קינסטלער און שרייבער, מיר זיינען געשטראָפט מיט פיל שטראָפן מיט איין מאָל. אָדער מ׳דאַרף אונדז אין גאַנצן נישט, אָדער מ׳דאַרף אונדז אויף אַ שמאָלן פעלד, אַן ענגן. עס קומט זיך אויפן קליינעם פעלד צוזאַמען — אַן ערב־רב. דער גרויסער כוח ווערט פאַר־פלאַכט און איינגעשרומפּן, דער קלענערער כוח ווערט צעריבן אין אלערליי קליינלעכקייטן און באַזונדער — צוליב דער קליינקייט און נישטיקייט פון די אויפגאַבן אין זיין אַרבעט. דערצו זענען מיר נאָך אַליין געשטראָפט מיט פוילקייט און מיט אָפּגעלאָזנקייט. מיר ווילן מיט אַ קליינער, מיט דער קלענסטער אָנשטרענגונג דערגרייכן פיל. ווערן מיר פאַרביטערט און געפאַלן ביי זיך, בייז אויף זיך און אויף דער וועלט. און וואָס מ׳דאַרף טאָן אין אונדזער צרהדיקער לאַגע — איז גראָד און בלויז — אַרבעטן. שווער און געדולדיק און מיט מסירת נפש — אַרבעטן. גרויסע שרייבער און קינסטלער פון אַלע צייטן האָבן געוווּסט דעם סוד און האָבן

שווער געאַרבעט, געפּאַרשט דאָס לעבן און זיך אַליין ביז זיי זיינען געקו־מען צו זייערע גרויסע ווערק.

*

ניט וויינִיק ליידן מיר אויך פון סקעפּטיציזם, וואָס גרענעצט זיך אָפט מיט אָפּשוילעכן ציניזם, נערוועזקייט, שרייבערישע ניט־פּאַרגינערישקייט, מאָראַלישע אומצופרידנקייט מיט זיך און מיט דער וועלט, — עגאָיזם.

*

מיר ווייסן קיין זאַך ניט זיכער. אַלץ ווערט אַרויסגעריסן פון אונטער אונדזער אויג און באַנעמונג אומדערוואַרט. די וועלט און אונדזער באַ־ציונג צו איר ווערט געביטן יעדע ווײַלע. מיר אַליין בייטן זיך. די נאַטור אַרום אונדז בייט זיך. אונדזערע איבערצייגונגען און אונדזער גלויבן — בייטן זיך. אונדזער בליק אויף זאַכן — בייט זיך. אונדזער געשמאַק — בייט זיך. און אויסער אונדז בייט זיך אַלץ אין דער זעלביקער פּראָפּאָרץ פון אונדזער אייגענער פאַרענדערונג. דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס גייט אַוועק אין דער אומזיסטער יאָגעניש נאָך זיכערקייט, סטאַבילקייט, ביז מיר שטאַרבן אָפּגענאַרטע און אַנטוישטע...

*

די ווערק, וואָס אַנטהאַלטן די אַספּיראַציעס פון דער קעגנוואַרט — זיינען און ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פונעם לעבן. דערפאַר זיינען זיי וויכטיק. אין זיי לעבט זיך אויס דער מענטש. אין זיי ווערט דער מענטש גאַנצער. אויב עס רירט אַן אַ סאָציאַלע אָדער אַ פּאָליטישע סטרונע — רירט עס אָן די סאַמע וויכטיקע פּרוּשינע פון לעבן פון דער צייט. רעטראָספּעקטיווע און רעטראָגרעסיווע ווערק ברענגען דעם מענטש אין זיין עקזיסטענץ ניט צו דינאַמיק, וואָס איז לעבן, נאָר צו סטאַטיק, וואָס איז ניט לעבן.

*

אונדזערע דיכטער און פּראָזאַיקער — אַלע האָבן זיך מיט אַ מאָל

אַוועקגעלאָזט צוריק. קוקן רעטראָספּעקטיוו און באַזינגען און באַשרייבן דאָס לעבן פון אַ מאָל, איז געוואָרן אַ הייליקע אויפגאַבע. איך זע אין דעם נאָר איינס — און דאָס איז די מורא פאַרן לעבן און פאַר זיינע ניי־אויפגעקומענע פּראָבלעמען. עס דערמאָנט מיך אינעם שטרויספויגל, וואָס באַהאַלט זיין קאָפּ אין זאַמד, כדי ניט צו דערזען די געפאַר... צו שרייבן פון דער איצטיקער צייט — איז שווער. מ׳דאַרף זיין אַ גאַנצער מענטש און מיט אַ סך טאַלאַנט. צו שרייבן רעטראָספּעקטיוו איז לייכט און טראָגט אין זיך ניט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ניט פאַר זיך און ניט פאַר אַנדערע.

*

פאַראַן פעריאָדן אין לעבן פון דער מענטשהייט און אַוודאי אין אַ געזעלשאַפט, ווען אַלע פאָרמען פון קונסט זענען פאַרבונדן מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג אַזוי שאַרף און אַזוי בולט, אַז עס קאָן גאָר קיין צווייפל ניט זיין, אַז די קונסט און דאָס לעבן איז איין גאַנצעס. אָבער אַפילו ווען די פאַרבונדנקייט איז גאָרניט אַזוי בולט, איז זי אָבער סיי ווי שטאַרק — באַזונדערס אין דער ליטעראַטור, אין דער מאָלעריי און אַרכי־טעקטור, ניט רעדנדיק שוין וועגן דער אינדוסטריע, וועלכע שפּיגלט אָפּ אין אַלע אירע פאַזן די צייט און די אָרדענונג.

*

די קונסט גיט אונדז אָנשטאָט איין וועלט — טויזנט וועלטן, אָנשטאָט באַגרענעצונגען — ראַמען־שוווּנג און אומבאַגרענעצטע פרייהייט. פון אַ מענטש־חיה פאַרוואַנדלט זי אונדז אין מענטש־גאָט.

*

קונסט האָט ניט נאָר גענומען אַלץ מער און מער באַאיינפלוסן דאָס לעבן און צוגעבן אים שיינקייט. קונסט איז אַזוי טיף אַריין אינעם לעבן און זיך אַזוי אַריינגעוואָרצלט אין אים, אַז מ׳קאָן זיי ניט פונאַנדערטיילן. ניין, נאָך מער: קונסט האָט אָנגעהויבן אַפילו צו געוועלטיקן איבערן לעבן.

וואָס איך טראַכט

*

נאָך מער: קונסט האָט שטענדיק געוועלטיקט. קונסט איז אפשר אַזוי אַלט ווי דער מענטש. אָבער סיי ווי זיינען דאָ צוויי קונסטן. די קונסט, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט דעם מענטש און געגאַנגען מיט אים זייט־ביי־זייט איבער דער וועלט, און די קונסט, וואָס דער מענטש האָט דער־פונדן שפּעטער פאַר זיין אייגענעם געברויך, פאַר זיין באַקוועמלעכקייט, פאַר זיין גליק. די קונסט, מיט וועלכער דער מענטש איז געבוירן געוואָרן, לעבט אין אונדז, אין יעדער אונדזער באַוועגונג פון וויגעלע ביז אין דער עלטער אַריין. דאָס איז אונדזער ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט צו די שיינקייטן פון דער נאַטור, אונדזער געניוס פון יעדער שיינקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין אויסוואַל און געשמאַק. די באַוואונדערונג פון אַ בלומען־גאָרטן, אונדזער באַגייסטערונג פאַר אַלץ, וואָס איז שיין. די צווייטע, די פון מענטשן דערוואָרבענע קונסט, איז די קונסט פון פרייד, פון געניוס און אויך פון גרויסער מענטשלעכער באַגייסטערונג פאַר צערע־מאָניאַל, פאַר דערהויבונג אין רעליגיע.

*

די גרעסטע מענטשלעכע טראַגעדיע איז אין דעם, וואָס ער איז באַ־גרענעצט פון דער נאַטור אין אַלע זיינע פונקציעס, און באַזונדערס — אין זיינע געפילן. די געפילן פון יעדן יחיד ווילן גראָד זיין אומבאַגרענעצט ביים אויפנעמען געניוס. און גראָד פאַר זיי איז דאָ אַ גרענעץ, אַרום וועל־כער זיי שטעלן זיך אָפּ, קאָנען ניט גיין ווייטער, פאַלן זיי אַריין אין אַ רע־אַקציע. דער מענטש האָט שוין אייגנטלעך לאַנג פאַרשטאַנען זיין טראַגע־דיע. דערפאַר האָט ער אָנגעהויבן צוצוטראַכטן פאַר זיין געניוס אַזעלכע געווירציקע שפּייזן, וואָס זאָלן אים רעגן די געפילן און האַלטן אים אין אַ שטענדיקן טראַנס פון געניוס. ער וואַרפט זיך פון איין פּערווערסיט צו אַ צווייטע און דערגרייכט אַנשטאָט געניוס — דאָס פאַרקערטע — אַנטוי־שונג, אַפּאַטיע און צוריקפאַל. אויך אין דעם געניוס פון קונסט איז דער מענטש געקומען צום טראַגישן ווידערשפּרוך. ער האָט דערפונדן אַלע קונסטן, כדי צו דערהייבן זיין געפיל איבער אַלע גרענעצן פון מעגלעכן

גענוס און גליק, און אויך דאָ איז ער געקומען צום טראַגישן צוריקפאַל. איבער דעם „איבערגעברויך" פון קונסט, פון אַט דער שטענדיקער טראַנס־רעגונג, זיינען ביים מענטש אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אויך היפּש־לעך אָפּגעטעמפּט געוואָרן די אויפנאַם־פעיקייט פון זיינע גענוס־חושים. און דאָ קומען מיר צום מאָדנעם ווידערשפּרוך: אַנשטאָט צו פאַרשאַרפן די חושים, טעמפּט דער קונסט־געברויכער זיי אָפּ. ער ווערט ביסלעכוויַיז אַפּאַטיש, גלייכגילטיק צו דער קונסט. האָט פון איר קיין הנאה ניט, זי הייבט אים אָן צו דערעסן. נאָך מער: עס הייבט אים אָן עקלען פון דער קונסט, ווי איינעם, וואָס האָט זיך איבערגעפרעסן מיט אַ מאכל. ער גייט אַרום איבער זאַלן פון קונסט און גענעצט. ער קאָן ניט זען קיין בילדער און סקולפּטורן. ער קאָן ניט לייענען קיין ליטעראַטור, קיין לידער. ער האָט שוין אַלץ איבערגעזען און איבערגעלייענט און ער איז מיד, מיד. ער ווייס שוין דעם טעם פון אַלץ. און ער איז זאַט — איבערגעזעטיקט!

כדי אַרויסצוראַטעווען זיך פון דעם ביטערן צושטאַנד, האָט דער קונסט־געברויכער אָנגעהויבן, ווי דער גאַסטראָנאָם, צו וואַריאירן און צוטראַכטן נייע קונסט־מאכלים, וואָס זיינען אין דער אמתן אַפילו ניט קיין קונסט־מאכלים, נאָר בלויז געווירצן, וואָס זאָלן אויפרעגן די חוש־אַפּאַראַטן, אָפּנאַרן זיי מיט נייער, צייטווייליקער רייצונג. דערפאַר האָבן זיך אין דער לעצטער צייט גענומען אַזוי אָפט בייטן די פאָרמען פון קונסט. מען בייט זיי מסתמא אויס מורא, אַז אויך די „רפואה" וועט דערעסן און איבערגעגעסן ווערן און זאָל זיך אַליין ניט פאַרוואַנדלען אין דער „מכה"...

*

כדי הנאה צו האָבן פון דער קונסט, דאַרף מען זיך פון איר פון צייט־צו־צייט אָפּזאָגן, אָפּהאַלטן זיך פון „איבערגעברויכן" זי. צו פיל שפּייז — די בעסטע שפּייז — פאַרדאַרבט דעם מאָגן. צו פיל קונסט — גוטע קונסט — פאַרדאַרבט דעם קונסט־געשמאַק און טעמפּט אָפּ די הנאה.

*

קונסט איז אַ מיטל צו דערגיין דעם אמת און אויך, גאַנץ אָפט, דער אמת אַליין. ס'איז אַ מיטל און אַ ציל. דער מיטל איז אַלע מאָל — קאַמף,

קאַמף מיט באַגרענעצטקייט, קאַמף מיט אינערלעכע און אויסערלעכע געזעצן. דער ציל איז אַלע מאָל — באַפרייונג. באַפרייונג פון אַלע געזעצן — פון מענטשלעכע און פון געטלעכע.

*

עס זיינען דאָ אַלע מאָל און אומעטום ווירקזאַמע פאַרבינדונגען צווישן פאָרעם און אינהאַלט. די, וואָס לייקענען דאָס אָפּ, לייקענען אָפּ אַ געזעץ אין דער קונסט. דער אמתער קינסטלער וועט זיי קיין מאָל ניט צעטיילן. ביי אים וועט פאָרעם און אינהאַלט גיין אַלע מאָל האַנט־ביי־האַנט. ביים גראַפאָמאַן ווערט אָט דער הויפּט־געזעץ פון דער קונסט פאַרלעצט. דערפאַר איז זיין קונסט — אַ פאַלשע.

*

דער זין פון קונסט ליגט אין דעם מענטשס דראַנג צו דערהייבונג. אַ מענטש וויל זיך דערהייבן צו גאָט, ער וויל ווערן אַליין אַ שאַפער און באַשאַפער. אין זיין קלענסטער שעפערישער דערגרייכונג פילט ער שוין די גרויסע פרייד פון האַרמאָנישער פאַרבונדנקייט מיט גאָט און וועלט.

*

מענטשן האָבן ליב (זיינען געוווינט) צו קוקן אויף זיך פשוט, ניט פאַרטיפט. מענטשן נעמען זיך אַזוי ווי זיי זיינען, ווי זיי זעען זיך פון דער אויסערלעכער זייט. אויך דעם צווייטן מענטש האָט מען ליב צו באַטראַכטן לויט דעם אויסערלעכן איינדרוק. אָבער דאָס איז ניט גענוג. עס איז שעדלעך, ווען אַ קינסטלער נעמט זיין העלד אַזוי ווי ער זעט אים אויסערלעך און ברענגט אים אַזוי אַריין אין זיין ווערק — מוז דער העלד זיין פאַלש. פונקט ווי עס איז פאַלש דער קריטיקער, ווען ער נעמט אַ ווערק פון אַ שרייבער און זעט בלויז זיינע אויסערלעכע פאָרמען.

*

מען וויל אונדז איינשמועסן, אַז קונסט איז אַ פאַרקערפּערונג פון אַ געזוכטן אמת. און וואָס גרעסער דאָס קונסט־ווערק, אַלץ אַ גרעסערער

אמת איז דורכן קינסטלער פאַרקערפּערט געוואָרן אין וואָרט, אין מאַר־מאָר, אָדער אין פאַרב. און איך מיין, אַז ס׳איז ניט אַזוי. יעדעס קונסט־ווערק, דאָס גרעסטע, איז אַ זוכן פון אַן אמת, אַן עטאַפּ, אַ דערנענטערונג צום אמת, וואָס איז אין דער אמתן אפשר גאָר אין דעם קאָנקרעטן זין — גאָר נישטאָ.

קונסט דערציט און אַנטוויקלט אונדזערע געפילן. קונסט גרייט צו אונדזערע עמאָציעס און אונדזער אויפנאַם־קראַפט פאַר די דערשיינונגען פון לעבן, דאָס לעבן איז פול מיט ווונדער, און נאָר דער, וואָס איז דער־צויגן דורך קונסט קאָן דעם ווונדער דערפילן און באַנעמען.

*

זון און ליכט, האַרמאָניע און קלאַנגען, קאָלאָריט און פאַרבן, אומע־טום — שיינקייט, אומעטום — הערלעכקייט. גיי אַרום און הער און זע און געניס! ס׳איז דיר וויניק אין דער נאַטור, — גיי צו אַן אויסשטעלונג און געניס פון געזאַמלטער שיינקייט. דער קינסטלער האָט דאָס אַלץ פאַר דיר אויפגעזאַמלט און אָפּגעהיט, כדי דו זאָלסט געניסן. דער קינסטלער! ער האָט ניט נאָר אין פאַרב פאַרוואַנדלט די שיינקייט פון דער נאַטור און קאָנדענסירט זי אויף אַ לייוונט. ער האָט דורך וואָרט און דורך קלאַנג און דורך זשעסט געגעבן אויך די שיינקייט פון איר נשמה. די נשמה פון דער נאַטור!

*

איך טראַכט וועגן קונסט. ווידערשפּרוך נאָך ווידערשפּרוך. די קונסט געבערט, וועקט אויף צום לעבן און באַוועגונג. קונסט איז די לעבעדיקע נשמה פון זאַכן. קונסט איז דער אויפברויז פון קאַמף, דער ציטער פון פאַרגליווערטע וועלטן. אין קונסט איז פאַרגליווערט לעבן. אַ נשמה, וואָס איז טויט, אַ פאַנטאַזיע, וואָס געשטאַלטיקט זיך אין גליווער, ענערגיע, וואָס וויל זיך אומקערן צום תוך, צום אייביקן.

*

מ׳האָט אונדז געלערנט, אַז לעבן איז אַ קונסט, עס לאָזט זיך פאַר־

שענערן און דערהייבן. עס לאָזט זיך פאַרמירן, באַרייכערן זיך אין פאַרבן, אין זין, אין אינהאַלט. דאָס לעבן איז פול מיט באַגייסטערונג, עקסטאַטיש־קייט און זין. און עס איז דערפאַר אפשר די העכסטע קונסט. נאָך מער — עס איז אַ וווּנדער, וואָס איז פונקט אַזוי ווייניק דערקלערבאַר — ווי גאָט. יעדעס לעבעדיקע וועזן איז אַ וווּנדער, און דער מענטש — דער גרעסטער וווּנדער פון לעבן. די נאַטור האָט יעדן לעבעדיקן וועזן באַשאָנקען מיט אַ באַזונדערע שיינקייט, אָבער די גרעסטע שיינקייט אין יעדן וועזן איז — דאָס לעבן.

דער שרייבער, דער אמתער שרייבער, איז דער, וואָס ניט נאָר שטו־דירט ער גרינטלעך דעם מענטש און די סיטואַציעס, אין וועלכע דער מענטש לעבט אויס זיין לעבן, נאָר אין דער זעלביקער צייט — און טאָקע אין פאַרבינדונג מיט דעם מענטש און זיין אויסלעבונג — שטודירט ער פאַרזיכטיק אויך זיין אייגן לעבן. ער דאַרף קענען אַנדערע, אָבער ער דאַרף קענען זיך נאָך מער. ער קען ניט און טאָר זיך ניט פאַרגינען צו שטיין אָפּגעזונדערט און אָביעקטיוו צוקוקן זיך צום לעבן פון אַ צווייטן. ער דאַרף זיין, ער מוז זיין פאַראינטערעסירט אין יענעמס לעבן הויפּט־זעכלעך צוליב זיך אַליין, צוליב זיין אייגענעם לעבן. מיט אַנדערע ווער־טער — ער דאַרף זיין פאַראינטערעסירט און טראָגן אַן אידעע, וואָס זאָל אַנטפּלעקן און דערהייבן דעם אייגענעם אמת.

*

אַ שרייבער איז ניט קיין פרייער מענטש. ער איז געבונדן דורך זיך אַליין. ער קוקט אויף אַנדערע, שטודירט, קריטיקירט, ליבט און פאַר־דאַמט אַנדערע, אָבער זיך היט ער שטרענג אָפּ און לאָזט אויף זיך ניט דורך אַפילו די קלענסטע פגימהלע. אַ שטענדיקער קריטיקער און דערצו אַ שטרענגער, איז פאַר זיך אַליין דער שרייבער. וואָס ער זאָל ניט טאָן — ליבן, ליידן, באַוווּנדערן, אומעטום באַגלייט אים אַ שטראָפנדיק אויג, אַ רחמנותלאָז אויג — זיין אינערלעך אויג.

*

עס ווילט זיך מירריידן וועגן מוזיק, וועגן דער קונסט, וואָס דריקט

זיך אויס אין קלאַנג, אין אַן אומענדלעכער וואַראַירונג פון קלאַנגען — וואָקאַלע און אינסטרומענטאַלע, וואָס פילט אַן און באַגלייט דאָס מענטש־לעכע לעבן פון כמעט דעם ערשטן טאָג פון געבורט ביזן טויט, פון דעם ערשטן וויג־ליד ביז דעם לוויה־מאַרש. די ווירקונג פון מוזיק, וואָס ווירקט אַזוי מאַגיש אויף דער פּערזענלעכקייט פונעם מענטש, די ווירקונג, וואָס באַפרייט די אינדיווידואַליטעט פון אַלע פּענטעס און רייסט זי אַוועק אין אַ וועלט פון געניס, טיילט זי אָפּ פון אַלץ, וואָס איז רעאַל, און מיט יעדן נערוו, מיט יעדן האַרץ־קלאַפּ, מיט יעדן אָטעם פאַרבינדט זי אים מיט שיינקייט און גענוס. און דער גרעסטער ווונדער איז דאָ די וואַריאַציעס פון די אינסטרומענטן. אַלע אינסטרומענטן קאָנען אויסדריקן די זעלביקע מעלאָדיע, לויט באַשטימטע טעכנישע געזעצן, און דאָך ווי אַנדערש יעדער אינסטרומענט דריקט אויס דעם קלאַנג! אַן אָבאָי און אַ טרומפּייט, אַ פליים און אַ גיטאַרע, אַ פידל און אַ האַרפּע.

*

מיר ווילט זיך ריידן וועגן מאַלעריי — וועגן דער קונסט פון פאַרב, פון ליכט און פון שאָטן, פון קאָנטורן און שטריכן. אַ מענטש זוכט אויס־דרוק. אַ מענטש וויל זיך געפינען אין דעם לעבן פון קאָלירן. אינדיאַנער, אַמעריקאַנער. און פּערסיער פון אַלטע צייטן און מעקסיקאַנער, פּרימיטי־ווע אַזיאַטן און פּרימיטיווע אַמעריקאַנער האָבן נאָך אין די ווייטסטע צייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט געזוכט זייער אויסדרוק אין פאַרב. ס'איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן די ציוויליזאַציע פון באַוווסטזיין, ס'איז נאָך ניט אַנטדעקט געוואָרן דער וועג פון עמפּירישן דענקען און די צילבאַוווסט־קייט פונעם מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט, — אָבער פאַרבן האָבן שוין געערעדט זייער ווונדערלעכע שפּראַך פון שיינקייט און גענוס, און שטריכן, קאָנטורן און סקולפּטורן און מאָזאַיִק — האָבן פאַרמירט לעבעדיקע ווערטן אינעם מענטשלעכן לעבן. אַ מענטש האָט געמוזט געפינען אַן אויסדרוק און פאַרבינדן דעם אוסדרוק מיט די עמאָציעס פון אַ צווייטן. אָבער ווי שטאַרקער נאָך און ווי קרעאַטיווער דער כוח פונעם קינסטלער קאָן ווערן, ווען איבערן קינסטלער געוועלטיקט דערצו דער קלאָרער באַוווסטזיין און די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג! אַפילו די קירכע האָט אין

איר אויפבלי באַשאַפן גרויסע טאַלאַנטן, וואָס זייער כוח איז געבליבן לעבן אין לאַנגע קייטן פון דורות. און וויפל נייע קרעאַטיווע כוחות עס קאָנען געבוירן ווערן און קומען צום אויסדרוק אין אונדזער צייט, אין אַ צייט, ווען דאָס לעבן בליט זיך פונאַנדער אין מיריאַדן קאָלירן און בעט זיך אויסגעדריקט צו ווערן, אין אַ צייט, ווען די וועלט איז גרייט אויפצונעמען נייע רעגונגען. דער היינטיקער גענימער איז אַ בעסערער אויפנעמער, און אויף אַזוי פיל בעסער דאַרף זיין אויך דער, וואָס גיט די קונסט. אַפּאַטיע געבערט אַפּאַטיע. באַוועגונג — באַשאַפט וואַקסנדיקע באַוועגונג.

*

מ׳באַקלאָגט זיך שטאַרק, וואָס די מאָדערנע פּאָעזיע איז שווער צו פאַרשטיין. און דאָס, וואָס אין איר ווערט פאַרשטאַנען, ווערט צוגעשריבן ניט צו די גרויסע מאַסן לייענער, נאָר צו אויסדערוויילטע „ספּעציאַליסטן״ — צו אַ באַגרענעצטער צאָל דיכטער און קריטיקער, וואָס „מוזן״ פאַרשטיין, — צי זיי פאַרשטייען טאַקע, צי ניט... ס׳איז אַפילו דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מ׳האָט גענומען אָפּשאַצן פּאָעזיע אויף אַ מאָדנעם, ניט אין גאַנצן קלאָרן- אופן: וואָס ווייניקער פאַרשטענדלעך אַ ליד איז — אַלץ העכער ווערט עס געשאַצט אין די קרייזן פון קינסטלער. דאָס הייסט, אַז אַ ליד ווערט ניט געשאַצט לויט דער מאָס פון עסטעטישן גענוס, וואָס עס גיט, נאָר פאַרקערט, ווו עסטעטישער גענוס ווערט אַנטפּלעקט אין אַ גרע־סערער פּראָפּאָרץ און דערגרייכט גרעסערע אויפנאַם־פּראָפּאָרצן, ווערט עס איצט פאַררעכנט ווי אַ מינוס. ווו דער עסטעטישער גענוס ווערט גע־געבן אין קלענערער פּראָפּאָרץ און קלענערע אויפנאַם־פּראָפּאָרצן, ווערט עס פאַררעכנט ווי אַ פּלוס. אַזוי אַרום ווערט ביסלעכווייז דער ציל פון דער מאָדערנער פּאָעזיע — איינצושרומפּן, ווערן די דערגרייכונג און דער עסטעטישער ווערט — פון געציילטע און אויסדערוויילטע. פאַר מיר אַליין דאַרף יעדעס קונסט־ווערק זיין אַן אַנטפּלעקונג, פריער פון אַלץ — אין זיך אַליין, און נאָך דעם — אַנטפּלעקן. עפּענען טירן צום פאַרבאָרגענעם, סודותדיקן און אומפאַרשטענדלעכן. און ניט פאַרקערט — פאַרבאָרגן נאָך מער, סודותדיקער מאַכן נאָך מער, און דאָס פאַרשטענדלעכע מאַכן נאָך אומפאַרשטענדלעכער.

*

קונסט וואָרצלט אין פאָלק. די סאַמע ווילדסטע פעלקער אַפילו האָבן שוין געוווּסט ווי צו שאַפן קונסט־פאָרמען און ווי צו געניסן פון זיי. דאָס קינסטלערישע וואָרט ביים פּרימיטיוון מענטש איז געווען — דאָס סאַמע פּשוטסטע וואָרט. און ווי אויפן געביט פון וואָרט — אַזוי אין אַלע צווייגן פון קינסטלערישער שעפערישקייט — פּשטות, דורך די סאַמע פּשוטסטע פאָרמען איז דער קינסטלער געקומען צו דער אַנטפּלעקונג פון שיינקייט, זוניקייט און פרייד פון לעבן. קונסט איז פאַרן פּרימיטיוון מענטש געווען ווי איינע פון די פונקציעס פון זיין לעבן. ער האָט אָן דעם ניט געקאָנט אויסקומען. אין רעליגיעזן, היימישן, סביבהשן לעבן — אומעטום איז ער געקומען צום אויסדרוק דורך קינסטלערישע פאָרמען. אַפילו אויף יאַגד, שוין אָפּגערעדט — אויף מלחמה — איז ער געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון קינסטלערישע פאָרמען. אויף אַזוי פיל איז די קונסט פאַרבונדן מיטן פּרימיטיוון מענטש, אַז אין פאַרגלייך מיט אונדז, ציוויליזירטע מענטשן, וואָס פאַררעכענען די קונסט, ווי אַ לוקסוס — קאָן מען זאָגן, אַז דער פּרי־מיטיווער מענטש האָט דורכגעלעבט די קונסט, ווי אַ לעבנס־פונקציע. און אָן איר וואָלט גאָר זיין לעבן קיין לעבן ניט געווען.

*

ס'איז ניטאָ קיין קונסט און קיין קונסט־ווערק, וואָס זאָל ניט וואָרצ־לען אין לעבן. אַפילו סימבאָלישע ווערק מוזן זיך האַלטן אויף די פונדאַ־מענטאַלע אמתן פונעם לעבן, אין דער לעבעדיקער דערפאַרונג פון מענ־טשלעכן לעבן אויף דער וועלט. די צוויי עסענציעלע אייגנשאַפטן פון אַ קונסט־ווערק איז דער סינטעז פון דעם רעאַלן אמת מיטן כוח פון פאָר־שטעלונג, פון פאַנטאַזיע, וואָס זי אויך וואָרצלט אין די גרענעצן פון רעאַליזם און דערפאַרונג. דערפאַר איז קונסט אין איר העכסטער מאַני־פעסטאַציע, ווען זי וואַקסט אַרויס פון דער ווירקלעכקייט פון מענטשלעכע, גייסטיקע און פיזישע דערפאַרונגען.

*

וועגן דעם, צי אַ שרייבער דאַרף האָבן ספּעציעלן וויסן, ספּעציעלע

לעבנס־דערפאַרונגען, כדי צו געבן פולער דאָס לעבן אין זיינע ווערק. דער אמת איז — קענען דאָס לעבן קאָן אַ מאָל אַ דורכשניטלעכער מענטש מער פאַרן שרייבער. אַ מאָל דורך דערפאַרונג און אַ מאָל דורך אַן איינגעבוירענעם חוש. דערפאַר האָט אָבער דער שרייבער דעם פאָרצוג צו האָבן פאַרשטעלונגס־קראַפט, וואָס איז, גאַנץ אָפט, וויכטיקער פון דערפאַרונג. און דערפאַרונג אין איינעם מיט פאַרשטעלונגס־קראַפט, דאָס איז דער אמתער כוח ביים באַשאַפן גרויסע ווערק. און נאָך עפּעס — קענען דעם מענטש. ווייל ד ע ר מ ע נ ט ש איז דער הויפּט־שטראָם פון לעבן — פון איצטיקן, פאַרגאַנגענעם און קומענדיקן. אַלץ קומט פונעם מענטש — צו דעם מענטש איבערן מענטש. דער מענטש איז אַלץ, און אַלץ איז צוליבן מענטש. אַ קינד ווערט געבוירן, אַ קינד איז קראַנק. אַ יונגערמאַן ליבט, אַן אַרבעטער אַרבעט, קעמפט, שאַפט. אַ פאַמיליע פאַרצווייגט זיך, אַ געזעלשאַפט פאַרמירט זיך — אַלץ איז פונעם מענטש.

דאַרף מען אים געבן — אין זיין פאַלן און אין זיין אויפשטייג. דער מענטש אין זיין לעבן — דאָס איז דער קוואַל פון אַלע קונסטן.

די קונסט פון וואָרט

ווען אַ קאָמפּאָזיטאָר פאַרפאַסט אַ סימפאָנישע קאָמפּאָזיציע, נוצט ער נאָטן־סימבאָלן, ווי דער שרייבער — די ווערטער־סימבאָלן, אָבער שרייבנדיק נעמט ער אַריין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון אָרקעסטראַציע. ער זעט (און הערט) פאַר זיך אַ גאַנצן אָרקעסטער מיט צענדליקער מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָס העלפן אים קומען צום אויסדרוק. צענדליקער עמפּינדלעכע מענטשן, באַוואָפנט מיט די פיינסטע אינסטרומענטן אַרבעטן, רעפּעטירן, פאַרפולקאָמען זיך אין דער גרויסער אויפגאַבע פון ברענגען אַ קונסט־ווערק. אַ מאָלער באַנוצט צענדליקער פאַרבן־קאָמבינאַציעס און „טענער״, ליכט און שאָטן, לייוונט, פענדזל, פּאַליטרע אאַ״וו, און די נאַטור אַליין, וואָס העלפט אים ברענגען זיין אויסדרוק. אַזוי איז כמעט אויף יעדן קונסט־געביט: אַ סך פיזישע און גייסטיקע מאַטעריאַלן (אַזוי צו זאָגן) שפּילן צוזאַמען, כדי דאָס ווערק זאָל אַרויס אין זיין גאַנצקייט.

אָבער דער קינסטלער פון וואָרט — ער מוז שאַפן אַלץ אַליין דורך דעם מעדיום פון וואָרט, און וואָס זיינען ווערטער? אַ צוזאַמענקלייב פון פּשוטע געברויך־מיטלען פון טאָג־טעגלעכן לעבן. יעדעס וואָרט קאָן צעוואָרפן ווערן אויף טויזנטער געביטן פון ביליקער פּראַקטישער טאָג־טעגלעכקייט. זיי זיינען רויער מאַטעריאַל, וועלכן מ׳קאָן ניט ענדערן, פאַרשענערן און פאַרבעסערן. דער וואָרט־קינסטלער קאָן נאָר אויסשטעלן זיי אין אַן אַנדער אָרדענונג — און דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס ער קאָן טאָן, כדי פון פּשוטע „טייטשונגען״ פון ווערטער אויפשטעלן אַ נייע זאַך. די אָרדענונג און דער געמיט און א י ד י י ע פונעם שרייבער — דאָס זיינען די איינציקע עלעמענטן, וואָס שפּילן די הויפּט־ראָל. ווערטער,

געוויינלעכע פּראָזאַישע ווערטער, אויסגעשטעלטע לויטן געמיט פונעם שאַפער און אין אַ געוויסער אָרדענונג, ווערן פאַרוואַנדלט, ווערן אויפגע־לעבט מיט אַ נייעם „טייטש" און די פּראָזעאָלאָגיע — אין אַ נייעם אינהאַלט און באַדייטונג.

*

ס'איז ניט קיין לייכטע זאַך צו באַזוכן אַ מוזיי און וואַנדערן פון איין מאַלעריי צו אַן אַנדערער, פון איין סקולפּטור צו אַ צווייטער. יעדער באַזוכער, וואָס שפּאַנט אַזוי פון איינדרוק צו איינדרוק, פון איין קינסטלער צו אַ צווייטן, צו אַ דריטן און צו אַ צענטן, וואַרפנדיק זיך פון איין „שול" צו אַ צווייטער שול און אַפילו פון איין תקופה צו אַ צווייטער און דריטער — גייט אַרויס אַן אויסגעמאַטערטער, אַ צעטומלטער און עפּעס אַ ביטל באַפרידיקטער. ער קאָן זיך, מיט שווערקייט, אַרויספּלאָנטערן פונעם כאַאָס פון איינדרוקן, פון איינדרוקן אויף איינדרוקן. אין מערסטע פאַלן איז עס אַן עקספּעדיציע אין אַ לאַבירינט פון איינדרוקן, וואָס איינער לעשט אויס דאָס אַנדערע. עס בלייבט ווייניק: עס בלייבט דער מוזיי אין אַלגעמיין — אָבער די קונסט־ווערק, ווי באַזונדערע ווערק, בלייבן ווי אין אַ נעפּל. דערצו האָט נאָך אַ מוזיי אַזוי פיל דעפּאַרטאַמענטן פון „אַלטוואַרגס"־אַלטערטימלעכקייטן.

אַנדערש איז עס מיט אַ בוך. אַ מענטש לייענט ניט מיט איין מאָל קיין סך ביכער. ער קאָן ניט לייענען אַפילו צוויי ביכער מיט אַ מאָל. ער מוז איבערלייענען אַ בוך פון אָנהויב ביזן סוף און פאַרבלייבן מיטן בוך פון אָנהויב ביזן סוף, לעבן אין דעם געמיט פונעם שרייבער, לעבן מיט זיינע העלדן אין אינטימער אויסלעבונג אַ לאַנגע צייט — ניט מינוטן און ניט שעהן, נאָר טעג. דאָס בוך און זיין שרייבער ווערן אים אינטים איינגעבאַקן אין האַרצן. עס שאַפט זיך אַ דויערנדיקער איינדרוק. מוזיק איז אויך אַ קונסט, וואָס דער הערער מוז אוועקגעבן אַ היפּשע צייט אויסצוהערן אַ גאַנצע קאָמפּאָזיציע. זעלטן ווען אַ גוטער אָרקעסטער שפּילט מער ווי צוויי־דריי אָדער פינף זאַכן. דערפאַר איז אפשר מוזיק אויך אַ סך אינטימער, ווי די קונסט־ווערק. זי איז געוואָרן דער אינטימער אויסדרוק פון איר צוהערער אין דער צייט, ווען אַפילו די גאַר גרויסע מאַלערייען

זיינען אינטים — נאָענט בלויז דעם „ספּעציאַליסט״־אָפּשאַצער, דעם קאָנאַסיאָר, אַזוי צו זאָגן.

*

צו שרייבן אַ ווערק דאַרף מען קומען צו די כאַראַקטערן מיט אַן אייגענער מאָס הומאָר, אַ הומאָר־דערפאַרונג און אָבסערוואַציע. דאָס איז די הויפּט־זאַך. אָבער פריער דאַרף זיין די אידייע. מיט אָט די צוויי מיטלען קאָן ערשט באַשאַפן ווערן אַ ווערק. און דאָס איז דער אלף־בית.

*

מ׳קאָן ניט קומען און זאָגן, אַז קונסט דאַרף זיין אַזוי אָדער אַנדערש. קונסט וואַריאירט זיך. זי קאָן זיך אויסדריקן אין שטילקייט און אין געטומל. זי קאָן זיך אויסדריקן אין פרייד און אין צער. זי קאָן זיך אויסדרוקן אין קאָמפּלעט פון אידייען. אויך די פאָרמען אירע זיינען וואַריאירט. פּונקט ווי פון די דרייסיק טענער, וואָס אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט קאָן אויסדריקן, קאָן מען שאַפן מיליאָנען פאַרשיידענע מעלאָדיעס און קאָנצענטרירן זיי אין אַ קייט פון אומענדלעכע סימפאָניעס — אַזוי קאָן מען מיט די פּאָר שטימונגען פון אַ מענטשן שאַפן מיליאָנען פאָרמען פון אויסדרוק — סיי אין וואָרט, סיי אין פאַרב, סיי אין ליים. דאָס קאָן אויך איינגעטיילט און וואַריאירט ווערן. עס קאָן אויסגעדריקט ווערן אין מאָדערניזירטע פאָרמען און אין אַלטע אַקאַדעמישע פאָרמען. עס איז ניטאָ קיין סוף אין דער קונסט, ווי ס׳איז ניטאָ קיין סוף צום אוניווערס. ס׳איז אַן אומענדלעכע קייט, וואָס קאָן אַרומוויקלען וועלט און אומענדלעכקייטן.

*

ווו ענדיקט זיך מייסטערשאַפט און ווו הייבט זיך אָן סטיל? מייסטערשאַפט און סטיל זיינען אומצעטיילבאַר. זיי זיינען ווי צוויי זייטן פון דער זעלביקער מטבע מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין אַ מטבע איז דאָ די אָפּגעגרענעצטקייט פון באַזונדערער בילדלעכקייט, און דאָ זענען ביידע אויסדרוקן — איין אויסדרוק.

פאָרם און אינהאַלט

פאַראַן אַ סך שרייבער און אַפילו אַ סך קריטיקער, וואָס מיינען, אַז די פראַגע פון פאָרם גרענעצט זיך בלויז מיט דעם גראַד פערפעקטקייט פונעם שרייבערישן מעטאָד, מיט דער גוטער אַרבעט, מיט וועלכער אַ ווערק איז „אָפּגעטאָקט״: דעם זעלביקן טעות מאַכן אַפילו די, וואָס ווייסן, אַז עס קאָן ניט זיין קיין שום אינהאַלט אָן פאָרם. העגעל האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „עס איז ניטאָ קיין פאָרמלאָזער אינהאַלט, פונקט ווי עס איז ניטאָ קיין פאָרמלאָזע מאַטעריע״.

*

אין דער פּאָעזיע, וואָס איז באַרופן צו געבן אַ סך אינהאַלט, גאַנץ אָפט אין עטלעכע שורות, זיינען פאַראַן גאַנצע קאָמפּלעקסן פון ריטמישע קאָמפּאָזיטאָרישע, לעקסישע, אינטאָנאַציש און קלאַנגען־וואַריאַציעס, וואָס לויט זייער פאָרם גיבן זיי דעם ווערק גאַנץ אָפט ניט ווייניקער אויסדרוק, ווי דער גאַנצער אינהאַלט קאָן דערציילן. די גאַנצע סטרוקטור פון פּאָעטישן אויסדרוק איז אָפּהענגיק פון דער מעלאָדיק, סטיל, ריטם, גראַם, מעטריק און אַפילו פון פּונקטואַציע.

*

די אויפריכטיקסטע דערציילונג קאָן קלינגען ווייניק איבערצייגנדיק, און אַפילו ווידערשפּרעכנדיק, אויב דער אינהאַלט איז ניט אַריינגעפּאַסט אין דער פּאַסיקער פאָרם. זייער פיל פון די אויפריכטיקסטע לידער פונעם פּאָליטישן דיכטער, אָדער פונעם פּראָלעטאַרישן דיכטער זיינען פאַרלאָרן

געגאַנגען פאַר דער פּאָעזיע נאָר דערפאַר, ווייל עס האָט געפעלט דער סינטעז צווישן דעם אינהאַלט און דער פאָרם. ס'האָט געקלונגען ווי אַ געלונגענער טראַפּאַרעט, ווייל די פאָרם איז געווען באַזונדער און דער אינהאַלט באַזונדער. עס איז געווען אַ פּאָעזיע פון איין פאָרם, פון איין געמיט, פון איין אמת, וועלכער ס'איז ווידערהאָלט געוואָרן ביז דער אייגענער אַפּליקענונג. טרויאיזמען האָט מען געוואָלט דערהויבן ביז אַ קולט. אָבער טרויאיזם האָט גאָרניט צו טאָן מיט אָריגינאַליטעט.

פון דער צווייטער זייט — דאָס אַלץ ווערט בשום אופן ניט געזאָגט, כדי די זוכעניש פון פאָרם זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מין שיכרות, אין אַ פאָרמאַליזם־עפּידעמיע. פאָרם צוליב פאָרם זוכט זיך אַלע מאָל אויסצולייִדיקן פונעם אינהאַלט און פון דער צוועקמעסיקייט פון יעדן ווערק, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די פאָרם־מייסטערשאַפט אין זיך אַליין.

*

וואָס זוכט דער מענטש אין קונסט? וואָס זוכט ער אין פּאָעזיע, אין פּראָזע, אין די פּלאַסטישע קונסטן? ער זוכט לעבן! ער זוכטווירקלעכקייט און ער זוכט ראָמאַנטישקייט, וויזיע, שיינקייט, סענטימענט און אַ רעאַלקייט, וואָס איז באַהויכט מיט חלום. אָבער אָט די אַלע זאַכן קאָן מען ניט געפינען פאַרטיקערהייט, אויבן־אויף, קאַטאַלאָגירט, צוגעגרייט אַזוי, אַז ער זאָל צוקומען און נעמען. ווי דער קינסטלער זוכט און מאַכט דורך אַלערליי שטרויכלונגען, גייט דורך דורך אַלערליי לײַדן און געראַנגלען צוצוקומען צו די קוואַלן פון זיין קונסט, פּונקט אין אַזאַ מאָס דאַרף דער קונסט־געברויכער דערגיין דורך שולונג, לעבנס־דערפאַרונג, דורך פאַרטיפונג, ביז ער קאָן באַנעמען די ווערטן פון קונסט, ביז ער לערנט זיך אויס אונטערצושיידן צווישן עכטער קונסט און ביליקער אימיטאַציע. ערשט ווען ער לערנט זיך אויס צו באַנעמען קונסט, קאָן ער הנאה האָבן פון אַ קונסט־ווערק, און אויך געפינען אין אים די סודות פון לעבן מיטן גאַנצן קאַלירפולן קאָמפּלעקס פון געוועבן, ניואַנסן פון רעאַלן און אויסגעטראַכטן, פון ווירקלעכקייט.

*

אין די שטורעמדיקע צייטן, וואָס מיר לעבן, האָבן די קינסטלער אַ

טענדענץ אויסצודריקן זיך אין מגושמדיקע פאָרמען. די כּאַאָטישקייט פונעם אַרומיקן לעבן שאַפט אין זיי אַ דראַנג צו כּאַאָטישע פאָרמען. דאָס, וואָס זיי האָבן אַ מאָל אָנגערופן אמת און שיינקייט, טרעט אָפּ אָן אַ זייט און זייער אָרט פאַרנעמט דאָס קעגנגעזעצטע. פאָרמלאָזיקייט ווערט אַ קולט. אָרדענונגלאָזיקייט, ווילדע פּראָפּאָרציעס ווערט דער אויסדרוק און דער אָפּרוף אויף אָרדענונגלאָזיקייט און דיסהאַרמאָניע אין לעבן. דער קינסטלער זאָגט צו זיך: ס'זיינען אַנדערע צייטן — מוז אויך איך ווערן אַנדערש. עס הערשט צעטומלעניש, דאַרף איך אויסדריקן צעטומלעניש. עס קומען פאָר רעוואָלוציעס אין די וויסנשאַפטן, אין פּאָליטיק, אין עקאָנאָמיק, אין די מאָראַלע באַגריפן. אַלץ ענדערט זיך. איך מוז גיין מיט דער צייט. און ער וויל אָריינשפּרינגען אין די נייע קונסט־פאָרמען, ווי איינער שפּרינגט פון איין בעט אינעם צווייטן. ער ווערט אָן „אַנדערער". אָבער קיין רעוואָלוציע איז ניט ספּאָנטאַן, אַפילו ווען זי קומט אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן. די רעוואָלוציע יורשט לאַנגע יאָרן אין דער טיפעניש פון לעבן. זי ווערט געבאָרן, וואַקסט, און אַנטוויקלט זיך און עס נעמט אַ לאַנגע צייט ביז זי ווערט רייף. יעדע רעוואָלוציע אין דער וויסנשאַפט איז אַ רעזולטאַט פון בהדרגהדיקע אַנטוויקלונגען. גרויסע דערגרייכונגען און נייע קונסט־פאָרמען זיינען אויך א רעזולטאַט פון בהדרגהדיקער אַרבעט פון דורות. ראָדען איז ניי, אָבער זיין „נייקייט" האַלט זיך אויף די פונדאַמענטן פון וווקס, וואָס די סקולפּטור האָט דורכגעמאַכט דורך די דורות פאַר אים. איניקע קינסטלער גייען איבער אַפילו צו דעם אַבסורד, צו דעם פולן קעגנזאַץ פון אַבסאָלוטער שיינקייט צו אַבסאָלוטער מיאוסקייט.

*

אָבער וואָס איז „שיינקייט?" און וואָס איז „אומשיינקייט"? עסטעטיקער און פילאָזאָפן, קינסטלער און קריטיקער האָבן טויזנטער יאָרן ניט אויפגעהערט צו זוכן אַ דעפיניציע פאַר דעם, פונקט אַזוי ווי זיי האָבן פּרובירט צו דעפינירן אמת און האָבן עס קיין מאָל ניט דערגרייכט. נאָך מער, קונסט אַליין איז נאָך ניט דעפינירט געוואָרן ניט דורך עסטעטיקער און ניט דורך די קינסטלער אַליין. מ'ווייס בלויז איין זאַך, אַז אַ קונסט־ווערק איז „שיין", „אמתדיק", ווען עס איז געמאָלן, אָדער

פאַרפאַסט (געשאַפן) מיטן עכטן גייסט פון שעפערישקייט, מיטן פייער פון טאַלאַנט.

פונדעסטוועגן האָבן אַלע שאַפנדיקע כוחות דורך הונדערטער יאָרן ניט אויפגעהערט צו זוכן אַ דעפיניציע פאַר שיינקייט. זיי האָבן זי אָנגע־טאָן אין דעם פילאָזאָפיש־סימבאָלישן לבוש פון עסטעטיק — און דורך דעם געגעבן אַ מעגלעכקייט אויסצוּוועבן אַ גאַנצע פילאָזאָפיע, וואָס האָט ניט קלאָרער געמאַכט דעם ענין, נאָר פאַרקערט, פאַרפּלאָנטערט און פאַרטונקלט.

איך וועל דאָ פּרובירן געבן ביישפּילן.

1. עס איז אָנגענומען, אַז אַלץ וואָס שטאַמט אָפּ פון געפיל, איז פאַרבונדן מיטן עסטעטישן. באָומגאַרטען, דער דייטשישער דענקער און דער באַגרינדער פון עסטעטיק, טיילט איין די העכערע דערקענטע־נישן פון שיינקייט אויף אַזאַ אופן: אויב אמת איז די אַבסאָלוטע דערקענ־טעניש פון געדאַנק, און אויב גוטסקייט איז די אַבסאָלוטע דערקענטעניש פון מאָראַלישן ווילן, איז שיינקייט די אַבסאָלוטע דערקענטעניש פון געפיל, פון אַ געפיל, וואָס וועקט אויף, פון איין זייט, אַ פאַרלאַנג צו געפעלן און, פון דער צווייטער — צו וועקן פאַרלאַנגען. לויט זיין מיינונג, איז די העכערע שיינקייט פאַרווירקלעכט אין דער נאַטור. דעריבער איז די אויפגאַבע פונעם קינסטלער צו קאָפּירן די נאַטור.

2. זולצער און משה מענדעלסאָן זאָגן, אַז שיינקייט איז דאָס, וואָס אַנטהאַלט אין זיך גוטסקייט, וואָס דינט דעם געפיל פון אמת און גוטסקייט. דעריבער איז דער ציל פון קונסט צו גרייכן העכערע מאָראַלע פּערפעקט־קייט.

ווינקעלמאַן, פאַרקערט, זאָגט, אַז שיינקייט איז אינגאַנצן אומאָפּ־הענגיק פון גוטסקייט און אמת. שיינקייט באַשטייט פון דריי סאָרטן: 1. — שיינקייט פון פאָרם, 2. — שיינקייט פון דער אידייע, וואָס דריקט זיך אויס אין דער פאָרם; 3. — שיינקייט פון אויסדרוק.

די גרעסטע צאָל פראַנצויזישע, ענגלישע און איטאַליענישע עסטע־טיקער זאָגן, אַז שיינקייט איז אַלץ, וואָס גיט אונדז פאַרגעניגן. אויך שילער און קאַנט זאָגן, למשל, אַז דער ציל פון קונסט איז שיינקייט, דער קוואַל פון וועלכער איז פאַרגעניגן אָן דער פּראַקטישער נוצלעכקייט.

וועגן היינטצייטיקן און היסטאָרישן ראָמאַן

דער דורכשניטלעכער פּראָזע־שרייבער האָט זיך ווייניק וועגן פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס דער ראָמאַן איז, אָדער וואָס ער דאַרף זיין און אַפילו — ווי אַזוי אַ ראָמאַן דאַרף געשריבן ווערן. פון פרעמדער דערפאַרונג און פון אייגענער — און נאָך מער פון די אָנגעזאַמלטע ליטעראַרישע אוצרות — ווייסט דער פּראָזאַיִקער, אין אַלגעמיינע שטריכן, וואָס אַ ראָמאַן דאַרף זיין און ווי ער דאַרף געשריבן ווערן. דאָס גאַנצע „וויסן" רעדוצירט זיך געוויינטלעך צו עטלעכע מער דרויסנדיקע פאָרמען. עס איז אָנגענומען, אַז דער ראָמאַן דאַרף אומבאַדינגט זיין אַ גרעסער ווערק לויטן פאָרמאַט. עס איז אויך אָנגענומען, אַז די געשעענישן, וואָס ווערן אין אים געשילדערט, ווערט געגעבן פיל אויפמערקזאַמקייט, אַזוי, אַז יעדער דעטאַל, און וואָס מער דעטאַלן — אַלץ בעסער — דינט דער הויפּט־טענדענץ: — וואָס קלאָרער און וואָס פולער אַרויסצוברענגען דעם כאַראַקטער פון דער געשעעניש (אָדער געשעענישן) און אויך די העלדן, וואָס רופן אַרויס און באַשטימען אָט די געשעענישן. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דעם ראָמאַן צו אַ זעלבשטענדיקער פאָרם אין דער ליטעראַטור, אָפּטיילנדיק אים פון דער קלענערער נאָוועלע און פון דער קורצער דערציילונג, וועלכע וואַריאירט אָפּט צווישן עסקיז, עטיוד, בילד און פאַרצייכענונג. דער ראָמאַן איז דעריבער פאַר אַ סך שרייבער געווען ניט מער ווי אַן אויסגעברייטערטע, פאַרגרעסערטע, פּינקטלעכערע פאָרם פון אַ דערציילונג, אָדער אַ ריי דערציילונגען וועגן איין געשעעניש.

לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלייבן גענויער, וואָס זיינען געווען די אינער־

לעכסטע מעגלעכקייטן פון דעם ראָמאַן אין זיין אויפבלי־פּעריאָד — אין משך פון דעם 19־טן יאָרהונדערט.

דער ראָמאַן איז געקומען אינאיינעם מיט דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. ער האָט געבליט מיט איר אויפבלי. ער האָט זיך פאַרשפּרייט מיט איר פאַרשפּרייטונג אין אַלע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע. ער האָט פון אָנהויב אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פונעם הערשנדיקן קלאַס. ער האָט געדינט דעם הערשנדיקן קלאַס, דערהייבנדיק די אידעאַלן פון דער בורזשואַזיע, דורך דערהויבן דעם מענטשן פון דער בורזשואַזער סביבה צו אַ באַזונדער, פאַראידעאַליזירטן אַריסטאָקראַטיזם און איר ווירקונג אויפן לעבן — צו דעם העכסטן ווערט: דער ראָמאַן האָט, צוליב זיינע ברייטע גרענעצן, אַריינגענומען אין זיך אַלע פאַזעס פון דעם לעבן, פון דער העכערער און נידעריקער בורזשואַזיע — זייער לעבן אין דער רעליגיע, אין דער קונסט, אין דער אויפקומענדיקער וויסנשאַפט און אַלע פאָרמען פון זייער סאָציאַלן און פּאָליטישן צוזאַמענלעבן. און וואָס מער באַדן ער האָט פאַר זיך געוווּנען אין דער ליטעראַטור, אַלץ ברייטער זיינען געוואָרן זיינע גרענעצן און אַלץ מער פונעם אַרומיקן לעבן האָט ער אַריינגענומען אין זיך און אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן זיין ווירקן אויפן לעבן און אויף דער ליטעראַטור, אַזוי אַז אינעם אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט דער ראָמאַן אָנגעהויבן צו שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין דער ליטעראַטור. אַזוי גרויס איז געוואָרן זיין כּוח, אַז ער האָט זיך ביסלעכוויַיז באַפרייט פון אַ סך פּענטעס, אין וועלכע ס'האָבן אים געוואָלט איינצאַמען די אַפּאָסטאָלן פון דער בורזשואַזער אַריסטאָקראַטיע, און איז געוואָרן אַ ברייטע אַרענע פאַר אַלערליי אָפענע קאַמפן. און לעבנס־שטרעמונגען און שטרעבונגען, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן, אַרויסברענגענדיק די אומפאַרמיידלעכע ווידערשפּרוכן אינעם לעבן פון די קלאַסן. עס איז גענוג איבערצולייענען בלויז די דריי ראָמאַנען פון לעוו טאָלסטאָי — „קריג און פרידן", „אַנאַ קאַרענינאַ" און „ווידער־געבורט" און די גאַנצע ווירקלעכקייט פונעם רוסישן לעבן פון דעם גאַנצן ניינצנטן יאָרהונדערט שטייט אויף לעבעדיק פאַר די אויגן. עס איז גענוג איבערצולייענען די ראָמאַנען פון טורגעניעוון אין דער אָרדענונג פון זייער דערשיינען, און גאַנצע עפּאָכעס פון איבערברוך אין דעם

רוסישן לעבן ווערן אַנטפּלעקט אין דער גאַנצער רייכקייט פון דעם דעמאָלטיקן לעבן.

דער ראָמאַן האָט דערגרייכט זיין העכסטן אויפבלי אינעם 19־טן יאָרהונדערט. ער האָט אויפגעבליט אינאיינעם מיטן אויפבלי פון דער בורזשואַזיע, מיט דעם אויפבלי פונעם קאַפּיטאַליזם.

דער ראָמאַן לעבט איבער אַ קריזיס אין היינטיקער צייט, אין דעם אָנהויב פון צעפאַלונג פון דער בורזשואַזיע, אין אָנהויב פון דעם פאַלן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. ס'איז גענוג אָנצווייזן אויף עטלעכע מער אויסגעשפּראָכענע ביישפּילן אין דער וועלט־ליטעראַטור, באַזונדערס אויף די לענדער, ווו דער ראָמאַן האָט דערגרייכט זיין העכסטע אַנטוויקלונג — אויף פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע. דזשעימס דזשויס — אין ענגלאַנד און מאַרסעל פּרוסט — אין פראַנקרייך, דזשאָן דאָס־פּאַסאָס אין אַמעריקע — זענען די לעבעדיקסטע ביישפּילן פון דער בורזשואַזער צעפאַלונג. דורך זיי שרייען אַרויס די סאַמע עסענציעלסטע, די סאַמע וויטיקסטע פּראָבלעמען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפטלעכקייט, פון דער בורזשואַזער מאָראַל און עסטעטיק אין היינטיקער צייט. אין אַט די ווערק, מער ווי אין אַ סך אַנדערע פון דעם סאָרט, טרעטן בולט אַרויס די סימפּטאָמען פון דער קראַנקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אַט די סימפּטאָמען קאָן מען אַפילו באַמערקן, אמת, אין אַ שוואַכערער פאָרם, אין אַזעלכע ווערק ווי „דער צויבער־באַרג" פון טאָמאַס מאַן; אין די ווערק פון וואַלדאָ פראַנק, אַנדרע זשיד, ליאָן פויכטוואַנגער און אַנדערע. די אינערלעכע ווידערשפּרוכן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט האָבן זיך ניט געקאָנט ניט אָפּשפּיגלען אין דער הערשנדיקער ליטעראַרישער פאָרם, אין דעם ראָמאַן. די דעגענעראַציע פונעם בורזשואַזן לעבן ווירקט אויס איר איינפלוס, נאַטירלעך, ניט נאָר אויפן ראָמאַן אַליין. איר קראַנקער איינפלוס ווערט אויך אויסגעשפּרייט אויף אַלע פאָרמען און זשאַנערן פון דער קונסט. אָבער אינעם ראָמאַן, וואָס איז באַרופן אָפּצושפּיגלען דאָס לעבן פון דער עפּאָכע, מיט אַלע געזעלשאַפטלעכע שטרעבונגען און שטרעמונגען, מוזן די קראַנקהאַפטע ווידערשפּרוכן אין אַ שטאַרקערער פאָרם און אין אַ גרעסערער מאָס אויסגעדריקט ווערן.

*

דער ראָמאַן האָט אין אַלע צייטן און אין אַלע זיינע פאָרמען געשטרעבט צו פאַרכאַפּן אַ סך טעריטאָריע, געבן אַ סך לעבן, אָבער ניט אַלע טעריטאָריעס און ניט אַלע פאָרמען פון לעבן. וואָס וויכטיקער אַ ווערק איז, אַלץ טיפער דרינגט עס אַריין אינעם אמת. אָבער ניט אין אַלע אמתן אויף איין מאָל. עס דאַרף זיין אַ גרענעץ אין צייט און סביבה, אינעם אָפּשניט פונעם לעבן. ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער טאַלאַנט און ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער פאַרנעם פונעם ווערק, טאָר ער ניט האַנדלען מיט צו פיל מענטשן אויף איין מאָל און ניט פאַרכאַפּן צו פיל לעבן.

*

ביי אונדז רעדט מען אויך זייער ווייניק וועגן היסטאָרישע ראָמאַנען. דערפאַר זיינען טאַקע ביי אונדז אַזוי ווייניק היסטאָרישע ראָמאַנען, אויב מ׳זאָל ניט רעכענען די פּסיידאָ־היסטאָרישע ראָמאַנען, וועלכע ווערן געשריבן פון מענטשן, וואָס נעמען די טעמע פון דער געשיכטע רויערהייט און דערציילן זי איבער, געוויינלעך ערגער, דרוקן אָפּ אין טעגלעכע צייטונגען, פאַרשוואַרצן די העכסטע מאָמענטן פון דער געשיכטע א. אַ. וו. דער ראָמאַן ביי אַלע פעלקער און באַזונדערס אין אונדזער עפּאָכע איז כמעט ווי אַ שפּיגל פון דער רייכקייט פון דער ליטעראַטור בכלל. אַ היסטאָרישער ראָמאַן איז אַ שווער און קאָמפּליצירט ווערק. עס פאָדערט אַ באַזונדער מעטאָד פון קאָמפּאָזיציע און באַאַרבעטונג, אַ באַזונדערן מעטאָד פון קלאַסיפיצירונג פונעם היסטאָרישן מאַטעריאַל, זיין דאָקו־מענטאַציע, אַ באַוווסטזיניקן אָפּקליב אין אַ היינטצייטיקן אידעאָלאָגישן איינשטעל בנוגע די געשעענישן פון דער גענומענער תקופה. עס איז וויכטיק דער באַוווסטזיניקער צוגאַנג צו דער שפּראַך פון דער צייט, צו דעם אַרט־לעבן, צו דער ווירקונג פון דער סביבה, צו די סאָציאַלע, עקאָ־נאָמישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען א. אַ. וו. עס איז אַן אַרבעט ניט פאַר קיין מענטשן, וואָס נעמען זיך צו שרייבן שונד אויף דער קאַנווע פון דער געשיכטע. אַ היסטאָרישער ראָמאַן איז ניט קיין ווערק פאַר

קינסטלערישער פּאַרוויילונג, נאָר הויפּטזעכלעך — אַ ווערק פון אַ באַלערנדיקן כאַראַקטער. דער שרייבער דאַרף זיין ניט נאָר אַ קינסטלער, נאָר אויך אַ געלערנטער, וואָס קאָן זיך פּאַנאַנדערקלייבן אין היסטאָרישע פּאַקטן, צוגעבן זיי בלוט און פלייש פון דער עפּאָכע, רעסטאַווירן פּאַרן לייענער א גאַנץ בילד פון אַ פאַרגאַנגענער ערע.

*

אַ שרייבער אין דער היינטיקער עפּאָכע איז ניט נאָר אַן אָפּשפּיגלער, אַ פאַרצייכענער, אַ היסטאָריקער פון דער צייט, — ער איז אויך אַ קעמפּער, אַן אָנטיילנעמער, ער העלפט איבערבויען די געזעלשאַפט. ער העלפט פאַרמירן נייע ווערטן אין איינעם מיט דעם פּראָצעס פון איבערשאַצן די ווערטן. צילבאַוווסטקייט אין דעם איבערבוי פונעם לעבן און צילבאַוווסטקייט אינעם שאַפן — דאָס איז איינס און דאָס זעלביקע. גאַנצקייט פון לעבן — מיינט גאַנצקייט און האַרמאָניע צווישן וויסנשאַפט און קונסט, צווישן פיזישער און גייסטיקער אַרבעט. דער העלד ביי דעם היינטיקן שרייבער דאַרף זיין אַ מענטש פון קאַמף און איבערבוי פונעם לעבן, וואָס שטייט אין מיטן פון אַ גרויסער אַרבעט, אַ העלער פּראָטאָטיפּ פון טאָט.

*

די קינסטלער פון אַלע צייטן, וואָס האָבן געשריבן היסטאָרישע ראָמאַנען, האָבן זיך געהאַלטן ביי דעם קינסטלערישן אמת און האָבן ערלעך געגלייבט, אַז זיי האַלטן זיך אויך, דורך דעם, ביים היסטאָרישן אמת. אַזוי האָט געהאַלטן לעוו טאָלסטאָי און וויקטאָר הוגאָ און פרידריך שילער. דעם קאַמף פון דער גאַנצער מענטשהייט האָבן זיי, נאַטירלעך, צוגעבראַכט צום קאַמף פון דעם איינצלנעם. אָבער אָט דער איינצלנער איז אַלע מאָל געווען אַן אינדיווידועלער בונטאַר קעגן אַנגענומענע פאַרמען פון לעבן. דער העלד איז געווען אָדער דער זיגער, אָדער דער פאַרלירער. — און האָט דערביי בשום אופן ניט אויסגעדריקט אַ גאַנצע אידעישע גאַנצקייט, וואָס זאָל אויסגעטייטשט ווערן אינעם גייסט פון אַ שפּעטערדיקער עפּאָכע. די אויפגאַבע פון דעם נייעם היסטאָרישן

ראָמאַן איז צו ברענגען די געשעענישן פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע צו דער היינטיקער צייט און פאַרבינדן זיי מיט די לויפנדיקע געשעענישן, אַוועקשטעלנדיק אין פאָדערגרונט די אידעע און דעם העלד פון דער היינטיקער צייט. איבעראַרבעטן די היסטאָרישע העלדן און אי־בערטראַכטן זייער שיקזאַל און רעווידירן זייערע טאַטן אינעם ליכט פון דער לויפנדיקער געשיכטע — דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם שרייבער פונעם היסטאָרישן ראָמאַן. אַלע פאָרמען פון אויסדרוק — רעאַליסטישע אָדער ראָמאַנטישע, כראָניקאַלישע, אָדער אַפילו — מעלאָ־דראַמאַטישע פאָרמען זיינען דאָ גלייך באַרעכטיקט פאַרן קינסטלער, כל זמן זיי האַלטן אויס די נייטיקע קינסטלערישע מאָס.

*

די שיינקייט פון דער צוקונפטיקער קולטור און די גרויסקייט פון איר וועט זיך אויסדריקן אין דעם פולשטענדיקן סינטעז פון דעם גע־זעלשאַפטלעכן אידעאַל מיט דעם עסטעטישן. אַ פרייע קונסט, וואָס וועט זוכן איר אויסדרוק אין דער פולער דערקענטעניש פון דער וועלט, פון דער נאַטור אַרום זיך אין דער צונויפגיסונג אין איין גאַנצקייט מיט אַלץ, וואָס דערנענטערט דעם מענטשן צום פולקאָמענעם גליק. און פול־קאָמענער גליק פאַר דעם מענטשן וועט אָנקומען, ווען די וויסנשאַפט און די קונסט וועלן אָנהייבן שטרעבן צו די זעלביקע צילן, דערגרייכן די זעלביקע צילן דורך זייער אייגענער פולקאָמקייט. דאָס וועט זיין אַ צייט, ווען אַלץ, וואָס איז שיין און וואָס איז נוצלעך וועט דערגרייכט ווערן ניט דורכן קאַמף, דורך דער אָנשטרענגונג פון מענטשלעכער אַרבעט, דורך זיינע זאָרגן און ראַנגלענישן, נאָר דורך זיין פרייען ווילן, וואָס וועט איינשפּאַנען די וויסנשאַפט און די קונסט פאַר זיינע אומבאַ־גרענעצטע צילן. אין דער צייט וועט דער מענטש פון אַ שקלאַף פון דער נאַטור זיך פאַרוואַנדלען אין איר הערשער און באַהערשער. דער ציל, פאַר דער קונסט פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט, — דער ציל וועט זיין דער שיקזאַל, דער זין פון זיין עקזיסטענץ, זיין פאַרפולקאָמענקייט אין דער נאַטור, און זיין פאַרפולקאָמענקייט אין זיך אַליין — ווי אַ

הערשער פון גייסטיקע און פיזישע רייכקייטן, וועלכע ער טיילט מיט דער מענטשהייט, מיט וועלכער ער לעבט זיך אויס אין די רייכקייטן.

*

שרייבן היסטאָרישע ראָמאַנען איז אַ מאָל געווען זייער לייכט: מ׳האָט באַדאַרפט אויסקלייבן אַ וועלכן עס איז העלד פון דער געשיכטע, אַריינפלעכטן אים אין די געשיכטלעכע געשעענישן פון דער צייט — און דאָס אַלץ. געוויינלעך פלעגט פון דעם אַרויסקומען אַ ווערק פון אי־בערגעטריבענעם ראָמאַנטיזם, וואָס איז געגאַנגען אויף שטאָלצן. עס איז געווען צו הויך, צו ווייט פונעםווירקלעכן לעבן פון דער גענומענער צייט. דער העלד איז געווען באַזונדער און דאָס לעבן איז געווען באַ־זונדער. אייגנטלעך האָט מען צוליבן „העלד" ניט אַרויסגעזען דאָס לעבן. איצט דאַרף מען שרייבן היסטאָרישע ראָמאַנען ווייט אַנדערש. מען באַשאַפט אַ נײַ היסטאָריש בילד, אַ צוקונפט־בילד, אַנשפאַרנדיק זיך אין דעם אַלטן היסטאָרישן אמת, רעסטאַווירנדיק דעם מענטש־לעכן קאַמף פאַרן אמת, פאַר פּולקאָמענקייט אין די פאָרמען פון עסענ־ציעלע קאַמפן פון דעם מענטש.

*

צו שרייבן אַ היסטאָרישן ראָמאַן — אַפילו אין פּראָזע — דאַרף דער שרייבער זיין איבערפולט און אָנגעצונדן מיט אַ פּאָעטישער באַגייסטע־רונג. אַ היסטאָרישער ראָמאַן, ווי רעאַליסטיש און היסטאָריש־פּינקטלעך ער זאָל נישט זיין אין דער רעסטאַווראַציע פון פאַקטן און אין סיטואַ־ציעס, דאַרף טראָגן אין זיך דעם פּאָעטישן הויך פון אַן עפּאָפּעע, פון אַן עפּיש־פּאָעטישן ווערק, וואָס דאַרף דעם שרייבער פאַרפליכטן צו אַ פּאָעטישן אָטעם, צו פּאָעטישער עקסטאַטישקייט, צו סובלימירטער, סטי־ליסטישער שעפערישקייט, וואָס דערנענטערט דאָס ווערק צו פּאָעזיע אין דער פּראָזאַישער פאָרעם.

אינהאַלט

אַ וואָרט וועגן ל. כאַנוקאָוו, פון נחמן מייזיל . 7

I

פון דאָס ניי 13

II

אין די ווענט פון מויערן 79

III

וואָס איך טראַכט

וועגן לעבן און טויט 111

וועגן זין פון לעבן 127

דער מהות און דער סוד פון קונסט . . 132

די קונסט פון וואָרט 152

פאָרם און אינהאַלט 155

וועגן הייַנטצייַטיקן און היסטאָרישן ראָמאַן . 159

ביכער פון ל. כאַנוקאָוו

שווערע הימלען, ניו־יאָרק	—	1923, 320 זז׳
אין פרומע שעהן, נ״י	—	1925, 192 זז׳
דער מענטש, נ״י	—	1929 236 זז׳
די סובמאַרין 1, נ״י *)	—	1932, 184 זז׳
אין קלעם פון צייט, נ״י,	—	1958, 315 זז׳
ליטעראַרישע עסייען, נ״י	—	1960, 333 זז׳
קריזיס (ראָמאַן), תל־אביב	—	1963, 350 זז׳

*) „די סובמאַרין" איז דערשינען אין רוסיש און אין ענגליש.